STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09951

DI ETIK

Petr Alekseevich Kropotkin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּעטער קראָפּאָטקין

די עטיק

די אָפּשטאַמונג און אַנטוויקלונג פון מאָראַל

איבערזעצט אויס דעם רוסישן אָריגינאַל

פון דר. י. א. מעריסאָן

צווייטער טייל פון דעם ערשטן באַנד

מיט א ביילאגע פון קראפאטקינס ערשטער סאציאלער שריפט:

„וועגן דעם אידעאל פון דער צוקונפטיגער געזעלשאפט“.

אַרויסגעגעבן פון דער

קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט

ניו יאָרק, 1932

אינהאַלט

ניינטער קאפיטל: די אנטוויקלונג פון די לערען וועגן מאָראל אין דער נייער צייט ......ז. 289-311

צענטער קאפיטל: די אנטוויקלונג פון די מאָראל־לערען (19טער יאָרהונדערט) .... ז. 312-348

עלפטער קאפיטל: די אנטוויקלונג פון די לערען וועגן מאָראל אין 19טן י. ה. (פאָרטגעזעצט)—ז. 349-382

צוועלפטער קאפיטל: די אנטוויקלונג פון די לערען וועגן מאָראל אין 19טן י. ה. (פאָרטגעזעצט)—ז. 383-425

דרייצענטער קאפיטל: די אנטוויקלונג פון די מאָראל לערען דער 19טער י. ה. (פאָרטגעזעצט)—ז.426-439

שלוס־וואָרט .... ז. 440-446

נאָטיץ .... ז. 447

וועגן דעם אידעאל פון דער צוקינפטיגער געזעלשאפט און די פראקטישע מיטלען אים צו פארווירקליכן .... ז. 451-517

ניינטער קאפיטל

די אנטוויקלונג פון די לערען וועגן מאָראַל אין דער נייער צייט

(סוף 18טן און אָנהויב 19טן יאָרהונדערט)

די אנטוויקלונג פון די לערען וועגן מאָראַל אין דייטשלאנד.— קאַנט. — דער ווילן און דער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו אין קאַנט׳ס עטיק. — די מעטאפיזיקע פון זיטן. — פיכטע.— שעללינג. — העגעל. — שלייערמאַכער.

אין דער אנטוויקלונגסגעשיכטע פון דער ווּיסנשאַפט וועגן מאָראַל האָבן די לערען פון די פילאָסאָפן פון דער צווייטער העלפט פון 18טן י. ה. — העלוועציוס, מאָנטעסקיע, וואָלטער און רוססאָ, די ענציקלאָפּעדיסטן דידראָ, ד׳אַלאַמבער און האָלבאַך — פאַרנומען אַן אָנגעזעהענעם פּלאַץ, ווי מיר האָבן שוין דאָס אָנגעוויזן אין דעם פאָריגן קאַפּיטל. דאָס געוואָגטע לייקענען אין דער באַדייטונג פון דער רעליגיע פאַר דער אויסאַרבעטונג פון די מאָראַלע באַגריפן, וואָס מיר געפינען ביי די דאָזיגע דיינקער; זייער באַהויפּטונג פון ג ל י י כ ב אַ ר ע כ ט י ג ו נ ג — וויכטיגסטנס די פּאָליטישע— און ענדליך, די אנטשליסנדע באַדייטונג, וואָס דער רוב פון די דער־מאָנטע פילאָסאָפן האָבן צוגעגעבן דעם פאַרנינפטיג־באַגריפענעם גע־פיל פון די פּערזענליכע אינטערעסן אין דער באַשאַפונג פון די געזעלשאַפטליכע פאָרמען פון לעבן — דאָס אַלץ איז געוועזן העכסט וויכטיג פאַר דער אויסאַרבעטונג פון ריכטיגע באַגריפן וועגן מאָראַל און האָט געהאָלפן צו פאַרברייטערן אין דער געזעלשאַפט דאָס באַ־וואוסטזיין, אז די מאָראַל קאָן לחלוטין זיין באַפרייט פון דער רע־ליגיעזער סאַנקציע.

אָבער דער טעראָר פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און די אַלגעמיינע צעשטערונג, וואָס איז געקומען מיט דער פאַרניכטונג פון די פעאָדאַלע רעכטן, און דערנאָך די מלחמות, וואָס האָבן געפאָלגט נאָך דער רעוואָלוציע, האָבן מיטגעבראַכט פיל דיינקער צו זוכן די באַגרינדונג פון דער עטיק ווידער אַמאָל אויף איבערנאַטירליכע יסודות, אָנגעמענדיג זיי אין אַ מער אָדער ווייניגער פאַרמאַסקירטער פאָרם. די פּאָליטישע און סאָציאַלע רעאַקציע איז געוועזן באַגלייט אויף׳ן געביט פון דער פילאָסאָפיע מיט דער ווידערגעבורט פון דער מעטאַפיזיקע. אָט די ווידערגעבורט פון מעטאַפיזיקע אין דער פילאָסאָפיע האָט זיך אָנגעהויבען אין דייטשלאַנד, וואו עס איז ארויסגעטראָטן מיט זיין לערע, צום סוף 18טן י. ה., דער גרעסטער דייטשער פילאָסאָף אימאַנועל קאַנט (געב. 1724, געשט. 1804). קאַנט׳ס לערע שטייט אויפן גרעניץ צווישן דער אַבסטראַקטער פילאָסאָפיע פון די פריערדיגע יאָרהונדערטן און דער מאָדערנער נאַטורוויסנשאַפטליכער פילאָסאָפיע פון 19טן יאָרהונדערט. מיר ווילן איצטער אריבערגיין צו געבן אַ קורצע באַשרייבונג פון קאַנט׳ס מאָראַל־פילאָסאָפיע. *

קאַנט האָט זיך אוועקגעשטעלט אַ ציל צו באַשאַפן אַ ראַציאָנאַלע עטיק, ד. ה. אַ טעאָריע פון מאָראַלע באַגריפן, וואָס איז פולשטענדיג פאַרשיידן פון דער עמפּירישער עטיק, ד. ה. פון יענע לערען וועגן מאָראַל, וועלכע עס האָבן געפּרעדיגט אין 18טן י. ה. די מערסטע ענגלישע און פראַנצויזישע דיינקער. קאַנט׳ס טעאָריע פון מאָראַל האָט געזאָלט זיין בשייכות צו די פריערדיגע טעאָריעס דאָס אייגענע וואָס די טעאָרעטישע מעכאַניק איז פאַר דער אָנגעוואַנדטער.

דאָס ציל, וואָס קאַנט האָט זיך אוועקגעשטעלט, איז, פאַרשטייט

---

* קאַנט האָט דאַרגעלייגט זיין פילאָסאָפיע פון מאָראַל אין דריי ווערק: „גרונדלעגונג צור מעטאַפיזיק דער זיטטען", 1785; „קריטיק דער פּראַקטישען פערנונפט", 1788; „סיסטעם פון מעטאַפיזיק דער זיטטען", 1797. אויסער דעם מוז מען זיך אויך באַקענען מיט זיינע אָפּהאַנדלונגען „וועגען רעליגיע", „רעליגיאָן אינערהאַלב דער גרענצען דער בלאָסען פערנונפט", 1793. אַ גענויער אַנאַליז פון קאַנט׳ס מאָראַל פילאָסאָפיע געפינט זיך ביי יאָדל, וואונדט, פאולסען און אַנדערע.

זיך, ניט געוועזן קיין נייעס. כמעט אַלע דיינקער ביז קאַנטן האָבן אויך געשטרעבט צו באַשטימען די ראַציאָנאַלע יסודות פון דער עטיק. נאָר קאַנט האָט געוואָלט, פאַרקערט ווי די ענגלישע און פראַנצויזישע פילאָסאָפן פון 17טן י. ה., אַנטדעקן די גרונט־געזעצן פון מאָראַל ניט מיט דער הילף פון אַן אויספאָרשונג פון דער מענש־ליכער נאַטור און דער באָאָבאַכטונג אויפן לעבן און די האַנדלונגען פון מענשן, נאָר דורך דעם מיטל פון אַבסטראַקטן דיינקען.

דיינקענדיג וועגן די יסודות פון מאָראַל איז קאַנט געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַזאַ יסוד איז אונזער ב א ו ו א ו ס ט־ז י ן פ ו ן פ ל י כ ט. דערצו קומט אָט דער באַוואוסטזין, לויט קאַנטס מיינונג, ניט אַרויס פון דער אויסרעכענונג וועגן די נוצן (קיין חלוק צי פאַר דעם יחיד, צי פאַר דער געזעלשאַפט) און אויך ניט פון דעם געפיל פון ס י מ פ א ט י ע אָדער ו ו א ו י ל־ו ו י ל ן, נאָר ער שטעלט מיט זיך פאָר אַן איינגנשאַפט פון דעם מענשליכן שכל. לויט קאַנטס מיינונג קאָן דער מענשליכער שכל באַשאַפן צווייערליי אַרטן רעגעלן פאַר דעם מענשנס אויפפיר: אייניגע פון די־דאָזיגע רעגעלן זיינען קאָנדיציאָנעלע, אַנדערע זיינען אַבסאָלוטע. צום ביישפּיל, אויב דו ווילסט זיין געזונט, פיר א מעסיג לעבן: דאָס איז א קאָנדיציאָנעלע פאָדערונג. א מענש, וואָס וויל ניט פירן קיין מעסיגן אַרט לעבן, קאָן נעגליזשירן מיט זיין געזונט. אַזוינע פאָרשריפטן טראָגן ניט אין זיך גאָרנישט אומבאַ־דינגטעס: מען קאָן זיי יאָ אָפּהיטן אָדער ניט אָפּהיטן. צו אָט אַזעלכע קאָנדיציאָנעלע פאָדערונגען געהערן אַלע פאָרשריפטן פון אויפפירונג, וואָס זיינען באַגרינדעט אויף אינטערעסן, און אַזוינע באַדינגטע געבאָטן קאָנען ניט ווערן דער יסוד פון מאָראַליטעט. די מאָראַלע פאָדערונגען מוזן האָבן אַן אַבסאָלוטן כאַראַקטער פון אַן אומבאַדינגטן געבאָט (א קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו). אָט אַזאַ קאַטעגאָרישער אימפעראַטיוו איז טאַקע דעם מענשנס באַוואוסטזין פון פליכט.

פונקט אַזוי ווי די אַקסיאָמען פון דער ריינער מאַטעמאַטיק קומען דעם מענשן ניט דורך דערפאַרונג (אַזוי האָט קאַנט געדיינקט), אַזוי אויך האָט דער באַוואוסטזין פון פליכט, מיט זיין אייגנטימ־ליכן כאַראַקטער פון התחיבות, דעם כאַראַקטער פון א נאַטירליכן געזעץ און געפינט זיך אין דעם שכל פון יעדער ראַציאָנאַל־ דיינ־

קענדער באשעפעניש, — אזא איז די איינגעשאפט פון דער „ריינער פארנופט“.

עס מאכט ניט אוים, וואס דער מענש פאלגט קיינמאל ניט אין זיין לעבן *אינגאנצן* דעם קאטעגארישן מאראלן אימ־פעראטיוו. וויכטיג איז דאס, וואס דער מענש איז געקומען צו דער דערקענטניש פון דעמדאזיגן אימפעראטיוו אהן וועלכער עס איז באאבאכטונג אדער איינפלוס פון די געפילן, נאר אזוי ווי ער וואלט אים אנטדעקט אין זיך און אים אנדערקענט פאר דעם העכסטן געזעץ פאר זיינע אויפפירונגען.

אין וואס־זשע קאן באשטיין די מאראלע פליכט? די פליכט לויט איר עצם מהות איז דאס, וואס האט אן אבסאלוטע באדיי־טונג, און דעריבער קאן זי קיינמאל ניט זיין בלויז א *מיטל* פאר עפעס אן אנדער זאך, נאר איז אין דערזעלביגער צייט אויך א *ציל* אן און פאר זיך. וואס־זשע האט פאר דעם מענשן אן אב־סאלוטע באדייטונג און מוז בכן זיין פאר אונז א ציל?

לויט קאנטס מיינונג „האט נאר איין זאך אויף דער וועלט, און אפילו אויסער דער וועלט, אן אבסאלוטע באדייטונג“, און דאס איז: *דער פרייער פארנינפטיגער ווילן*. אלע זאכן אין דער וועלט, זאגט קאנט, האבן א רעלאטיווען ווערט, און נאר די פארנינפטיגע און פרייע פערזענליכקייט האט אן אבסא־לוטן ווערט אן און פאר זיך. בכן, איז דער פרייער און פארנינפ־טיגער ווילן, וואס האט אן אבסאלוטן ווערט, דער אביעקט פון מא־ראלער פליכט. „*דו מוזט זיין פריי און פארנינפטיג*“ — אט דאס איז דער מאראלער געזעץ.

אויפשטעלנדיג אט אזא מאראלן געזעץ, פירט קאנט ארוים וייטער די ערשטע פארמולע פון א מאראלן אויפפיר: „פיר זיך, זאגט ער, אויף אזא אופן, כדי אנצודערקענען אלעמאל אין זיך און אין אנדערע דעם פרייען און פארנינפטיגן ווילן ווי א ציל און ניט ווי א מיטל“. אלע מענשן, אזוי גוט ווי מיר, זיינען באשאנקען מיט א פרייען און פארנינפטיגן ווילן, איז דעריבער קאנען זיי קיינמאל ניט זיין פאר אונז א מיטל. דער אידעאל, צו וועלכן די מאראל שטרעבט איז, לויט קאנטס מיינונג, א רעפובליק פון פרייע און פארנינפטיגע מענשליכע פערזענליכקייטן — א רעפובליק, אין וועלכער יעדע פערזענליכקייט איז א ציל פאר אלע איבעריגע. אויף

אַט דעם גרונט האָט קאַנט דעפינירט דעם מאָראַלן געזעץ אין די פאָלגנדע אויסדרוקן: „באַגיי זיך אַלעמאָל אַזוי, אַז דיין אויפפיר זאָל קאָנען ווערן אַן אַלגעמיינער געזעץ"; אדער אין אַנאַנדער רע־דאַקציע: „באַגיי זיך אַזוי, כדי דו זאָלסט ווי א פאַרניגנפטיגע באַ־שעפעניש קאָנען וועלן, אַז דיין אויפפיר זאָל ווערן אַן אַלגעמיינער געזעץ"; אדער ענדליך: „פיר זיך אַזוי, כדי דער רעגל, וואָס פירט דיין ווילן, זאָל אויך קאָנען זיין דער יסוד פון אַן אַלוועלטליכער געזעצגעבונג".

די ניט־גרויסע אָפּהאַנדלונג, אין וועלכער קאַנט האָט ארויסגע־זאָגט די דאָזיגע געדאַנקען, איז אָנגעשריבן אין אַן איינפאַכן און שטאַרקן סטיל, וואָס אַפּעלירט צו דעם מענשנס בעסטע אינסטינקטן. עס איז דעריבער פאַרשטענדליך וואָס פאַר א דערהויבענדיגן איינ־פלוס קאַנט'ס לערע האָט געהאַט, באַזונדערס אין דייטשלאַנד. להיפך צו די איידעמאָניסטישע און אוטיליטאַריסטישע מאָראַל־טעאָריעס, וועלכע האָבן געלערנט דעם מענשן צו זיין מאָראַליש דערפאַר, ווייל ער וועט אין דעם מאָראַלישן אויפפיר געפינען גליק (די טעאָריע פון די איידעמאָניסטן), אדער נוצן (די טעאָריע פון די אוטיליטאַריסטן) — האָט קאַנט באַהויפּטעט, אַז מען מוז פירן א מאָראַליש לעבן דערפאַר, ווייל אין דעם ליגט א פאָדערונג פון אונזער פאַרנונפט. צום ביישפּיל, דו דאַרפסט אַכטן דיין אייגענע פרייהייט און די פרייהייט פון אנדערע ניט נאָר יעמאָלט, ווען דו ווילסט ציען פון דעם א געוויסן נוץ אדער באַ־פרידיגונג, נאָר אַלעמאָל און אונטער אַלע אומשטענדן דערפאַר, ווייל פרייהייט איז אַן אַבסאָלוטעס גוטס, און נאָר זי אַליין מאַכט אויס א ציל אַן און פאַר זיך; אַלעס אנדערע איז בלויז א מיטל. מיט אנדערע ווערטער: די מענשליכע פּערזענליכקייט איז אַן אָביעקט פון אַבסאָלוטער אַכטונג, אין אונז אַליין, אַזוי גוט ווי אין אנדערע. די אַבסאָלוטע אַכטונג צו דער פּערזענליכקייט שטעלט צוזאַמען, לויט קאַנטס מיינונג, דעם מאָראַלן יסוד פון מאָראַליטעט און רעכט.

קאַנטס עטיק איז באַזונדערס אָנגעמאָסטן פאַר די, וואָס צווייפלען אין דעם מוז פון די קירכליכע און עוואַנגעלישע תקנות און אין דערזעלביגער צייט קאָנען זיי ניט פועלן ביי זיך אוועקצו־שטעלן זיך אויפן שטאַנדפונקט פון דער נאַטורוויסנשאַפט. דערצו, אויך צווישן די וויסנשאַפטליך־געבילדעטע מענשן געפינט קאַנטס

עטיק אַנהייגנער ביי די, וועלכע זיינען געוויינט צו גלויבן, אז דער מענש דערפילט דאָ אויף דער ערד אַ פאַראויסבאַשטימונג פון אַ „העכערן ווילן“, און ביי די וואָס געפינען אין קאַנטס לערע אַן אויס־דרוק פון „זייערע אייגענע אומקלאָרע גלויבנס“, וועלכע זיינען זיי געבליבן ווי אַ ירושה פון דעם פריערדיגן גלויבן.

דעם דערהויבנדיגן כאַראַקטער פון קאַנטס עטיק קאָן מען ניט באַשטרייטן. אין אמתן אבער לאָזט זי אונז איבער אין פולשטענ־דיגער אומוויסנהייט בנוגע דער הויפּט פראגע פון דער עטיק, דאָס איז — וועגן דער אַנטשטייאונג פון דעם געפיל פון פליכט. זאָגן, אז דער מענש דערקענט אין זיך אַזאַ הויכן געפיל פון פליכט, אז ער האלט עס פאַר אַ חוב אים צו פאָלגן, פירט אונז ניט ווייטער ווי מיר זיינען געווען מיט האָט־שינסאָנען, בעת ער האָט געזאָגט, אז אין דעם מענשן ליגט טיף פאַרשטעקט אַ מאָראַלער געפיל, וואָס צווינגט אים צו גיין אין דערדאָזיגער ריכטונג — דערהויפּט נאָך אז מען קאָן ניט אָפּלייקע־נען דעם איינפלוס פונם שכל אויף דער אויסאַרבעטונג פון די גע־פילן. דער שכל, זאָגט קאַנט, ליגט אויף אונז ארויף דעם מאָראַלן געזעץ; דער שכל, וואָס הייננט ניט אָפּ פון דערפאַרונג, וואָס הענגט אויך ניט אָפּ פון די באָאַבאַכטונגען אויף דער נאַטור. אבער נאָכ־דעם ווי קאַנט האָט דאָס באַוויזן מיט אַזאַ ענטוזיאַזם און האָט עס געלערנט אין אַ משך פון פיר יאָר נאָך דער ערשיינונג פון דער „קריטיק דער פראַקטישן פאַרנונפט“, איז ער סוף כל סוף געווען געצוואונגען מודה צו זיין, אז ער איז לחלוטין ניט בכח צו געפינען אין מענשן דעם מקור פון דערדאָזיגער אַכטונג פאַר דעם מאָראַלן געזעץ. און ער אַנטזאָגט זיך צו לייזן אָט דעם גרונט־פּראָבלעם פון דער עטיק — אנדייטנדיג דערביי אויף אַ „געטליכער אָפּשטאַמונג“ פון דערדאָזיגער אַכטונג. *

איז די דאָזיגע ענדערונג אין זיין מיינונג און דער צוריקקער צו דער טעאָלאָגישער עטיק פאַרגעקומען אונטער דעם איינפלוס פון די איבערלעבונגען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אָדער קאַנט האָט אפשר ארויסגעזאָגט אין יאָר 1792 די אידייען, וועלכע ער האָט שוין געהאַט אין געדאַנק דאַמאָלסט, בעת ער האָט געשריבן

---

* קאַנט, „אַ פילאָסאָפישע טעאָריע פון רעליגיע“, טייל 1.

זיינע „גרונדלייגונגען" און „די קריטיק דער פּראַקטישען פאַרנונפט" — די פראַגע איז שווער צו פאַרענטפערן. ווי די מעשה איז, אָט זיינען זיינע אייגענע ווערטער אין דעם אויבען דערמאָנטען ארטיקעל (וועלכע זיינע מפרשים דערמאָנען געוויינלאך ניט): „עס איז על כל פּנים פאַראַן אין אונזער נשמה עפּעס א יש, צו וואָס מיר קאָנען זיך אנדערש ניט פאַרהאַלטען ווי מיט דער גרעסטער באַוואונדערונג און אנטציקונג — דאָס איז אונזער מיטגעבוירענע מאָראַלע אנלאַגע". וואָס־זשע שטעלט מיט זיך אזוינס פאָר דידאָזיגע אנלאַגע, וואָס דער געדאַנק אליין וועגן איר הויבט אונז אויף אזויפיל העכער איבער אלע געוויינלאַכע באַדערפעניסען, אז מיר קוקען אויף זיי ווי אויף עפּעס אומווירדיגעס און האַלטען, אז לעבען כדי בלויז צו באַפרידיגען דידאָזיגע באַדערפעניסען וואָלט קיין שום זין ניט געהאַט? בעת דאָס לעבען אין איינקלאַנג מיט דער מאָראַלער פליכט ווערט פאַר אונז אומגעהויער ווערטפול, הגם אונזער מאָראַלער באַוואוסטזיין פאַרשפּרעכט אונז אפילו ניט קיינע באַלוינונגען פאַר מקיים זיין די מאָראַלע פאָדערונגען און דראָהעט אונז ניט אין פאַרקערטען פאַל מיט קיינע באַשטראָפונגען... דער סוד פון דער אָפּשטאַמונג פון דערדאָזיגער פייאיקייט פון אונזער פאַרנונפט, וואָס ווייזט אָן אויף איר געטליכער אָפּשטאַמונג, דארף דערהויבען אונזער גייסט ביז צו ענטוזיאַזם און אונז שטאַרקען צו ברייינגען יעדען קרבן, וואָס די אַכטונג צו דער פליכט קאָן פון אונז פאָדערן. *

פאַרוואַרפענדיג אויף דעם אופן די באַדייטונג און מען קאָן זאָגן אפילו די סאַמע עקזיסטענץ פון דעם געפיל פון סימפּאַטיע און געזעלשאַפטליכקייט אין דעם מענשען, אויף וועלכע האַטשיסאָן און אדאַם סמיטה האָבען זיך באַרופען אין זייערע מאָראַל־טעאָריעס; און האַלטענדיג די מאָראַלע אנלאַגע אינם מענשען ווי א גרונט־אייגענשאַפט פון דער פאַרנונפט, האָט קאַנט, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט געפינען אין דער נאַטור קיין זאַך ניט, וואָס וואָלט אים געקאָנט אָנווייזען אויף דער נאַטירליכער אנטשטייאונג פון דער מאָראַל, און דעריבער איז אים אויסגעקומען אָנצודייטען אויף דער מעגליכער געטליכער אָפּשטאַמונג פון אונזער באַוואוסטזיין פון מאָראַלער פליכט. נאָך מער, דאָס וואָס ער דערמאָנט אָפּט, אז דער באַוואוסט-

* קאַנטס ווערק, באַנד 6, ז. 143—144, האַרטענשטיינס אויסגאַבע.

זין פון א מאראלן געזעץ איז אייגנטימליך פאר דעם מענשן צוגלייך מיט אלע „ראציאנאל־דיינקענדע וועזנס“ (דערביי זיינען די חיות אויסגעשלאסן געווארן פון דער רעכענונג) צווינגט אונז אפילו צו דיינקען, ווי שאפענהויער האט שוין אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם, אז ריידנדיג אזוי האט קאנט אין זינען געהאט „די וועלט פון מלאכים“.

פונדעסטוועגן אבער מוז מען זאגן, אז קאנט מיט זיין פילאָסאָפיע און לערע וועגן מאראל האט זייער פיל מיטגעהאלפן צו צערשטערן די טראדיציאנעלע קירכליכע עטיק און צוצוגרייטן דעם באדן פאר א נייער ריין־וויסנשאפטליכער עטיק. מען קאן אהן גוזמא זאגן, אז קאנט האט געהאלפן אפרייניגן דעם וועג פאר דער עוואָלוציאניסטישער עטיק פון אונזער צייט. מען טאר אויך ניט פארגעסן, אז איינזעהענדיג דעם דערהויבנדיגן כאראקטער פון דאס מאראלע, האט קאנט אנגעוויזן פולשטענדיג ריכטיג, אז מען קאן ניט באגרינדן די מאראל אויף די אויסרעכענונגען פון נ ו צ ן און ג ל י ק, ווי דאס האבן געשטרעבט צו באהויפטן די איידעמאָניסטן און די אוטיליטאריסטן. צוזאמען דערמיט האט קאנט אויך באוויזן, אז פאר דער באגרינדונג פון מאראל איז אויך ניט גענוג דער איין געפיל בלויז פון סימפאטיע אדער מיטגעפיל. אין דער אמתן, ווי הויך עס זאל ניט זיין אנטוויקלט אין מענשן דער געפיל פון סימפאטיע צו אנדערע, זיינען פאראן פונדעסטוועגן מינוטן אין לעבן, ווען דער דאזיגער הויך־מאראלער געפיל טרעט אריין אין א ווידערשפרוך, זאל זיין אפילו נאר אויף א ווײַלע, מיט אנדערע שטרעבונגען פון אונזער נאטור: דער מענש מוז דאן באשליסן ווי צו האנדלען אין דעם געגעבענעם פאל, און דערביי, אין יענער מינוט, רעדט אינם מענשן גאנץ הויך דער מאראלער באוואוסטזיין. די גרונט־פראגע פון דער עטיק באשטייט דאך גראד אין דעם, ווי אזוי, מיט דער הילף פון וועלכער פייאיקייט באשליסט דער מענש אין אט דעם צוזאמענשטויס פון צוויי שטרעבונגען, און פארוואס גיט דער באשלוס, וועלכן מיר רופן אן א מאראלער, א אינעווייניגסטע באפרידיגונג און קריגט דעם בייפאל פון אנדערע מענשן? אין דעריין באשטייט טאקע די הויפט פראגע פון אלע לערען וועגן מאראל, און אויף אט דער פראגע האט קאנט ניט געגעבן קיין ענטפער. ער האט נאר אנגעוויזן אויף דעם אינערליכן קאמף אין דער מענשלי־

בער נשמה, און האָט איינגעזען, אז אין דעמדאָזיגן קאמף שפּילט די אנטשליסנדע ראָליע דער *פאַרשטאַנד* און ניט *דערגעפיל*. אזא אָנווייז איז נאָך ניט קיין לייזונג פון דער פראגע, ווארים גלייך נאָכדעם שטעלט זיך אויף אנאנדער פראגע: פאַרוואָס־זשע באַשליסט אונזער פאַרשטאַנד אזוי און ניט אנדערש? זאָגן, אז אין דעם צוזאַמענשטויס פון צוויי שטרעבונגען ריכטעט זיך דער פאַרשטאַנד לויט דער *ניצליכקייט* פון דאָס מאָראַלע — דערפון האָט קאַנט מיט רעכט זיך אָפּגעזאָגט. געוויס האָט די אויסרעכענונג וועגן די נוצן פון די מאָראַלע האַנדלונגען פאַרן מענשליכן מין געהאַט א גרויסע באַדייטונג אין דער אויסאַרבעטונג פון אונזערע מאָראַלע באַגריפן; אָבער אין די מאָראַלע האַנדלונגען בלייבט נאָך א חוץ דעם עפּעס, וואָס לאָזט זיך ניט דערקלערן דורך די אויסרעכענונגען ניט וועגן דעם נוצן, ניט וועגן דעם שאָדן פאַרן מענשן: און אָט דעם „עפּעס" זיינען מיר מחויב צו דערקלערן. אזוי אויך איז די אויסרעכענונג וועגן דער אינערליכער באַפרידיגונג, וואָס מען פילט פון אן אָפּגעטאָנענער מאָראַלער טאַט, נאָך אויך ניט גענוג: מען דאַרף דערקלערן *פאַרוואָס מיר פילן אזא באַפרידיגונג*, פּונקט ווי אחוץ דער דערקלערונג וועגן דעם איינפלוס, וואָס געוויסע צונויפשטימונגען פון קלאַנגען און אקאָרדן האָבן אויף אונז, האָט מען נאָך געדאַרפט באַווייזן פאַרוואָס אזוינע צונויפשטימונגען פון קלאַנגען זיינען פיזיש אנגענעם פאַר אונזער געהער און אנדערע זיינען ניט אנגענעם, פאַרוואָס געוויסע צונויפשטימונגען פון מאָסן און ליניעס אין אַרכיטעקטור זיינען ליב אין אונזערע אויגן און אנדערע „באַליידיגן" זיי.

קיין ענטפער אויף דער גרונט־פראַגע פון דער גאַנצער עטיק האָט קאַנט, הייסט עס, ניט געהאַט בכח צו געבן. אבער מיט זיין זוכן א טיפערע דערקלערונג פון די מאָראַלע באַגריפן האָט ער צוגעגרייט דעם וועג פאַר יענע, וועלכע האָבן געפאָלגט בעיקאַנס אָנדייטונגען און האָבן זיך געווענדעט, ווי דאָס האָט דאַרווין געטאָן, צו דעם אינסטינקט פון געזעלשאַפטליכקייט, וואָס איז אייגנטימליך פאַר אלע חיות, וועלכע לעבן אין געזעלשאַפטן. אין דעמדאָזיגן אינסטינקט האָט דאַרווין געזען א *גרונט פייאיקייט* פון דעם מענשן, וואָס האָט זיך אלץ מער און מער אנטוויקלט אין

פארלויף פון זיין לעבנס-געשיכטע, און דערמיט אליין האט ער געעפנט א וועג פאר דער באשאפונג פון א נייער רעאליסטישער עטיק.

וועגן קאנטס מאראל-פילאסאפיע איז זייער א סך געשריבן געווארן, און מען האט נאך געקאנט א סך זאגן וועגן איר. איך וועל זיך אבער באשרייינקען אויף בלויז נאך עטליכע באמערקונגען:

אין דער „גרונדלעגונג צור מעטאפיזיק דער זיטטען" — קאנטס הויפטווערק איבער עטיק — איז ער זיך ערליך מודה, אז מיר זעהען ניט איין, פארוואס מיר מוזן האנדלען אין איינקלאנג מיט דעם מאראלן געזעץ: „מיט אנדערע ווערטער, מיר קאנען ניט זעהן פונוואנען עס באקומט זיך דער אבליגאטארישער כאראקטער פון דעם מאראלן געזעץ" (ז. 93, הארטנשטיינס אויסגאבע). „מען מוז זיך אפן מודה זיין", זאגט ער ווייטער, „אז דא באקומט זיך א מין קרייז, פון וועלכן עס איז הפנים ניטא קיין אויסוועג. מיר האלטן, אז מיר זיינען פריי און דעריבער דיינקען מיר, אז בנוגע די צילן זיינען מיר אונטערוווארפן אונטער מאראלע געזעצן; דערנאך באטראכטן מיר זיך אונטערוווארפן אונטער דידאזיגע געזעצן, ווייל מיר האבן זיך צוגעשריבן די פרייהייט פון ווילן" (ז. 83-84). כדי צו ווייזן אט דעם אויבנאויפיגן טעות פון דיינקען, האט קאנט פרובירט געבן א דערקלערונג, וואס שטעלט צוזאמען דעם עצם פון זיין גאנצער דערקענטניש-פילאסאפיע. דער שכל, האט ער געזאגט, שטייט ניט נאר העכער פארן געפיל, נאר אויך פאר דער דערקענטניש, היות ווי ער אנטהאלט עפעס גרעסערעס איידער דאס, וואס די חושים גיבן אונז. „דער שכל ווייזט ארויס אזא ריינע זעלבסטטעטיקייט אין דאס, וואס איך רוף אן אידייען, אז ער טרעט ווייט אריבער די גרעניץ פון אלץ וואס די געפילן קאנען געבן, און ער באווייזט זיין הויפט פונקציע דעריין, וואס ער שיידט אפ די געפילטע וועלט פון דער וועלט פון פארשטיין, און ווייזט דערמיט אן די גרעניצן פון דער פארשטענדעניש גופא" (ב. 4 פון זיינע ווערק אין הארטנשטיינס אויסגאבע, ז. 299-301).—„ווען מיר שטעלן זיך פאר ווי פרייע, טראגן מיר זיך אריבער אין דער וועלט פון פארשטאנד ווי א טייל פון איר און אנדערקענען די פרייהייט פון ווילן מיט איר פועל יוצא — די מאראל; בעת ווען מיר האלטען זיך פארפליכטעט צו האנדלען אזוי און ניט אנדערש, באטראכטן מיר זיך ווי מיר

געהערן אין איין און דערזעלביגער צייט אי צו דער וועלט פון גע־פילן, אי צו דער וועלט פון פאַרשטאַנד". — די פרייהייט פון ווילן איז נאָר א אידייאישע פאָרשטעלונג פון דעם פאַרשטאַנד. *

עס איז א קלאָרע זאַך, אַז קאַנט וויל דערמיט זאָגן, אַז זיין „קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו", זיין מאָראַלער געזעץ, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר „דעם גרונט געזעץ פון דעם ריינעם מאָראַלן פאַר־שטאַנד", איז א נויטווענדיגע פאָרם פון אונזער דיינקען. אבער קאַנט האָט ניט געקאָנט דערקלערן פונוואַנען עס נעמט זיך און א דאַנק וועלכע אורזאַכן עס איז אַנטשטאַנען אין אונזער פאַרשטאַנד דוקא אָט אַזאַ פאָרם פון דיינקען. מיר אָבער, אויב איך האָב קיין טעות ניט, קאָנען איצטער באַהויפּטן, אַז זי נעמט זיך פון דער אידייע פון גערעכטיקייט, ד. ה. פון דער אָנדערקענונג פון דער גלייכבאַרעכטיגקייט פון אלע מענשן. עס איז א סך געשריבן גע־וואָרן וועגן דעם מהות פון קאַנטס מאָראַלן געזעץ; אבער די שולד, פאַרוואָס די פאָרמולירונג פון דעמדאָזיגן געזעץ איז ניט אלגעמיין אָנגענומען געוואָרן, איז געווען זיין באַהויפּטונג, אַז „דער מאָראַלער באַשלוס דאַרף זיין אַזעלכער, וואָס זאָל קאָנען אָנגענומען ווערן פאַר דעם גרונט פון דער אלגעמיינער געזעצגעבונג". אָנגענומען ווערן פון וועמען? פון דעם פאַרשטאַנד פון דעם איינצעלנעם מענשן, אדער פון דער געזעלשאַפט? אויב פון דער געזעלשאַפט, קאָן דאָך אין אַזאַ פאַל ניט זיין קיין אנדער רעגל פאַר דער איינשטימי־גער אָפּשאַצונג פון א האַנדלונג א חוץ די טובת הכלל, און דאַמאָלסט קומען מיר בהכרח צו דער טעאָריע פון ניצליכ־קייט (אוטיליטאַריזם) אדער גליקליכקייט (איידע־מאָניזם), פון וועלכע קאַנט האָט זיך אַזוי עקשנות'דיג אָפּגעזאָגט. אויב, ווידער, אין די ווערטער „וואָס זאָל קאָנען אָנגענומען ווערן" האָט קאַנט געהאַט אין אויג, אַז דער רעגל פון מיין האַנדלונג קאָן און דאַרף גערן אָנגענומען ווערן פון דעם פאַרשטאַנד פון יעדן מענשן, ניט בכח פון זיין געזעלשאַפטליכער נוצליכקייט, נאָר בכח פון דעם מענשליכן דיינקען גופא, דאַן מוז זיך אין דעם מענשנס פאַרשטאַנד געפינען א געוויסע אייגנשאַפט, וועלכע קאַנט האָט לייי־דער ניט אָנגעוויזן. אַזאַ אייגנשאַפט איז אין דער ווירקליכקייט

* „אידייע" אין דעם זין ווי קאַנט פאַרשטייט דאָסדאָזיגע וואָרט.

פאראַן, און מען האָט גאָרניט געדאַרפט דורכגיין די גאַנצע קאַנ־טישע מעטאַפיזיקע, כדי זי צו באַגרייפן. צו איר זיינען גאָר נאָענט צוגעקומען אי די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן, אי די ענגליש־שאָטלענדישע דיינקער. אָט די גרינטליכע אייגנשאַפט פון דעם מענשנס פאַרשטאַנד איז, ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, דער באַגריף פון גערעכטיקייט, ד. ה. פון גלייכ־באַרעכטיגונג. קיין אַנדער באַגריף, וואָס זאָל קאָנען ווערן אַן אַלגעמיינער מענשליכער רעגל אויף אָפּצושאַצן די מענשליכע האַנדלונגען, איז ניטאָ און קאָן ניט זיין. נאָך מער, דער רעגל ווערט אַנדערקענט — ניט פולשטענדיג, אָבער אין אַ באַדייטנדער מאָס — אויך פון אַנדערע דיינקענדע באַשעפענישן: ניט פון מלאכים, אויף וועלכע קאַנט האָט אָנגעוויזן, נאָר פון אַ סך געזעלשאַפטליכע חיות; און דערקלערן דידאָזיגע אייגנשאַפט פון אונזער פאַרשטאַנד אַנדערש ווי אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג, ד. ה. מיט דער עוואָלוציע פון דעם מענשן און דער וועלט פון חיות בכלל — איז אוממעגלאַך. לייקענען, אַז דעם מענשנס הויפּט שטרעבונג איז אַ שטרעבונג צו פּערזענליכן גליק אין דעם ברייטסטן זין פון וואָרט, קאָן מען ווירקליך ניט. אין דעריין זיינען אַלע אידעמאָ־ניסטן און אוטיליטאַריסטן גערעכט. אָבער פּונקט אַזוי איז אויך קיין ספק ניט, אַז דער איינהאַלטנדער מאָראַלער פּרינציפּ ווייזט זיך אַרויס איינציייטיג מיט דער שטרעבונג צו פּערזענליכן גליק אין די געפילן פון געזעלשאַפטליכקייט, פון סימפּאַטיע און אין די טאַטן פון געגנזייטיגער הילף, וועלכע באַמערקן זיך שוין ביי די חיות. אַרויסגייענדיג טיילווייז פון דעם ברידערליכן געפיל און טיילווייז פון דעם פאַרשטאַנד, אַנטוויקלען זיי זיך אַלץ מער לפי ערך מיט דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט.

קאַנטס קריטיק האָט בלי ספק געוועקט דאָס געוויסן פון דער דייטשער געזעלשאַפט און האָט אים געהאָלפן אַריבערלעבן אַ קרי־טישן פּעריאָד. זי האָט אים אָבער ניט געלאָזן אַריינקוקן טיפער אין גרונט פון דער דייטשער געזעלשאַפטליכקייט.

נאָך דעם געטהע'ישן פּאַנטעאיזם, האָט די קאַנטישע קריטיק גערופן די געזעלשאַפט אויף צוריק, צו דער איבערנאַטירליכער דער־קלערונג פון מאָראַל באַוואוסטזיין. ווי פון אַ געפערליכן וועג, האָט זי אָפּגעצייגן די געזעלשאַפט, זי זאָל ניט זוכן דעם גרונט־פּרינציפּ

פון מאָראַל אין נאַטירליכע אורזאַכן און אין דער שטופנאַרטיגער אַנטוויקלונג, צו וועלכער עס זיינען צוגעקומען די פראַנצויזישע דיינקער פון 18טן יאָרהונדערט.

בכלל וואָלט ניט געשאַדט די היינטיגע פאַרערער פון קאַנטיאַ־ניזם טיפער אויסאַרבעטן און אויסברייטערן די מאָראַל־לערע פון זייער לערער. — געוויס דאַרף מען וועלן, אַז „דער רעגל פון אונזער אויפפיר זאָל ווערן אַן אַלגעמיינער געזעץ.“ אָבער צי דען האָט קאַנט אַנטדעקט אָט דעם געזעץ? מיר האָבען געזען, אַז אין אַלע מאָראַל־לערען, פון די איידעמאָניסטן און אוטיליטאַריסטן, זיינען די אַלגע־מיינע אינטערעסן אַנדערקענט געוואָרן פאַר דעם יסוד פון דעם מאָ־ראַלן אויפפיר; די גאַנצע פראַגע איז נאָר באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען זאָל באַטראַכטן ווי אַלגעמיינע אינטערעסן? און אויף אָט דער פראַגע, וואָס האָט אַזוי געמאַטערט רוססאָ'ן און די אַנדע־רע פראַנצויזישע שריפטשטעלער פאַר דער גרויסער רעוואָלוציע, ווי אויך אַ טייל פון די שאָטלאַנדישע און ענגלישע פאָרגייענגער זייערע, — אויף אָט דער גרונט־פראַגע פון דער עטיק האָט קאַנט אַפילו גאָרניט געזוכט קיין ענטפער, נאָר האָט זיך באַנוגנט מיט אַנדייטונגען אויף דעם ווילן פון דער גאָטהייט און אויפן גלויבן אין אַ לעבן לעתיד לבוא.

וואָס איז שייך קאַנטס צווייטער פאָרמולע: „פיר זיך אַזוי, אַז דו זאָלסט זיך באַנוצן מיט דער מענשהייט, סיי אין דיין אייגענער פערזאָן, סיי אין דער פערזאָן פון יעדן אַנדער מענשן, ניט בלויז ווי מיט אַ מיטל, נאָר אין דערזעלביגער צייט און אַלעמאָל ווי מיט אַ ציל“ — וואָלט מען, פשוטער גערעדט, געקאָנט זאָגן: „אין פראַגן, וואָס רירן אָן די געזעלשאַפט, זאָלסטו האָבן אין אויג ניט בלויז דיינע אינטערעסן, נאָר די געזעלשאַפטליכע אינטערעסן“.

אָבער אָט דער עלעמענט פון דאָס אומאייגננוציגע, וואָס קאַנט האָט אַזוי שטאַרק באַטאָנט און אין וועלכן ער האָט געזען זיין גרויסע פילאָסאָפישע פאַרדינסט, איז אויך אַזוי אַלט ווי די עטיק אַליין. ווענן אים האָבן זיך שוין געקריגט אין אַלטן גריכנלאַנד די סטאָ־איקער מיט די עפיקורייער, און אין 17טן י. ה. די אינטעלעקטואַ־ליסטן מיט האָבבסן און לאָקקן און יוהמען א. אז. וו. דערצו איז די פאָרמולע גופא קאַנטס ניט קיין ריכטיגע. דער מענש ווערט באמת מאָראַליש ניט יעמאָלט, בעת ער איז מקיים דאָס געבאָט פונם געזעץ,

וואָס ער האַלט פאַר אַ געטליכן, און אויך ניט יעמאָלט, בעת אין זיין איבערלייגונג גייט אַריין אַן אייגנגנוציגער עלעמענט, „פון האַפענונג אָדער מורא", ווי קאַנט אַליין האָט זיך אויסגעדריקט בנוגע דאָס לעבן נאָכן טויט; ער איז מאָראַליש נאָר יעמאָלט, ווען זיינע מאָראַ־לישע אויפפירונגען זיינען געוואָרן ביי אים זיין צווייטע נאַטור.

קאַנט, ווי עס האָט אַנגעוויזן אויף דעם פאָולסען, האָט געפילט אַן אַכטונג צו דער פאָלקסמאַסע, צווישן וועלכער מען באַגעגנט אָפטמאָל, מער איידער צווישן געבילדעטע מענשן, אַ שטאַרקן און פּראָסטן געפיל פון געטרייקייט צו דער פליכט. אָבער אַנצודער־קענען די געזעלשאַפטליכע גלייכבאַרעכטיגונג פון די מאַסן מיט די איבעריגע קלאַסן — דערצו איז ער ניט דערגאַנגען. און דעריבער האָט ער ניט באַמערקט, אַז ריידנדיג אַזוי שיין וועגן דעם געפיל פון פליכט און פאָדערנדיג בעצם, אַז יעדערער זאָל קוקן אויף זיין האַנד־לונג בשייכות צו אַנדערע ווי אויף אַ האַנדלונג, וואָס איז פ אַ ר אַ ל ע מ ע ן ו ו י נ ש ע נ ס ו ו ע ר ט ב ש י י כ ו ת צ ו א ל ע א נ ד ע ר ע — האָט ער פונדעסטוועגן ניט געוואָגט אַרויסצוריידן דאָס, וואָס רוסאָ און די ענציקלאָפּעדיסטן האָבן פּראָקלאַמירט, און וואָס די רעוואָלוציע האָט נאָר־וואָס אַנגעשריבן אויף איר פאָן: די מענשליכע גלייכבאַרעכטיגונג. אָט די דרייסטע קאָנסעקווענץ האָט אים געפעלט. די וויכטיקייט פון רוסאָ'ס לערען האָט ער געזען אין זייערע נעבנזאַכליכע פאָלגן און ניט אין זייער גרינטליכן עצם — אין דעם אויפרוף צו ג ע ר ע כ ט י ק י י ט. אַזוי אויך, אוועק־שטעלנדיק הויך דעם באַגריף פון פליכט, האָט קאַנט זיך ניט גע־פרעגט: „פונוואַנען און פאַרוואָס נעמט זיך אַזאַ אַכטונג?", נאָר האָט עס אָפּגעּפטר'ט מיט די ווערטער „אַלגעמיינער געזעץ", ניט נעמענדיג זיך די מיע צו געפינען אַ וועלכע עס איז אַנדער אורזאַך פאַר דער אַכטונג צו דעמדאָזיגן געזעץ, אַ חוץ זיין מעגליכע אַלגע־מיינהייט. און לסוף, בעת פון דער אַנווענדונג פון אַ וועלכן עס איז רעגל צ ו א ל ע מ ע נ ש ן אָ ה ן א ו י ס נ א ם, האָט דאָך בהכרח געדאַרפט געבוירן ווערן דער באַגריף פון ד ע ר ג ל י י כ ב אַ ר ע כ ט י ג ו נ ג פ ו ן א ל ע מ ע נ ש ן, איז ער פאַרבייגעגאַנגען דעמדאָזיגן אומפאַרמיידליכן שלוס, גאָר ניט באַ־מערקנדיג אים, און האָט געשטעלט זיין עטיק אונטערן שוץ פון אַן אַלערהעכסטן וועזן.

דאָס אַלץ באַשטעטיגט נאָך מער די אויבן־געבראַכטע דער־קלערונג וועגן דער אַנטשטייאונג פון זיין עטיק. אין דער אויסגע־לאָסנקייט פון די געזעלשאַפטן ביים סוף 18טן י. ה. האָט ער געזען דעם שעדליכן איינפלוס פון די ענגליש־שאָטלאַנדישע פילאָסאָפן און פון די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן. עס האָט זיך אים געוואָלט ווידער אויפשטעלן די אַכטונג צו דער פליכט, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין דער מענשהייט אויפן רעליגיעזן באַזיס — און ער האָט עס פּרובירט טאָן אין זיין עטיק.

עס איז קוים נויטיג נאָך צו דערמאָנען אויף וויפיל קאַנטס מאָראַל־פילאָסאָפיע האָט צוליב דעם, אונטערן אויסרייד פון גע־זעלשאַפטליכע נוצן, מיטגעהאָלפן צו אונטערדריקן אין דייטשלאַנד די פילאָסאָפיע וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער פּערזענליכקייט. וועגן דעם איז שוין גענוג געזאָגט געוואָרן פון די מערסטע ערנסטע קריטיקער פון זיין פילאָסאָפיע, ווי וואונדט, פּאולסען, יאָדל און פילע אַנדערע. *

קאַנטס אומשטערבליכער פּאַרדינסט, האָט געטהע געשריבן, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אונז אַרויסגעפירט פון דער צעקראָכנקייט, אין וועלכער מיר זיינען אַריינגעפאַלן. און באמת האָט זיין עטיק גאַנץ זיכער אַריינגעטראָגן אַ שטרייגנערע ריגאָ־ריסטישע באַציאונג צו דער מאָראַל, אַנשטאָט אַ געווויסער אויס־געלאַסנקייט, וועלכע אויב זי איז ניט אָנגעהויבט געוואָרן פון דער פילאָסאָפיע פונם 18טן י. ה., איז זי טיילווייז באַרעכטיגט געוואָרן פון איר. אָבער פאַר דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון דער עטיק און פאַר דער דערקלערונג פון איר זין האָט קאַנטס לערע גאָרנישט ניט געגעבן. פאַרקערט, דערמיט וואָס זי האָט געגעבן אַ געוויסע באַפרידיגונג דעם פילאָסאָפישן זוכן פון אמת, האָט קאַנטס לערע אָפּגעשטעלט אויף אַ לאַנגער צייט די אַנטוויקלונג פון דער עטיק אין דייטשלאַנד. אומזיסט האָט שילער (אַ דאַנק זיין באַ־קאַנטשאַפט מיט דעם אַלטן גריכנלאַנד) געשטרעבט צו פירן דעם עטישן געדאַנק צו דעם איינזען, אַז דער מענש ווערט ווירקליך מאָ־

* וועגן דער שייכות פון קאַנט׳ס עטיק פון איין זייט צום קריסטנטום און פון דער אַנדער זייט צום עגאָאיסטישן אוטיליטאַריזם, זע באַזונדערס וואונדטן אין זיין „עטיק“, 2טן טייל, די עטישע סיס־טעמען.

ראליש ניט יעמאלט, בעת עס קעמפן אין אים די געבאטן פון דער פליכט מיט די אימפולסן פון געפיל, נאר דעמאלט, בעת דער מאראלישער געדאנקען־גאנג איז געווארן זיין צווייטע נאטור. אומזיסט האט ער אויך זיך געמיט צו באווייזן, ווי די אמתע אנטוויקלונג פון קונסט (פארשטייט זיך, ניט דאס, וואס רופט זיך היינט „עסטעטיזם") העלפט־מיט דער אנטוויקלונג פון דער פערזענליכקייט; ווי אזוי די וואר־נעמונג פון קונסט־שיינקייט און קונסט־שאפונג העלפן דעם מענשן צו דערהויבן זיך אויף אזויפיל, אז ער פארשטיקט אין זיך די שטים פון דעם חיה'שן אינסטינקט און עפנט דערמיט א וועג פאר די געבאטן פונם פארשטאנד און פון דער ליבע צו דער מענשהייט. די דייטשע פילאסאפן, וואס האבן געשריבן וועגן מאראל נאך קאנטן, וויפיל יעדערער פון זיי האט ניט אריינגעטראגן זיינע אייגענע פערזענליכע שטריכן, האבן זיי פונדעסטוועגן אלץ ווייטער אנגענומען, ווי זייער לערער, א צווישנדיגע פאזיציע צווישן דעם טעאלאגישן באגריף פון מאראל און דעם פילאסאפישן. קיין נייע וועגן האבן זיי ניט דורכגעלייגט, נאר זיי האבן באגייסטערט דיינקענדע מענשן צו דינען דער געזעלשאפט — ניט ארויסגייענדיג פון די אייגנע ראמען פון דער דאמאלסטיגער האלב־פעאדאלער ארדענונג. אין דער אייגענער צייט, בעת אין דער מאראל־פילאסאפיע איז אויסגעוואקסן די שולע פון די אוטיליטאריסטן, וואס איז אנגעפירט געווארן פון בענטאם און מילל, און עס איז אנטשטאנען די שולע פון פאזיטיוויזם פון אגוסט קאנט, וואס האט געבראכט צו פירן די פילאסאפיע צו דער נאטורוויסנשאפטליכער עטיק פון דארווין און ספענסער — האט די דייטשע עטיק נאך אלץ זיך געשפייזט מיט די ברעקלאך פון קאנטיאניזם אדער האט ארומגעבלאנדזשעט אין די נעפלען פון דער מעטאפיזיקע, און אפטמאל זיך גאר א קער געטאן מער אדער ווייניגער אפן צו דער עטיק פון דער קירך.

מען מוז אבער זאגן, אז אויב די דייטשע פילאסאפיע אין דער ערשטער העלפט פונם 19טן י. ה., פונקט ווי די דייטשע געזעלשאפט פון יענער צייט, האט ניט געוואגט זיך ארויסצורייסן פון די קייטן פון דער פעאדאלער ארדענונג, האט זי פונדעסטוועגן דאך מיטגעהאלפן אין דער צו יענער צייט נויטיגער מאראלער אויפ־

לעבונג פון דייטשלאנד, באגייסטערנדיג דעם יונגען דור צו א מער דערהויבענעם אידעעלערן אָפּגעבן זיך אין דינסט פון דער געזעלשאַפט. אין אָט דער באַציאונג האָבן פיכטע, שעללינג און העגעל פאַרנומען א ערנהאַפטן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע, און פון זיי פאַרדינט פיכטע באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט.

איך וועל זיך ניט נעמען דערקלערן זיין לערע, ווייל דערצו וואָלט זיך געפּאָדערט צו ריידן מיט אַזאַ מעטאַפיזישער שפּראַך, וואָס וואָלט נאָר פאַרטונקלט די געדאַנקען אנשטאַט זיי אויפצוקלערן. דעריבער וואָלט איך אָפּגעשיקט אַלע די, וואָס ווילן זיך באַקענען מיט פיכטע'ס לערע, צו יאָדל'ס פאָרטרעפליכער דאַרלייגונג אין זיין „געשיכטע דער עטיק“, וואו ער רופט אָן פיכטע'ס לערע „די עטיק פון שעפערישער געניאַליטעט“. דאָ וויל איך דערמאָנען בלויז איין שלוס פון דערדאָזיגער לערע, וואָס באַווייזט ווי נאָענט פיכטע איז צוגעקומען צו איינציגע שלוסן פון דער ראַציאָנאַלער, נאַטורוויסנשאַפטליכער עטיק.

די פילאָסאָפיע פון אַלטן גריכנלאנד האָט געשטרעבט צו ווערן דער וועגווייזער פון לעבן; צו דעמזעלביגן צוועק האָט אויך געשטרעבט די מאָראַל-פילאָסאָפיע פון פיכטע. דערצו האָט ער דער מאָראַל גופא, ד. ה. דער ריינקייט פון אירע מאָטיוון געשטעלט זייער הויכע פאָדערונגען, פון וועלכע ער האָט ארויסגעוואָרפן יעדן עגאָאיסטישן צוועק און האָט געפּאָדערט פולקאָם באַוואוסטזיניגע קלאָרקייט אין דעם מענשנס ווילן און די ברייטסטע און העכסטע צילן. די דאָזיגע צילן האָט ער דעפינירט אלס די הערשאַפט פון פאַרנונפט, וואָס קומט דורך דעם מענשנס פרייהייט און דורך פאַרניכטונג פון זיין פּאַסיוויטעט.

מיט אנדערע ווערטער וואָלט מען געקאָנט זאָגן, אז דאָס מאָראַלע באַשטייט, לויט פיכטע'ס מיינונג, אין דעם טריאומף פון דעם מענשנס עצם מהות, פון די יסודות גופא פון זיין דיינקען, איבער דאָס, וואָס ער נעמט אויף פּאַסיוו פון דער ארומיגער סביבה.

דערביי איז פיכטע געקומען צום שלוס, אז דאָס געוויסן טאָר קיינמאָל זיך ניט לאָזן פירן פון אויטאָריטעטן. דער, וואָס שפּאַרט זיך אָן אין זיינע האַנדלונגען אויף אן אויטאָריטעט, פירט זיך פּאָזיטיוו ניט געוויסנהאַפטיג. מען קאָן זיך דעריבער גרינג פאָרשטעלן, וואָס פאַר א געהויבענעם איינדרוק אַזוינע רייד האָבן גע-

מאַכט אויף דער יוגנט פון דייטשלאַנד אין די צוואַנציגער און דרייסיגער יאָרן פון דעם נײַנצעטן יאָרהונדערט.

פיכטע האָט זיך אויף דעם אופן אומגעקערט צו די געדאַנקען, וואָס זײַנען שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין אַלטן גריכנלאַנד, אַז אין גרונט פון די מאָראַלע אורטיילן ליגט די מיטגעבוירענע איי־גנשאַפט פון דעם מענשנס פאַרשטאַנד, און אַז כּדי צו זײַן מאָראַ־ליש, נויטיגט זיך ניט דער מענש, ניט אין קיינע רעליגיעזע אײַנ־פלוסן פון אויבן, און ניט אין דער מורא פאַר באַשטראָפונג אויף דער אַנדער יענער וועלט. — פונדעסטוועגן האָט דאָס פיכט'ן ניט געשטערט צו קומען סוף כּל סוף צום שלום, אַז קיין איין פילאָ־סאָפיע קאָן זיך ניט באַגיין אָהן דער געטליכער אָפּענבאַרונג.

ק ר אַ ו ז ע איז געגאַנגען נאָך ווייטער. פילאָסאָפיע און טעאָלאָגיע האָבן זיך ביי אים צונויפגעגאָסן אינאיינעם. ב אַ אַ ד ע ר בויט זײַן פילאָסאָפיע אויף די דאָגמען פון דער קאַטוילישער קירך, און זײַן גאַנצע דאַרלייגונג איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון דער קאַטוילישער קירך.

א. ש ע ל ל י נ ג, באַאַדער'ס פריינט, קומט דירעקט צום טעאיזם. זײַן אידעאַל איז פּ ל אַ ט אָ, און זײַן גאָט — דער מענשליכער גאָט, וועמעס אַנטפּלעקונג דאַרף פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון יעדער פילאָסאָפיע. עס האָט אָבער פונדעסטוועגן ניט גע־שטערט די דייטשישע טעאָלאָגן שרעקלאַך אַנצופאַלן אויף דעם פילאָסאָף, וועלכער האָט זיי אַזויפיל נאָכגעגעבן. זיי האָבן נאַטיר־ליך פאַרשטאַנען, אַז שעללינגס גאָט איז ניט דער קריסטליכער גאָט, נאָר גיכער אַ גאָט פון דער נאַטור מיט איר קאַמף צווישן גוטס און שלעכטס. דערצו האָבן זיי געזען, וואָס פאַר אַ דערהויבנדען איינפלוס שעללינגס פילאָסאָפיע האָט אַרויסגעוויזן אויף דער יוגנט — אַן איינפלוס, וואָס זייערע קירכליכע לערען האָבן ניט גע־קאָנט דערגרייכן. *

---

*אין רוסישן לעבן ווייסן מיר צום ביישפּיל פון די באַקונישע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס פאַר אַ דערהויבנדען איינפלוס שעללינג'ס פילאָסאָפיע האָט צו איין צייט געהאַט אויף דער יוגנט, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום סטאַנקעוויטש'ן און מיכאַאיל באַקונין. אָבער שעללינג'ס פילאָסאָפיע, צוליב איר מיסטישן עלעמענט, איז שנעל פאַרטונקלט געוואָרן, ניט קוקנדיג אויף די אומקלאָרע אָבער ריכטיגע השערות וואָס זי האָט אַנטהאַלטן (צ. ב. ש. וועגן גוטס און שלעכטס), אונטער דעם איינפלוס פון ווויסנשאַפטליכן דיינקען.

אין העגעל׳ס פילאָסאָפיע (1790־1831) דאַרף מען קודם כל באַמערקן, אַז ער האָט ניט אָפּגעגעבן דער עטיק קיין באַזונדער ווערק, נאָר ער האָט באַטראַכט די פראַגן וועגן מאַראַל אין דער רעכטס פילאָסאָפיע. * די געזעצגעבונג מיט אירע יסודות און די לערע וועגן דאָס מאַראַלע גיסן זיך ביי אים צונויף אין איינעם: אַ העכסט אינטערעסאַנטער שטריך פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם דייטשן גייסט אין 19טן יאָרהונדערט.

אנאַליזירנדיג קאַנט׳ס מאַראַלן געזעץ האָט העגעל קודם אָנגעוויזן דאַרויף, אַז מען קאָן ניט האַלטן פאַר אַ באַרעכטיגונג פון דעם מאַראַלן רעגעל דאָס, וואָס ער קאָן אָנדערקענט ווערן פאַר ווינשנסווערט ווי אַן אַלגעמיינער געזעץ, וואַרים מען קאָן פאַר יעדער האַנדלונג געפינען אַ וועלכע עס איז אַלגעמיינע באַגרינדונג און אפילו אַרויספירן זי ווי אַ מוז. און פאַקטיש ווייסן מיר דאָך אַלע, אַז ניט נאָר די ווילדע האַלטן פאַר אַ מוז אַזוינע האַנדלונגען, וואָס אונזער געוויסן ווערט עמפּערט אַנטקעגן זיי (קינדער־מאָרד און שטאַם־נקמה), נאָר אפילו אין ציוויליזירטע געזעלשאַפטן ווערן געוויסע האַנדלונגען אַרויסגעפירט ווי אַן אַלגעמיינער געזעץ, וועלכע אַ סך פון אונז האַלטן פאַר אַבסאָלוט שוידערהאַפטיג (טויט־שטראָף, די עקספּלואַטאַציע פון אַרבעט, די קלאַסן־אומגלייכהייט א. ד. ג.).

מיט וואָס פאַר אַן אַכטונג מען זאָל זיך ניט באַציען צו קאַנטן, דאָך די וואָס טראַכטן זיך אַריין אין די יסודות פון די מאַראַלע באַגריפן, פילן, אַז אין גרונט פון דידאָזיגע באַגריפן ליגט באַהאַלטן אַ וועלכער עס איז אַלגעמיינער רעגעל, און ניט אומזיסט זוכן די דיינקער, זינט די צייטן פון אַלטן גריכנלאַנד, אַ געהעריגן אויסדרוק אין דער פאָרם פון אַ קורצער, אַלגעמיין־צוגעפּאַסטער פאָרמולע פאַר יענעם צונויפגוס פון אורטייל און געפיל (אָדער ריכטיגער — פאַר דעם אורטייל, צו וועלכן דער געפיל איז מסכים), וואָס מיר געפינען אין אונזערע מאַראַלע באַגריפן.

העגעל האָט דאָס אויך געפילט און האָט געזוכט אַ שטיצע פאַר

---

* „גרונדליניען דער פילאָסאָפיע דעם רעכטעס“, 1821. אויך אין זיין „פענאָמענאָלאָגיע דעם גייסטעס“ און אין דער „ענציקלאָפּעדיע דער פילאָסאָפישן לעהרען“ וועגן די וויסנשאַפטליכע באַאַרבעטונגען פון דעם נאַטירליכן רעכט, 1802־1803 (באַנד 1 פון זיינע געזאַמעלטע ווערק).

דער מאָראַליטעט אין די איינפּירונגען, וואָס האָבן בדרך הטבע זיך איינגעשטעלט אין לעבן פון דער פאַמיליע, דער געזעלשאַפט און באַזונדערס פון דער מלוכה. א דאַנק דידאָזיגע דריי איינפלוסן, האָט ער געזאָגט, לעבט זיך דער מענש אַזויפיל איין מיט דאָס מאָראַלע, אַז עס הערט אויף צו זיין פאַר אים אַן אויסערליכער צוואַנג, נאָר ער זעט אין דעם אַן ארויסווייז פון זיין אייגענעם פרייען ווילן. די מאָראַלע אורטיילן, וואָס זיינען אויף אָט דעם אופן צונויפגעשטעלט געוואָרן, זיינען נאַטירליך ניט אומפאַרענדערליך. צוערשט האָבן זיי זיך פאַרקערפּערט אין דער פאַמיליע, און דערנאָך אין דער מלוכה, אָבער אויך דאָ האָבן זיך זייערע פאָרמען געענדערט; דערביי האָבן זיך אין לעבן און אַנטוויקלונג פון דער מענשהייט שטענדיג אויסגעאַרבעט העכערע פאָרמען, העכערע באַגריפן פון מאָראַל, און עס זיינען אַלץ קלערער ארויסגעטראָטן די רעכט פון דער פּערזאָן אויף אַ זעלבסטשטענדיגער אַנטוויקלונג. מען דאַרף אָבער געדיינקען, אַז די פּרימיטיווע מאָראַל פון דעם פּאַסטוך האָט דעמזעלביגן ווערט וואָס די מאָראַל פון דעם הויך־געבילדעטן מענשן. זי ענדערט זיך אין יעדער באַזונדער מלוכה און אין אַלע מלוכות צוזאַמענגענומען.

אין זיין אויפפאַסונג פון דער אַנטוויקלונג פון די מאָראַלע באַגריפן האָט העגעל אָהן צווייפל זיך אָנגעשלאָסן אַן יענע פראַנצויזישע פילאָסאָפן, וועלכע האָבן שוין ביים סוף 18טן י. ה. אוועקגעלייגט די יסודות פון דער טעאָריע פון עוואָלוציע. העגעל איז געווען דער ערשטער דייטשער דיינקער (ניט רעכענענדיג געטע'ן), וועלכער האָט געבויט זיין סיסטעם פון פילאָסאָפיע אויף דער אידייע פון כסדר'דיגער אַנטוויקלונג, אויף עוואָלוציע, הגם דידאָזיגע עוואָלוציע האָט זיך ביי אים אויסגעגאָסן אין דער באַרימטער טריאַדע — אין טעזיס, אַנטיטעזיס און סינטעזיס. העגעל האָט געלערנט, להיפך צו קאַנט'ן, אַז די אַבסאָלוטע פאַרנונפט איז ניט אַן אומבאַוועגליכע וואַרהייט, אָדער אַן אומבאַוועגליכעס דיינקען, נאָר אַ לעבעדיגע פאַרנונפט, וואָס געפינט זיך אומאויפהערליך אין באַוועגונג און אַנטוויקלונג. דידאָזיגע וועלט־פאַרנונפט ווייזט זיך ארויס אין דער מענשהייט, וואָס איר אויסדרוק איז די מלוכה. אין העגעלס פילאָסאָפיע ווערט דעם מענשנס פּערזענליכקייט אינגאַנצן פאַרשלונגען פון דער מלוכה, ווען דער מענש איז מחויב זיך

אונטערצוגעבן. די פּערזענליכקייט איז נאָר אַ וואָפן אין די הענט פון דער מלוכה און דעריבער קומט זי פאָר בלויז ווי אַ מיטל און קאָן אויף קיין פאַל ניט זיין אַ ציל פאַר דער מלוכה. די מלוכה, וואָס ווערט געפירט פון אַ גייסטיגער אריסטאָקראַטיע, ווערט ביי העגעלן עפּעס אַ מין איבערמענשליכע אינסטיטוציע, אַ מענשליך־געטליכע.

עס פאַרשטייט זיך פון זיך אליין, אַז ביי אַזאַ פאַרשטעלונג פון דער געזעלשאַפט פאַרלירט זיך אומפאַרמיידליך יעדער געדאַנק, מען זאָל קאָנען אַנדערקענען די גערעכטיגקייט (ד. ה. די גלייכבאַרעכטיגונג) פאַר אַ יסוד פון די מאָראַלע אורטיילן. עס איז אויך קלאָר, אַז ביי אַזאַ אויטאָריטעטן באַגריף פון דעם געזעלשאַפטליכן געבוי קאָן ניט אויסגעמיטן ווערן אַ צוריקקער צו דער רעליגיע, און טאַקע צום קריסטנטום, וואָס אין דער פאָרם פון דער קירך איז געווען איינער פון די הויפּט פאַקטאָרן, וואָס האָט באַשאַפן די היינטיגע מלוכה. ווי אַ פאָלגע פון דעם אַלעם האָט העגעל דעם מענשליכן גייסט אויפגעעפנט אַ וועג פאַר שעפערישער טעטיקייט, ניט אויפן געביט פון אַ פרייען געבוי פון געזעלשאַפטליכן לעבן, נאָר אויפן געביט פון קונסט, רעליגיע און פילאָסאָפיע.

אין העגעלס פילאָסאָפיע האָבן מיר, ווי אַ י ק ע ן האָט ריכטיג באַמערקט, אַ שטריינג־פאַרענדיגטן סיסטעם, וואָס איז געבויט אויף די געזעצן פון לאָגיק, אָבער צוזאַמען דערמיט פאַרנעמט אויך אין העגעלס פילאָסאָפיע אַ גרויסן אָרט די אינטואיציע. פונדעסטוועגן, ווען מיר זאָלן זיך פרעגן: צי פליסט ארויס העגעלס אינטואיציע פון זיין גאַנצער פילאָסאָפיע — וועלן מיר אויף דער פראַגע מוזן ענטפערן: ניין.

העגעלס פילאָסאָפיע האָט געהאַט אַן אומגעהויערן איינפלוס ניט נאָר אין דייטשלאַנד, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער (באַזונדערס ביי אונז אין רוסלאַנד). איר איינפלוס אָבער האָט זי צו פאַרדאַנקען ניט אירע לאָגישע קאָנסטרוקציעס, נאָר יענעם לעבהאַפטיגן געפיל פון לעבן, וואָס באַגעגנט זיך אָפט אין העגעלס שריפטן. און הגם העגעלס פילאָסאָפיע האָט געפירט צו שלום מאַכן מיט דער ווירקליכקייט, צו באַרעכטיגן דאָס עקזיסטירנדע, צווינגנדיג צו האַלטן, אַז „אַלץ וואָס עקזיסטירט איז פאַרנינפטיג", האָט זי צוליב דעם געוועקט אין דערזעלביגער צייט דעם געדאַנק און האָט אריינגעטראָגן אַ געוויסן

טייל רעוואָלוציאָנערישקייט אין דער פילאָסאָפיע. אין איר זיינען גע־וועזן איינציגע פּראָגרעסיווע פּרינציפּן, און דאָס האָט מעגליך געמאַכט די אַזויאָנגערופענע „לינקע" העגעליאַנער צו בויען אויף העגעלס לערע זייער רעוואָלוציאָנערע וועלט־אָנשויאונג. פאַר זיי אָבער איז אויך געוועזן אַ שטענדיגער שטער די צעשפּאָלטנקייט פון העגעלס פילאָסאָפיע, איר בוקן זיך פאַר דער מלוכה, און דעריבער האָט זיך די קריטיק פון דער געזעלשאַפטליכער אָרדענונג אָפּגעשטעלט ביי אַלע לינקע העגעליאַנער, ווי נאָר די זאַך איז דערגאַנגען ביז צו די יסודות פון דער מלוכה.

איך וועל זיך ניט אָפּשטעלן אויף העגעלס צייט־גענאָסע, דעם דייטשען פילאָסאָף שלייערמאַכער (געב. 1768, געשט. 1834), וועמעס מאָראַל־פילאָסאָפיע איז פול מיט דערזעלביגער מע־טאַפיזיק ווי פיכטע'ס פילאָסאָפיע. זי איז געוועזן געבויט (דער־הויפּט אין זיין צווייטן פּעריאָד, אין די יאָרן 1819 ביז 1830) אויף אַ טעאָלאָגישן און אפילו ניט אויף אַ רעליגיעזן יסוד, און האָט גאָר־נישט ניט מוסיף געווען צו דאָס וואָס איז שוין געזאָגט געוואָרן פון זיינע פאָרגייענגער אין דערזעלביגער ריכטונג. איך וויל נאָר באַ־מערקן, אַז אין די מאָראַלע האַנדלונגען האָט שלייערמאַכער אָנגע־צייכענט אַ דרייפאַכיגן כאַראַקטער. לאַקק און די שולע פון די איידעמאָניסטן בכלל האָבן באַהויפּטעט, אַז אין אַ מאָראַלער האַנד־לונג געפינט דער מענש פאַר זיך דאָס העכסטע גוטס; דאָס קריסטנ־טום האָט דעריין געזען אַ טוגנד און אַ פליכט צו דעם באַשעפער פון דער נאַטור; קאַנט, ווידער, ניט אָפּלייקענענדיג די טוגנד, האָט הויפּטזעכליך געזען אין אַ מאָראַלער טאַט אַ פליכט בכלל. פאַר שלייערמאַכערן זיינען די אַלע דריי עלעמענטן ניט־צעטיילבאַר אין זייער מאָראַלער שייכות צו מענשן, און דערביי פאַרנעמט ביי שליי־ערמאַכערן דעם פּלאַץ פון גערעכטיקייט, וועלכע שטעלט צונויף דעם גרונט־עלעמענט פון מאָראַל, די קריסטליכע ליבע.

בכלל שטעלט שלייערמאַכערס עטישע פילאָסאָפיע מיט זיך פאַר אַ פאַרזוך פון אַ פּראָטעסטאַנטישן טעאָלאָג אויסצואייניגן די טעאָלאָגיע מיט דער פילאָסאָפיע. אַנווייזנדיג, אַז דער מענש פילט זיין פאַרבינדונג מיט דער גאַנצער וועלטשאַפונג, זיין אָפּהענגיקייט פון איר און האָט דעם וואונש זיך צונויפצוגיסן מיט דעם לעבן פון דער נאַטור—זוכט ער פאַרצושטעלן דעמדאָזיגן געפיל ווי אַן אמת־רע־

ליגיעזן געפיל, פארגעסנדיג (ווי יאדל האט דאס ריכטיג באמערקט), „אז אין דערדאזיגער פארבינדונג מיט דער גאנצער וועלט ווערן אויך נעשמידט די גרויזאמע קייטן, וואס בינדן־צו דעם שטרעבנדן גייסט צו דאס נידעריגע און געמיינע. די פראגע: „פארוואס בין איך אזעלכער ווי איך בין?“ איז געשטעלט געווארן צו די געהיימנים־פולע וועלט־קרעפטן פונקט אזוי אפט מיט דאנקבארקייט ווי מיט א ביטערער קללה“.

צענטער קאַפּיטל

די אַנטוויקלונג פון די מאָראַל־לערע.

(19טער יאָרהונדערט)

די טעאָריען וועגן מאָראַל פון די ענגלישע דיינקער אין דער ערשטער העלפט פון 19טן י. ה. — מאַקינטאָש און סטואַרט.— בענטאם. — דזשאן סטואַרט מילל. — שאָפּענהויער. — וויקטאָר קוזען און זשאפרוא — אָגוסט קאָנט און דער פּאָזיטיוויזם. — דער קולט פון דער מענשהייט. — די מאָראַל פון דעם פּאָזיטיוויזם. — ליטטרע. — פּייערבאַך.

דריי נייע שטרעמונגען האָבן זיך באַוויזן אין דער עטיק אין 19טן יאָרהונדערט: 1, דער *פּאזיטיוויזם*, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון דעם פראַנצויזישן פילאָסאָף אָגוסט קאָנט און האָט געפונען אין דייטשלאַנד זיין לויכטיגן פאָרשטייער אין דער פּערזאָן פון פּייערבאַכ'ן; 2, דער *עוואָלוציאָניזם*, ד. ה. די לערע וועגן דער שטופנאַרטיגער אַנטוויקלונג פון אַלע לעבעדיגע באַשעפענישן, פון די געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס און גלויבונגען, אַריינרעכענענדיג אין דעם אויך דעם מענשנס מאָראַלע באַגריפן. דער באַשאַפער פון דער דאָזיקער טעאָריע איז געווען טשאַרלז דאַרווין און באַאַרבעט בפּרטיות האָט איר הערבערט ספּענסער אין זיין באַרימטער סינטעטישער פילאָסאָפיע. 3, דער *סאָציאַליזם*, ד. ה. די לערע וועגן דער פּאָליטישער און סאָציאַלער גלייכהייט פון די מענשן — די לערע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און פון די שפּעטערדיגע עקאָנאָמישע לערען, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון דעם שנעלן וואוקס פון אינדוסטריע און קאַפּיטאַליזם אין אייראָפּא. אָט די אַלע דריי לערען האָבן געהאַט א

גרויסן איינפלוס אויף דער אנטוויקלונג פון מאָראַל אין 19טן יאָר־הונדערט. דאָך איז נאָך ביז היינטיגן טאָג ניט באַשאַפן געוואָרן קיין פולשטענדיגער סיסטעם פון עטיק, וואָס זאָל זיין געבויט אויף די דאַטן פון די אַלע דריי אויבן־דערמאָנטע לערען. איינציגע פון די מאָדערנע פילאָסאָפן, ווי צום ביישפיל הערבערט ספּענסער, מאַרק גיאָ און טיילוויז ווילהעלם וואונדט, פּאולסן, העפדינג, גיזשיצקי און אייקען, האָבן געמאכט פּראָבעס צו באַשאַפן אַ סיסטעם פון עטיק אויף די יסודות פון פּאָזיטיוויזם און עוואָלוציאָניזם, אבער זיי אַלע האָבן מער אדער ווייניגער איגנאָרירט דעם סאָציאַליזם. אין דערזעלביגער צייט האָבן מיר אין דעם סאָציאַליזם אַ גרויסע עטישע שטרעמונג, און עס קאָן פּאַקטיש ניט אויפגעבויט ווערן קיין נייער סיסטעם פון עטיק, אוואו ער זאָל ניט אַזוי אָדער אַנדערש אָנרירן דידאָזיגע לערע, וועלכע איז דער אויסדרוק פון די שטרע־בונגען פון די ארבעטנדע מאַסן צו סאָציאַלער גערעכטיקייט און גלייכבאַרעכטיגונג.

איידער מיר וועלן ריידן וועגן די אנשויאונגען איבער מאָראַל פון די הויפּט פּאָרשטייער פון די דריי אויבנדערמאָנטע לערען, וועלן מיר אינקורצן באַשרייבן די עטישע סיסטעמען פון די ענגלישע דיינקער פון דער ערשטער העלפט פונם 19טן יאָרהונדערט.

מ אַ ק י נ ט אָ ש (געב. 1765, געשט. 1832). — דער שאָט־לאַנדישער פילאָסאָף מאַקינטאָש איז געווען דער ערשטער אָנזאָגער פון דעם פּאָזיטיוויזם אין ענגלאַנד. לויט זיינע איבערציינונגען איז ער געווען אַ ראַדיקאַל און אַ הייסער פּאַרטיידיגער פון די אידייען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. זיין מאָראַל־לערע האָט ער באַשריבן אין דעם ווערק „די געשיכטע פון דער מאָראַל־פילאָסאָ־פיע", וואו ער האָט סיסטעמאַטיזירט אַלע טעאָריען וועגן דער אנט־שטייאונג פון מאָראַל פון שעפטסבערי, האטשיסאָן, דייוויד יוהם און אַדאַם סמיטה. צוגלייך מיט די דאָזיגע דיינקער האָט מאַקינטאָש אָנדערקענט, אַז די מאָראַלע האַנדלונגען נעמען זיך ביים מענשן פון די געפילן און ניט פון דעם פּאַרשטאַנד. די מאָראַלע ערשיינונגען, האָט ער געלערנט, שטעלן פאָר אַ באַזונדער אַרט געפילן: סימפּאַ־טיע און אַנטיפּאַטיע, גוטהייסונג און ניט־גוטהייסונג בנוגע אַלע אונזערע נייגונגען, וועלכע רופן ארויס אונזערע אַלע האַנדלונגען;

ביסלאכווייז פאראייניגן זיך דידאזיגע געפילן און שטעלן צוזאמען עפעס אלגעמיינעס, א באזונדערע פייאיקייט פון אונזער פסיכיק, א פייאיקייט, וועלכע מען קאן אנרופן א מאראלעס געוויסן. דערביי פילן מיר, אז האנדלען אין איינשטימונג מיט אונזער געוויסן אדער ניט — הייננט אפ פון אונזער ווילן; און ווען מיר האנדלען להיפך צו אונזער געוויסן, באשולדיגן מיר דעריין די שוואכקייט פון אונזער ווילן אדער פשוט אונזער שלעכטן ווילן, דעם יצר הרע.

ווי מיר זעהען, האט מאקינטאש אויף דעם אופן אלץ צוגעפירט צו די געפילן. פאר דער אריינמישונג פון דעם פארשטאנד איז ניט געבליבן קיין פלאץ. דערביי איז לויט אים נאך דער מאראלער געפיל א מיטגעבוירענער, עפעס וואס ליגט אין דער טבע גופא פון דעם מענשן, ניט וואס קומט פון איבערטראכטונג, ניט קיין פרוכט פון ערציאונג.

אין דער טבע פון דעמדאזיגען מאראלן געפיל, האט מאקינטאש געשריבן, ליגט בלי ספק א געביטערישער כאראקטער: ער פאדערט א געוויסע באציאונג צו מענשן, און דאס איז דערפאר, וואס מיר אנדערקענען, אז אונזערע מאראלע געפילן, זייער טאדלען אדער גוטהייסען אונזערע האנדלונגען, ווירקן אין די גרעניצן פון אונזער ווילן. די פארשיידענע מאראלע מאטיוון גיסן זיך ביסלאכווייז צו־נויף אין אונזער פארשטעלונג אין איין גאנצעס, און די פאראייניגונג פון צוויי גרופן געפילן, וועלכע האבן אין עצם גארנישט געמיינ־שאפטליכעס צווישן זיך — דהינו דער זיך־ליבענדער אייגנגעפיל אדער דער געפיל פון זעלבסט־דערהאלטונג, און דער מיטגעפיל מיט אנדערע — באשטימט דעם כאראקטער פון דעם מענשן.

אט אזא איז לויט מאקינטאש'ן געוועזן די אפשטאמונג פון דער מאראל און אט דאס איז איר קריטעריום, איר מאס אין לעבן. נאר אט די עטישע יסודות זיינען אזוי וואוילטעטיג פארן מענשן, זיי בינדן אזוי איינג צוזאמען יעדערן פון אונז מיטן וואוילזיין פון דער גאנצער געזעלשאפט, אז זיי האבן געמוזט אומבאדינגט זיך אנט־וויקלען אין דער מענשהייט.

דא האט מאקינטאש זיך געשטעלט אויפן שטאנדפונקט פון די אוטיליטאריסטן. דערביי האט ער באזונדערס באטאנט דעם פונקט, אז מען טאר ניט צונויפמישן (ווי דאס ווערט שטענדיג געטאן) דעם קריטעריום, ד. ה. דעם יסוד פון דעם מאראלן אימ־

פולס, דאָס וואָס דינט אונז פאַר אַ מאָס בעת מיר באַשטימען דעם ווערט פון דעם מענשנס געוויסע אייגנשאַפטן און זיינע האַנדלונגען, מיט דאָס, וואָס באַוועגט אונז פּערזענליך צו וועלן געוויסע האַנדלונגען און צו האַנדלען אין אַ געוויסער ריכטונג. אָט די צוויי אימפולסן געהערן צו פאַרשיידענע געביטן און מען מוז זיי אומבאַדינגט אונטערשיידן ווען עס קומט צו אַן ערנסטער פאָרשונג. אונז איז וויכטיג צו וויסן וועלכע האַנדלונגען און וועלכע אייגנשאַפטן מיר האַלטן פאַר גוט און וועלכע פאַר ניט גוט פון אַ מאָראַלן שטאַנדפונקט — דאָס איז אונזער קריטעריום, אונזער מאָס פון מאָראַלער אָפּשאַצונג. אָבער מיר דאַרפן אויך וויסן, צי אונזער גוטהייסונג אָדער ניט־גוטהייסונג איז אַ רעזולטאַט פון דעם אוממיטלבאַרן געפיל, אָדער דאָס קומט אויך אַרויס פון דעם פאַרשטאַנד, דורך אונזער אורטיילס קראַפט. און לסוף איז אונז וויכטיג צו וויסן: אויב אונזער גוטהייסונג און ניט־גוטהייסונג נעמען זיך פון דעם געפיל, צי איז דערדאָזיגער געפיל אַן אורשפרינגליכער כאַראַקטער־שטריך פון אונזער אָרגאַניזאַציע, אָדער ער האָט זיך אויסגעאַרבעט אין אונז שטופנוויז אונטער דעם איינפלוס פון פאַרשטאַנד?

אויב אָבער מען זאָל אָט אַזוי אויסטייטשן די אויפגאַבן פון דער עטיק, דאַן איז עס „אין געוויסע באַציאונגען“, ווי יאָדל האָט ריכטיג באַמערקט, „דאָס קלאָרסטע און טרעפנדסטע, וואָס איז ווען עס איז געזאָגט געוואָרן וועגן די יסודות פון מאָראַל. דאַמאָלסט איז פאַקטיש קלאָר, אַז אויב עס איז פאַראַן אין אונזער מאָראַלן געפיל עפּעס מיטגעבוירענעס, שטערט עס ניט דעם פאַרשטאַנד איינצוזען נאָכדעם, אַז געוויסע געפילן אָדער האַנדלונגען, וואָס אַנטוויקלען זיך דורך דער געזעלשאַפטליכער ערציאונג, האָבן אַ ווערט פאַר דעם אַלגעמיינעם וואוילזיין“. *

עס ווערט אויך קלאָר, ווייל איך נאָך צוגעבן, אַז די געזעלשאַפטליכקייט און די געגנזייטיגע הילף, וואָס מוז פאָרקומען מיט דער געזעלשאַפטליכקייט און איז אייגנטימליך פאַר דער גרעסטער

---

* “Dissertation on the Progress of Ethical Philosophy” אין דעם ערשטן באַנד פון דער ענציקלאָפּעדיע בריטאַניקאַ (8טע אויסגאַבע). שפּעטער איז אָט די אַרבעט מאַקינטאָש'עס מערערע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַ באַזונדער אויסגאַבע.

מערהייט פון אלע מינים חיות, און דעסטא מער פאר דעם מענשן, זיינען שוין פון די ערשטע צייטן אן, ווען עס האבן זיך באוויזן אויף דער ערד מענשן־ענליכע באשאפענישן, געווען די קוואלן פון די מאראלע געפילן, און אז די דערקענטעניש פון די פאקטן פון געזעלשאפטליכן לעבן, ד. ה. די טעטיקייט פון דעם פארשטאנד, האט מיטגעהאלפן צו פארשטארקן די דאזיגע געפילן פון געזעלשאפטליכקייט און לפי ערך ווי דאס געזעלשאפטליכע לעבן האט זיך אנטוויקלט און איז געווארן קאמפליצירט, האט דער פארשטאנד אלץ מער און מער איינפלוס באקומען איבער דעם מענשנס מאראלן געבוי.

לסוף איז אויך אין דעריין קיין ספק ניט, אז אונטער דעם הארטן קאמף פאר עקזיסטענץ, אדער מיט דער אנטוויקלונג פון די רויבערישע אינסטינקטן, וועלכע פארשטארקן זיך צייטנווייז ביי איינצעלנע שבטים און פעלקער, קאן דער מאראלער געפיל לייכט פארטומפט ווערן. און ער וואלט ווירקליך געקאנט דערשטיקט ווערן ווען אין דעם סאמע געבוי פונם מענשן, ווי אויך פון דעם רוב מערקבאלע, וואלט ניט געלעגן, א חוץ דעם סטאדע־געפיל, עפעס א באזונדער פייאיקייט, א באזונדער סדר פון דיינקען, וואס האלט אויף און פארשטארקט דעם איינפלוס פון געזעלשאפטליכקייט. אט דער איינפלוס, בין איך זיך משער, באשטייט אין דעם באגריף פון ג ע ר ע כ ט י ק י י ט, וואס שטעלט פאר אין א לעצטן אנאליז ניט קיין אנדער זאך ווי די אנדערקענונג פון דער גלייכבארעכטיגונג פון אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט. אט דער אייגנשאפט פון אונזער דיינקען, וועלכע מיר געפינען שוין ביי די גאנץ פרימיטיווע ווילדע, און ביז א געוויסן גראד אויך ביי די סטאדע־חיות, האבן מיר צו פארדאנקען וואס די מאראלע באגריפן האבן זיך אין אונז אנטוויקעלט אין דער פארם פון א צודרינגליכער, אפטמאל אפילו א ו מ ב א ו ו א ו ס ט ז י נ י ג א י מ פ ע ר א ט י ו ו ע ר ק ר א פ ט. וואס איז שייך דער אייגנשאפט פון גרויסמוט, וואס דערגייט ביז זעלבסטאפפערונג, וועלכע קאן אין דער ווירקליכקייט נאר זיין מאראליש און וואלט אזוי גערארפט אנגערופן ווערן, וועל איך אט דעם דריטן גליד פון דער מאראלער טרילאגיע שפעטער אנאליזירן געגויער, בעת איך וועל ריידן וועגן גיא'ם עטיק.

איך וועל זיך דא ניט אפשטעלן אויף דער ענגלישער פילאסאפיע

פון סוף 18טן און אָנהויב 19טן יאָרהונדערט. זי שטעלט מיט זיך פאָר אַ רעאַקציע אַנטקעגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און איר פאָרגייענדער פילאָסאָפיע פון די ענציקלאָפּעדיסטן, ווי אויך אַנטקעגן די געוואַגטע אידייען, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון וויליאַם גאָדווין, אין זיין ווערק „וועגן פּאָליטישער גערעכטיקייט“. דאָס דאָזיגע ווערק שטעלט פאָר אַ פולשטענדיגע און ערנסטע דאַרלייגונג פון דאָס, וואָס איז שפּעטער געפּרײדיגט געוואָרן אונטער דעם נאָמען א נ אַ ר כ י ז ם. * עס איז זייער באַלערנד זיך צו באַקענען מיט דער ענגלישער פילאָסאָפיע פון יענער צייט, און דעריבער וואָלט איך אָפּגעשיקט אַלע די, וואָס אינטערעסירן זיך דערמיט, צו יאָדל'ס אויסגעצייכנטער באַשרייבונג, אין דעם צווייטן טייל פון זיין „געשיכטע דער עטיק“.

איך אַליין וויל נאָר זאָגן, אַז בכלל האָבן די ענגלישע דיינקער פון יענעם פּעריאָד געשטרעבט מער ווי אַלץ צו באַווייזן ווי דער געפיל אַליין איז ניט גענוג צו דערקלערן די מאָראַל. אַזוי האַלט ס ט ו אַ ר ט, אַן אָנגעזעהענער פאָרשטייער פון יענער עפּאָכע, אַז כדי צו דערקלערן די אַנטשטייאונג פון מאָראַל איז ניט גענוג, ניט שעפּסטבערי'ס „רעפלעקטיווע אַפּעקטן“, ניט „דאָס געוויסן“, ווי באַטלער האָט געלערנט, א. אַז. וו. סטואַרט האָט אָנגעוויזן, אַז מען קאָן ניט פאַראייניגן די פאַרשיידענע טעאָריעס פון מאָראַל וואָס זיינען געבויט אייניגע אויף פּריינטשאַפּטליכקייט, אַנדערע אויף גערעכטיקייט, אויף פאַרנינפטיגער אייגנליבע, אַדער גאַר אויף אויספאָלגן גאָטס ווילן. ער האָט ניט געוואָלט אָנדערקענען, ווי יוּהם, אַז דער שכל'דיגער אורטייל אַליין איז אויך ניט אימשטאַנד אונז צו געבן, ניט קיין באַגריף פון גוטס, ניט פון שיינקייט; און אין דערזעלביגער צייט האָט ער באַוויזן, ווי ווייט די מאָראַלע דערשיינונגען ביים מענשן שטאַמען פון דעם פּשוטן אימפּולס פון געפיל.

דאַכט זיך, קומענדיג צום שלום, אַז אין די מאָראַלע באַגריפן

---

* Godwin: "Enquiry Concerning Political Justice and Its Influence on General Virtue and Happiness" אין 2 בענד, לאָנדאָן, 1793. אוים מורא פאַר פאַרפאָלגונגען, וואָס די רעפּובליקאַנער, גאָדווינ'ס פריינט, האָבן דאַן געליטן, זיינען אין דער צווייטער אויפלאַגע אויסגעלאָזט געוואָרן גאָדווינ'ס אַנאַרכיסטישע און קאָמוניסטישע באַהויפּטונגען.

בינדט צונויף דער שכל די פארשטעלונגען, וואס אנטשטייען אין אונז, און רופט ארויס דערנאך אין זיך אליין נייע פארשטעלונגען (און דערביי האט ער אפילו דערמאנט וועגן דער „מאטעמאטישער אידייע פון גלייכהייט"), האט סטוארט געדארפט קומען צום גע־דאנק פון גערעכטיקייט. אבער, צי וויל ער איז געווען אונטער דעם איינפלוס פון די אלטע באגריפן פון דער אינטואיטיווער שולע, אדער גאר אונטער דעם איינפלוס פון די נייע ווינטן, וואס האבן נאך דער פראנצויזישער רעוואלוציע פארווארפן דעם סאמע געדאנק וועגן דער גלייכבארעכטיגונג פון מענשן, — דער פאקט איז, אז סטוארט האט ניט אויסגעארבעט זיינע אידייען און איז ניט געקו־מען צו קיין באשטימטען שלוס.

נייע אידייען אין דער עטיק האט אין ענגלאנד ארייגעבראכט דער צייט־גענאסע פון מאקינטאש און סטוארט — יערעמיא בענ־טאם.

בענטאם (געב. 1748, געשט. 1832) איז ניט געווען קיין פילאסאף אין דעם אייגנטליכן זין פוןווארט. ער איז געווען אן אדוואקאט, און זיין ספעציאליטעט איז געווען די רעכט־וויסנ־שאפט און די פראקטישע געזעצגעבונג, וואס נעמט זיך פון איר. פארהאלטנדיג זיך נעגאטיוו צו דעם רעכט אין דער פארם, וואס די געזעצגעבונג האט אים ארויסגעוויזן אין פארלויף פון די טויזנטער יארן פון היסטארישער רעכטלאזיקייט, האט בענטאם געשטרעבט צו געפינען די טיפע, שטרייננג־וויסנשאפטליכע, טעארעטישע באגרינ־דונגען פון דעם רעכט, וועלכע זאלן גוטגעהייסן ווערן פון שכל און פון געוויסן.

אין זיינע אויגן גיסט זיך צונויף דאס רעכט מיט דער מאראל. און דעריבער האט בענטאם זיין ערשטן ווערק, וואו ער האט דער־קלערט זיין טעאריע, אנגערופן: „אן אריינפיר אין די פרינציפן פון מאראל און יוריספרודענץ".

דער גרונט פרינציפ פון יעדער עטיק און געזעצגעבונג האט בענטאם געהאלטן, צוזאמען מיט העלוועציוס, איז — דאס גרעסטע גליק פון דער גרעסטער צאל מענשן. דער זעלביגער פרינציפ איז אויך אוועקגעלייגט געווארן, ווי מיר האבן געזען, פון האבבס'ן אין דעם פונדאמענט פון זיין

עטיק. אבער בענטאַם און זיינע נאכפאלגער (מילל און אנדערע) האָבן פון אָט דעם פּרינציפּ ארויסגעפירט שלוסן, וואָס זיינען געווען לחלוטין פארקערט פון די, צו וועלכע האבבס איז געקומען. דער רעאַקציאָנער האבבס, אונטער דעם איינפלוס פון דער רעוואָלוציע פון 1648, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, האָט געהאלטן, אז דאס גרעסטע גליק קאָן די מענשן געגעבן ווערן נאר דורך דער פעסטער העכערער מאַכט. בענטאַם אָבער דער פילאַנטראָפּ, ווי ער האָט זיך אליין אָנגערופן, איז דערגאנגען צו דער אָנדערקענונג פון גלייכהייט ווי א געווינשטן ציל. הגם ער האָט פאַרוואָרפן אָוועס סאָציאַליסטישע לערען, האָט ער אבער אין דערזעלביגער צייט איינגעזען, אז די „גלייכהייט פון רייכטימער" וואָלט געהאָלפן צו גרייכן „דאס גרעסטע גליק פון דער גרעסטער צאָל מענשן, בתנאי נאר, אז די דערגרייכונג פון דערדאָזיגער גלייכהייט זאָל ניט פירן צו רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדן". בנוגע דער געזעצגעבונג בכלל איז ער אפילו דערגאנגען צו אַנאַרכיסטישע שלוסן, האלטנדיג, אז וואָס ווייניגער געזעצן, אלץ בעסער וועט זיין. „געזעצן, האָט ער גע־שריבן, זיינען באַגרעניצונגען פון דעם מענשנס נאַטירליכע טעטי־קייטס־פּיאיקייטען, און דעריבער שטעלן זיי פאָר פון אן אבסאָלוטן שטאַנדפּונקט שלעכטס".

בענטאַם האָט אונטערוואָרפן אונטער א שטרייגנער קריטיק די גאַנצע עקזיסטירנדע אָרדענונג און אלע גאַנגבאַרע טעאָריעס פון מאָראַל. אבער, ווי איך האָב שוין אויבן אָנגעוויזן, האָט בענטאַם, קומנדיג נאָענט צו סאָציאַליסטישע און אפילו אַנאַרכיסטישע שלוסן, זיך ניט אנטשלאָסן צוצופירן זיינע אידייען צו זייער לאָגישן סוף און האָט אָנגעווענדט זיין הויפּט אויפמערקזאמקייט דער עיקר פעסטצושטעלן, וועלכע באַפרידיגונגען זיינען שטאַרקער, אָנהאלטנ־דער און פרוכטבאַרער איידער אנדערע. אזוי ווי פאַרשיידענע מענשן פאַרשטייען אויף א פאַרשיידענעם אופן זייער אייגענעם און בכלל דאָס מענשליכע גליק, און קלייבן זיך ווייט ניט אלעמאָל פאַנאַנדער אין דאָס, וואָס פירט זיי צו גליק אָדער צו ליידן, און על אחת כמה זיינען זיי גענייגט א טעות צו האָבן אין דאָס, וואָס שטעלט פאָר דאָס וואוילזיין פון דער געזעלשאַפט — האָט בענטאַם זיך געמיט געניי צו באַשטימען, וואָס עס גיט דעם איינצעלנעם מענשן און אויך דער געזעלשאַפט דאָס מעגליכסט גרעסטע גליק. זוכן גליק

מיינט זוכן פּערזענליכע בּאַפרידיגונג, און דעריבּער האָט בּענטאַם, אַזוי ווי זיין פאַרגיינגער אין אַלטן גריכנלאַנד, עפּיקורוס, געזוכט צו בּאַשטימען וועלכע פון אונזערע פאַרגעניגנס קאָנען אונז געבן דאָס גרעסטע גליק — ניט נאָר אַ מאָמענטאַנעם, נאָר אויך אַ דויערהאַפּטיגן — אַפילו אין דעם פאַל ווען עס וואָלט געווען בּאַגלייט מיט ליידן. צוליבּ דעם האָט ער געזוכט איינצושטעלן אַ מין טאַבּליצע — „אַ לייטער פון פאַרגעניגנס" — און האָט אַוועקגעשטעלט בּיים שפּיץ די פאַרגעניגנס, וואָס זיינען די שטאַרקערע און טיפערע; די, וועלכע זיינען ניט צופעליג, ניט מאָמענטאַנע, נאָר די, וועלכע קאָנען דויערן דעם גאַנצן לעבּן; די, וועלכע זיינען זיכער־ריכטיגע, און ענדליך די, וואָס זייער פאַרווירקליכונג איז נאָענט און וואָס ווערט ניט אָפּגעלייגט אויף אַ ווייטער און אומבּאַשטימטער צוקונפט.

די אינטענסיוויטעט פון די פאַרגעניגנס, זייער דויערהאַפּטיקייט, ריכטיקייט און נאָענטקייט — דאָס זיינען די פיר מאָסשטאַבּן, וואָס בּענטאַם האָט געזוכט פעסטצושטעלן אין זיין „אַריפמעטיק פון פאַרגעניגנס"; דערבּיי האָט ער נאָך צוגעגעבּן פרוכטבּאַרקייט, ד. ה. די פיאַיקייט פון אַ געגעבּענער בּאַפרידיגונג אַרויסצובּרענגען נייע, און פאַרבּרייטערונג, ד. ה. די פיאַיקייט צו געבּן אַ בּאַפרידיגונג ניט נאָר מיר, נאָר אויך אַנדערע. פּאַראַלעל מיט דעם „לייטער פון פאַרגעניגנס" האָט בּענטאַם אויך אויפגעשטעלט אַ „לייטער פון ליידן", דערבּיי האָט ער אין די ליידן געמאַכט אַן אונטערשייד צווישן די, וואָס בּריינגען שאַדן דער איינצעלנער פּערזאָן, און די וואָס בּריינגען שאַדן צו אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט אָדער צו גאַנצע גרופּן מענשן, און ענדליך האָט ער אויך אָפּגעטיילט די צרות און ליידן, וואָס גראָבּן אונטער די כחות פון דעם מענשן אָדער גאָר פון דער גאַנצער געזעלשאַפט.

כדי צו דערקלערן דעם מאָראַלן געפיל אין דעם מענשן, האָט בּענטאַם זיך ניט צופרידנגעשטעלט מיט די פריערדיגע דערקלערונגען, וואָס האָבּן אַרויסגעבּראַכט די אַנטשטייאונג פון דער מאָראַל פון דעם מיטגעבּוירענעם מאָראַלן געפיל (סיי אַ נאַטירליכן, סיי אַ געגעבּענעם פון אויבּן), פון סימפּאַטיע און אַנטיפּאַטיע, פון „געוויסן", „מאָראַלער פליכט" און דערגלייכן; דער נאָמען „טוגנד", וואָס איז געשיכטליך פאַרבּונדן מיט די גרויזאַמע רציחות פון דער

אינקוויזיציע, האָט ארויסגערופן זיין צאָרן. דידאָזיגע געדאנקען זיינע זיינען באזונדערס שאַרף אויסגעדריקט און גענוי אנטוויקלט אין זיין ווערק Deontology or the Science of Morality, וואָס איז באַארבעט געוואָרן נאָך בענטאמ'ס טויט פון זיין פריינד באָורינג. (די ערשטע אויפלאגע איז ערשינען אין יאָר 1834 אין צוויי בענד.)

מען מוז אויפבויען די מאָראַל אויף אנדערע יסודות, האָט בענטאַם געזאָגט. עס איז דער חוב פון די דיינקער צו באווייזן, אז א „וואוילטעטיגע" האנדלונג איז א ריכטיגע אויסרעכענונג, א צייט־ווייליגער קרבן, וועלכער וועט מיר געבן א מאקסימום צופרידנשטעלונג; פארקערט, אן אוממאָראַלישע האנדלונג איז א ניט־ריכטיגע אויסרעכענונג. א מענש דאַרף זוכן זיין פערזענליכע צופרידנשטעלונג, זיין פערזענליכן אינטערעס.

אזוי האָט שוין געזאָגט עפיקורוס און א סך אנדערע פון זיינע נאָכפאָלגער, צום ביישפיל מאנדעוויל, אין זיין בארימטער „מעשה וועגן בינען." אבער ווי גיאָ האָט שוין דארויף אָנגעוויזן, טראָגט בענטאַם דאָ אריין א באדייטנדע אויסבעסערונג, דורך וועלכער דער אוטיליטאריזם מאכט אן ערנסטן טריט פאָרווערטס. וואוילטעטיקייט איז ניט בלויז אן אויסרעכענונג, האָט געזאָגט בענטאַם, אין איר ליגט א געוויסע אָנשטריינגונג, א קאמף: א מענש אָפּפערט מיט אן אוממיטלבאַרן פארגעניגן אין אויסזיכט אויף גרעסערע צוקינפטיגע פארגעניגנס. בענטאַם שטעלט זיך באזונדערס אָפּ אויף אָט דעם אָפּפער, ד. ה. פאקטיש אויף דער זעלבסטאָפּפערונג, ווען אפילו זי איז א צייטווייליגע. אין דער אמתן, ווען מען זאָל דאָס ניט איינזען, וואָלט געמיינט ניט איינזען דאס, וואָס מאכט אויס לכל הפחות א העלפט פון דעם גאנצן לעבן פון דער טירן־וועלט, פון די גאר אומאנטוויקלטע ווילדע, און אפילו פון דעם לעבן פון אונזערע „אינדוסטריעלע" געזעלשאפטן. א סך פון די, וואָס רופן זיך אוטיליטאריסטן, זעהען דאס טאקע ניט איין. אבער בענטאַם האָט פארשטאַנען וואו דער אולטיליטאריזם וואָלט פארפירט אָהן דער דאָזיגער אויסבעסערונג, און דעריבער האָט ער דרינגליך געצויגן אויפמערקזאמקייט אויף דעם. נאָך מער האָט געדאַרפט באַשטיין אויף דעם דזשאָן סטוארט מילל, וועלכער האָט געשריבן אין דער צייט בעת אָווענס קאָמוניסטישע לערע—וואָס האָט אויך

פאַרוואָרפן יעדע מאָראַל, וועלכע איז געבויט אויף איינפלוסן פון אויבן — האָט שוין זיך געהאט שטאַרק פאַרשפּרייט אין ענגלאַנד.

אָט די מאָסשטאָבן פון גוטס און שלעכטס, האָט בענטאַם באַוויזן, דינען ניט נאָר פאַר א יסוד פון דער מאָראַלער אָפּשאַצונג פון אונזערע אייגענע האַנדלונגען — זיי דאַרפן וויינציגסטענס דינען פאַר א יסוד פון יעדער געזעצגעבונג. אין זיי געפינט זיך דער קריטעריום פון דאָס מאָראַלע, ד. ה. זיין פּרוביר־שטיין און זיין מאָסשטאָב. דאָ אָבער קומט אריין א גאַנצע ריי אויסרעכענונגען, וועלכע באַאיינפלוסן שטאַרק און ענדערן דעם באַגריף וועגן דאָס מאָראַלע און געווינשטע סיי ביי איינצעלנע מענשן, סיי ביי גאַנצע געזעלשאַפטן, אין די פאַרשיידענע צייטן פון זייער אַנטוויקלונג. די גייסטיגע אַנטוויקלונג פון דעם מענשן, זיין רעליגיע, זיין טעמפּעראַמענט, דער צושטאַנד פון זיין געזונט, זיין ערציאונג, זיין קלאַסן־פּאָזיציע, ווי אויך דער פּאָליטישער געבוי — דאָס אַלץ ענדערט די מאָראַלע באַגריפן פון די באַזונדערע מענשן און פון די געזעלשאַפטן און בענטאַם, וועלכער איז געווען פאַרטאָן מיט זיינע געזעצגעבערישע אויפגאַבן, האָט גאַנץ גענוי אַנאַליזירט דידאָזיגע איינפלוסן. פונדעסטוועגן, אָבוואויל ער איז געווען באַגייסטערט פון די העכסטע שטרעבונגען און האָט פולשטענדיג אָפּגעשאַצט די מאָראַלע שיינקייט פון זעלבסטאָפּפערונג, זעהען מיר אָבער ניט ביי אים וואו, ווי אַזוי און פאַרוואָס דער אינסטינקט נעמט די אויבערהאַנט איבער די קאַלטע איבערוועגונגען פון דעם פאַרשטאַנד? אין וועלכע באַציאונגען שטייען דער פאַרשטאַנד און דער אינסטינקט איינע צו די אַנדערע, און וואו ליגט די לעבעדיגע פאַרבינדונג צווישען זיי? מיר זעהען ביי בענטאַמען די אינסטינקטיווע קראַפט פון געזעלשאַפטליכקייט, מיר זעהען אבער ניט ווי אַזוי זי לעבט זיך איין מיט זיין מעטאָדישן פאַרשטאַנד, און צוליב דעם פילן מיר די ניט־פולשטענדיקייט פון זיין עטיק, און מיר פאַרשטייען, פאַר וואָס פילע, וואָס האָבן זיך באַקענט מיט איר, האָבן זיך פונדעסטוועגן ניט צופרידנגעשטעלט מיט איר און האָבן ווייטער געזוכט א פאַרפעסטיגונג פון זייערע עטישע אימפּולסן, איינינגע אין דער רעליגיע און אַנדערע אין איר ליבליכן קינד — די קאַנטישע עטיק פון פליכט.

פון דער אַנדער זייט איז גאָר קיין צווייפל ניט, אז אין בענטאַמ׳ס קריטיק פילט זיך א פאַרלאַנג ארויסצורופן אין מענשן שאַ־

פֿונג־כחות, וואָס זאָלן זיי קאָנען געבן ניט נאָר פּערזענליכן גליק, נאָר אויך אַ ברייטן באַגריף פֿון געזעלשאַפֿטליכע אויפֿגאַבן, און זאָלן אַרויסרופֿן אין זיי העכערע שטרעבונגען. בענטאַם שטרעבט צו דעם צושטאַנד, ווען דאָס רעכט און די געזעצגעבונג זאָלן זיין באַגייסטערט ניט פֿון די איצטיקע גאַנגבאַרע באַגריפֿן וועגן דעם גליק פֿון דער מענשהייט אונטער דער שווערער האַנט פֿון דער מאַכט, נאָר פֿון די העכערע אויסרעכענונגען וועגן דעם גרעסטן גליק פֿון דער גרעסטער טייל מיטגלידער פֿון דער געזעלשאַפֿט.

ווען מען גערדינקט אָט דעם שטריך פֿון בענטאַמ'ס עטיק, ווי אויך דעם אַלגעמיינעם גייסט פֿון זיינע ווערק, זיין העכן ציל, זיין זאָרג אויפֿצוהאַלטן אין דער געזעלשאַפֿט מיטלען אויף צו באַפֿרידיגן די פּערזענליכע אויפֿנעם־פֿייאיקייט פֿון אירע איינצעלנע מיטגלידער און כדי זיי זאָלן פֿאַרשטיין דעם עלעמענט פֿון קונסט אין דעם געפֿיל פֿון פֿליכט־ערפֿילונג — קאָן מען לייכט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס בענטאַמס לערע, ניט קוקנדיק אויף דער אַריפֿמעטישער טרוקנקייט פֿון איר אויסגאַנג פּונקט, האָט געהאַט אַזאַ גוטן איינפֿלוס אויף די בעסטע מענשן פֿון זיין צייט. עס איז אויך קלאָר, פֿאַר וואָס די מענשן, וואָס האָבן גרינטליך אויסשטודירט זיין לערע, ווי צ. ב. ש. גיאָ, אין זיין אויסגעצייכנטן ווערק וועגן דער מאָדערנער ענגלישער עטיק, האַלטן בענטאַמען פֿאַר דעם אמתן באַגרינדער פֿון דער גאַנצער ענגלישער אוטיליטאַרישער שולע, צו וועלכער עס געהערט טיילווייז אויך ספּענסער.

צו אַנטוויקלען ווייטער בענטאַמס אידייען איז געווען דער צוועק פֿון דעם קרייז פֿון זיינע נאָכפֿאָלגער, בראש פֿון וועלכע עס זיינען געשטאַנען דזשיימס מילל און זיין זון דזשאָן סטואַרט מילל (געב. אין 1806, געשט. אין 1873). דאָס בוך „אוטיליטאַריזם“ פֿון דזשאָן סטואַרט מילל איז די בעסטע זאַמלונג פֿון די לערען פֿון דער אוטיליטאַרישער שולע אין דער עטיק. און הגם מילל האָט איבער דער מאָראַל־טעאָריע אָנגעשריבן בלויז אָט דאָס איינציק קליין ביכל, פֿונדעסטוועגן האָט ער געבראַכט אַ גרויסן ביטראָג צו דער לערע וועגן מאָראַל און האָט דערפֿירט די לערע פֿון אוטיליטאַריזם ביז צו איר לאָגישער פֿאַרענדיקן. מילל איז אין דעם דאָזיקן בוך, ווי אויך אין זיינע ווערק איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע,

דורכגעדרונגען מיט דעם געדאנק וועגן דער נויטווענדיקייט איבערצובויען דאס געזעלשאפטליכע לעבן אויף נייע עטישע יסודות.

פאר דעם דאזיגן איבערבוי האט מילל ניט איינגעזען קיין נויטיקייט ניט אין א רעליגיעזער באגרינדונג פון מאראל, ניט אין א געזעצגעבונג, וואס ווערט ארויסגעפירט פון דער ריינער פארנונפט (קאנטס פראבע אין דער דאזיגער ריכטונג האט זיך אויסגעלאזט מיט א פולשטענדיגן דורכפאל) — ער האט געפונען פאר מעגליך צו בויען די גאנצע לערע פון מאראל אויף איין גרונט־פרינציפ: *די שטרעבונג צו דעם גרעסטן גליק*, ריכטיג, ד. ה. פארנינפטיג פארשטאנען. אזוי האט שוין יוהם פארשטאנען די אנטשטייאונג פון דאס מאראלע. מילל אבער, ווי מען האט געדארפט דערווארטן פון א דיינקער פון דער אנדער העלפט פונם 19טן י. ה., האט דעמדאזיגן געדאנק פארפולקאמט, אנווייזנדיג אויף דער שטענדיגער אנטוויקלונג פון די מאראלע באגריפן ביי דער מענשהייט א דאנק דעם געזעלשאפטליכן לעבן. דאס מאראלע איז ניט איינגעבוירן אין דעם מענשן, נאר עס איז א *פראדוקט פון אנטוויקלונג*.

אין מענשן זיינען פאראן זייער גוטע אנלאגן, אבער עס זיינען פאראן אויך שלעכטע; איינצעלנע מענשן זיינען גרייט צו ארבעטן לטובת הכלל, אנדערע אבער ווילן זיך גאר ניט קימערן וועגן דעם. די באגריפן וועגן דעם וואס איז גוט פאר דער געזעלשאפט, און במילא פאר יעדער פערזאן, זיינען נאך זייער פארפלאנטערט. נאר אויב אין דעם קאמף קומט פאר א פראגרעס צום בעסערן, איז דאס דערפאר, וואס יעדע מענשליכע געזעלשאפט איז פאראינטערעסירט עס זאלן גובר זיין די עלעמענטן פון גוטס, ד. ה. פון דעם אלגעמיינעם וואוילזיין, אדער ריידנדיג מיט קאנט'ס שפראך, די אלטרואיסטישע עלעמענטן זאלן גובר זיין די עגאאיסטישע. מיט אנדערע ווערטער: אין דעם געזעלשאפטליכן לעבן קומט פאר א סינטעז צווישן די מאראלע שטרעבונגען וואס באגרינדן זיך אויפ'ן געפיל פון פליכט, און די שטרעבונגען וואס קומען ארויס פון דעם פרינציפ פון גרעסטן גליק (אײדעמאניזם) אדער פון דעם גרעסטן נוצן (אוטיליטאריזם).

מאראליטעט, זאגט מיל, איז א פראדוקט פון דער גענזייטיגער ווירקונג צווישן דער פסיכישער (אינטעלעקטועלער און עמא־

ציאָנעלער) אָרגאַניזאַציע פון דער פּערזאָן און דער געזעלשאַפט; און ווען מען זאָל אזוי קוקן אויף איר, אַנטפּלעקן זיך פאַר אונז פיל ברייטע און אַנציענדע וויזיאָנען און אויך פיל פרוכטבאַרע דערהויבענע אויפגאַבן אין דעם געזעלשאַפטלאַכן איבערבויען. פון אַט דעם שטאַנדפּונקט דאַרפן מיר זעהן אין דער מאָראַל א סומע פאָדערונגען, וואָס ווערן געשטעלט דורך דעם געמיינזאַמען לעבן צו דעם כאַראַקטער און ווילן פון זיינע מיטגלידער אין די אינטערעסן פון זייער אייגענעם וואוילזיין און ווייטערדיגער פאַרפאָלקאָמונג. אבער דאָס איז ניט קיין טויטע פאָרמולע, נאָר פאַרקערט עטוואָס לעבעדיגס, וואָס ניט נאָר עס שטעלט אוועק די ענדערליכקייט ווי א געזעץ, נאָר עס פאָדערט זי ארויס: ניט די פאַרגעזעצליכונג פון דאָס וואָס איז געוועזן און קאָן שוין זיין אויסגעלעבט, נאָר א לעבהאַפטיגן פּרינציפּ אויף צו בויען די צוקונפט. און אויב דאָ קומט פאָר א צוזאַמענשטויס פון פאַרטייען, וואָס פאַרשטייען פאַרשיידן די אויפגאַבן פון דער צוקונפט, אויב די שטרעבונג צו בעסערעס שטויסט זיך אָן אויף דער צוגעוויינטקייט צו די אַלטע, זיינען ניטאָ קיין אַנדערע באַווייזן און קיין אַנדער מאָסשטאַב אויסצוגעפינען זייער ריכטיקייט, א חוץ דעם וואוילשטאַנד פון דער מענשהייט און איר פאַרפאָלקאָמענהייט.

שוין פון אָט די קנאַפּע אויסצוגן זעט זיך ארויס, וואָסערע פּערספּעקטיוון מילל האָט אויפגעדעקט, אָנווענדנדיג דעם פּרינציפּ פון נוצליכקייט צום לעבן. א דאַנק דעם האָט ער געהאַט א גרויסן איינפלוס אויף די מענשן פון זיין צייט, און נאָך מער דערפאַר, וואָס אלע זיינע ווערק זיינען געוועזן געשריבן אין א קלאָרער און איינפאַכער שפּראַך.

דער פּרינציפּ אָבער פון גערעכטיקייט, אויף וועלכן יוהם האָט שוין אנגעוויזן, איז פאַרשוואונדן געוואָרן פון אָט די באַטראַכטונגען ביי מיללן, און נאָר צום סוף בוך קאָנען מיר לייענען ביי אים וועגן גערעכטיקייט, ווען עס רעדט זיך וועגן דעם קריטעריום, דעם גרונטפּרינציפּ, וואָס מיט זיין הילף וואָלט מען געקאָנט אויסגעפינען די ריכטיקייט פון די אדער אנדערע שלוסן פון די פאַרשיידענע ריכטונגען, וועלכע קעמפן פאַר דער אויבערהאַנט אין דער פּראָגרעסיווער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט.

וואָס איז שייך דער פראַגע, אויף וויפיל דער פּרינציפּ פון נוצ־

ליכקייט, ד. ה. דער אוטיליטאַריזם, קאָן זיין גענוג צו דערקלערן דאָס מאָראַלע אין דעם מענשן, וועלן מיר זיך אָפּגעבן מיט דעם אַנאַליז וועגן דעם אין דעם צווייטן טייל פון אָט דעם ווערק. דאָ איז נאָר וויכטיג צו באַמערקן דעם שריט פאָרווערטס, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין דער עטיק — די שטרעבונג זי צו בויען אויס־שליסליך אויף ראַציאָנאַלע פּרינציפּן, אָהן וועלכן עס איז קלאָרן אָדער באַהאַלטענעם איינפלוס פון דער רעליגיע.

איידער מיר וועלן איבערגיין צו דער באַשרייבונג פון דער עטיק פון דעם פּאָזיטיוויזם און עוואָלוציאָניזם, איז נויטיג, ווען אפילו נאָר בקיצור, זיך אָפּצושטעלן אויף די מאָראַל־לערען פון איינגע פילאָ־סאָפן פונם 19טן י. ה., וועלכע זיינען אפילו געשטאַנען אויף א מע־טאַפיזישן און ספּיריטואַליסטישן שטאַנדפּונקט, אָבער האָבן פונ־דעסטוועגן געהאַט א געווויסן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון דער עטיק פון אונזער צייט. אַזעלכע דיינקער זיינען געוועזן אין דייטשלאַנד אַרטור שאָפּענהויער און אין פראַנקרייך וויקטאָר קוזען און זיין תלמיד טעאָדאָר זשופרואַ.

שאָפּענהויער (געב. אין 1788, געשט. אין 1860). — שאָפּענהויער׳ס עטישע לערע ווערט גאַנץ פאַרשיידן אָפּגעשאַצט פון פאַרשיידענע שרייבער, פּונקט ווי אַלץ אייגענטלאַך, וואָס אָט דער פּעסימיסט־פילאָסאָף האָט געשריבן, וועמעס פּעסימיזם האָט זיך גענומען ניט פון קלעמעניש וועגן דער מענשהייט, נאָר פון א זייער עגאָאיסטישער נאַטור.

„אונזער וועלט איז א ניט־פולקאָמענע וועלט“, האָט שאָפּענ־הויער געלערנט; אונזער לעבן איז ליידן; דער „ווילן צו לעבן“ גע־בערט אין אונז פאַרלאַנגען, אָבער אויפן וועג זיי צו פאַרווירקליכן, באַגעגנען מיר שטערונגען, און דער קאַמף מיט די דאָזיגע שטע־רונגען פאַרשאַפט אונז ליידן. דערצו, ווי נאָר די שטערונגען זיינען באַזייטיגט געוואָרן און דער פאַרלאַנג איז פאַרווירקליכט, ווערט פון דאָס נײַ געבוירן א ניט־צופרידנשטעלונג. אַלס אַקטיווע טיילנע־מער אין לעבן, ווערן מיר מאַרטירער. דער פראָגרעס שאַפט ניט אָפּ די ליידן. פאַרקערט, אין דעם ערך וואָס די קולטור אַנטוויקלט זיך, פאַרגרעסערן זיך די פאָדערונגען, און זייער באַפרידיגונג רופט אַרויס נײַע ליידן, נײַע אַנטוישונגען.

אינאייניגעם מיט דער אנטוויקלונג פון פראָגרעס און קולטור ווערט דער מענשליכער פארשטאַנד מער עמפינדליך צו ליידן, און ער קריגט די פייאיקייט איבערצולעבן ניט נאָר זיינע אייגענע יסורים און פיין, נאָר ער פילט די ליידן אויך פון אנדערע מענשן און אפילו פון חיות. ווי א פאָלגע דערפון אנטוויקלט זיך ביי מענשן דער געפיל פון מ י ט ל י י ד, וועלכער איז דער גרונט פון מאָראַל און דער קוואַל פון אַלע מאָראַלע האנדלונגען.

אויף דעם אופן האָט שאָפּענהויער לחלוטין זיך אָפּגעזאָגט פונם געדאַנק, אַז עס איז פאַראַן עפּעס מאָראַלישעס אין די האנד־לונגען אָדער אין דעם אַרט לעבן, וואָס איז געבויט אויף די אויס־רעכענונגען פון אייגנליבע אדער אויף דער שטרעבונג צו גליק. ער האָט אָבער אויך אָפּגעלייקנט דעם קאַנט׳ישן פליכט־געפיל ווי א יסוד פון מאָראַל. דאָס מאָראַלע הויבט זיך אָן ביי שאָפּענהויערן ערשט יעמאָלט, בעת דער מענש האנדלט אזוי אדער אנדערש אויס מיטגעפיל מיט אנדערע, אויס מיטלייד. דער געפיל פון מיטלייד, האָט שאָפּענהויער געשריבן, איז א אורשפּרינגליכער געפיל, וואָס ליגט אין דער טבע פון מענשן, און טאַקע נאָר אין אים איז ד ע ר ג ר ו נ ט פ ו ן א ל ע מ אָ ר א ל ע א י מ פּ ו ל ס ן, און ניט אין די פערזענליכע אויסרעכענונגען פון אייגנליבע אדער אין דעם געפיל פון פליכט.

דערביי האָט שאָפּענהויער אָנגעמערקט אין דעם געפיל פון מיט־לייד צוויי זייטן: אין איינעם פאַל איז פאַראַן עפּעס, וואָס ה א ל ט מ י ך א פּ פון פארשאַפן אנאַנדערן ליידן. און אין אנדערע פאַלן צ י ט מ י ך צ ו ט אָ ן ע פּ ע ס, ווען מען פארשאַפט אנאַנ־דערן ליידן. אין דעם ערשטן פאַל באַקומט זיך איינפאַכע ג ע־ר ע כ ט י ק י י ט, אין דעם אנדערן, ווידער, באַווייזט זיך ליבע צום נאָענטן.

די פאַנאַנדערטיילונג, וואָס שאָפּענהויער האָט דאָ געמאַכט, איז בלי ספק א טריט פאָרווערטס. זי איז נויטיג. ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן אין צווייטן קאַפּיטל, מאַכן שוין די ווילדע אזא אונטער־שייד, ווען זיי זאָגן, אַז איין זאַך מ ו ז מען טאָן, און די אנדער זאַך איז נאָר א ש א נ ד נ י ט צ ו ט אָ ן; און איך בין איבערצייגט, אַז מיט דער צייט וועט מען דאָס באַטראַכטן פאַר א גרינטליכן אונטערשייד, ווארים אונזערע מאָראַלע באַגריפן ווערן

אמבעסטן אויסגעדריקט אין דער דריי־טיילנדיגער פארמולע: געזעלשאפטליכקייט, גערעכטיקייט און גרויסמוט, אדער דאס, וואס מען דארף אייגנטליך האלטן פאר מאראל.

ליידער איז דער גרונט, וואס שאפענהויער האט אנגענומען, כדי אפצוטיילן דאס, וואס ער האט אנגערופן גערעכטיקייט, פון דער ליבע צום נאענטן, קוים א ריכטיגער. אנשטאט צו באווייזן, אז דער מיט־געפיל, וואס האט איינמאל געפירט דעם מענשן צו גערעכטיקייט, איז די אנדערקענונג פון דער גלייכבארעכטיגונג פון אלע מענשן — צו וואס די עטיק איז שוין געקומען אין סוף 18טן און אין 19טן י. ה. — האט ער געזוכט די דערקלערונג פון דעמדאזיגן געפיל אין דער מעטאפיזישער גלייכקייט פון אלע מענשן לויט דעם עצם פון דער זאך. דערצו, אידענטיפיצירנדיג גערעכטיקייט מיט מיטלייד, ד. ה. א באגריף און א געפיל פון א פארשיידענער אפשטאמונג, האט ער דערמיט שטארק פארקלענערט די באדייטונג פון אזא גרונט־עלעמענט פון מאראל ווי די גערעכטיקייט; און דערנאך האט ער ווידער אמאל פארבונדן אינאיינעם דאס, וואס איז גערעכט און האט דעריבער דעם כאראקטער פון א מוז, און דאס, וואס איז ווינשנסווערט, ד. ה. א גרויסמוטיגער אימפולס. ווי כמעט אלע שרייבער וועגן עטיק, האט ער, הייסט עס, ניט גענוג אונטערשיידט צווישן צוויי אימפולסן, פון וועלכע איינער זאגט: „טו ניט דעם אנדערן דאס, וואס דו וואלסט זיך ניט געוואונשן", און דער אנדערער זאגט: „גיב פריי דעם אנדערן, ניט קלערנדיג וואס דו וועסט דערפאר קריגן צוריק".

אנשטאט צו באווייזן, אז דא צייגן זיך ארויס צוויי פארשיידענע באגריפן פון אונזערע באציאונגען צו אנדערע, האט שאפענהויער בלויז געזען א חילוק אין דעם גראד פון זייער ווירקונג אויף אונזער ווילן. אין איין פאל בלייבט דער מענש אומטעטיג און באליידיגט ניט דעם אנדערן, בעת אין דעם אנדער פאל טרעט ער ארויס אקטיוו, גערירט פון ליבע צום נאענטן. פאקטיש איז דער חילוק א סך א טיפערער, און מען קאן ניט ריכטיג ריידן וועגן די יסודות פון עטיק, ווען מען זעט ניט איין אין איר ווי א גרונט־באגריף די גערעכטיקייט אין דעם זין פון אנדערקענען

די גליי כ ב א ר ע כ ט י ג ו נ ג, און ערשט דערנאָך ראַטן צו זיין ג ר ו י ס מ ו ט י ג. וואָס מאַרק גיאָ האָט עס פאָרטרעפליך באַשריבן ווי א פרייגעביגע אָפּפערונג פון דעם אייגענעם שכל, די אייגענע געפילן און דעם אייגענעם ווילן לטובת פון אנדערע אדער פון אַלעמען.

עס פאַרשטייט זיך, אינגאַנצן זיך באַגיין אָהן דעם באַגריף וועגן גערעכטיקייט, פאַרשטאַנען אין דעם זין פון אָנדערקענען די גלייכ־באַרעכטיגונג, האָט שוין שאָפּענהויער ניט געקאָנט, איינמאָל אז ער האָט אין מיטלייד געזען אַן אַקט פון גערעכטיקייט. דאָס, וואָס מיר זיינען פּייאיג צו פילן מיטלייד אין באַציאונג צו אַנדערע מענשן, זיך אָנשטעקן מיט זייערע פריידן און ליידן און איבערלעבן מיט זיי די פריידן און ליידן, וואָלט ווירקליך געווען אומדערקלערבאַר, אויב מיר וואָלטן ניט געהאַט די פּייאיקייט, באַוואוסטזיניג אָדער אומ־באַוואוסטזיניג, צו אידענטיפיצירן זיך מיט די אנדערע. און אזא פּייאיקייט וואָלט קיינער ניט געקאָנט האָבן, אויב ער וואָלט זיך געהאַלטן דורך וואָס עס איז אנדערש ווי די אנדערע און ניט גלייך צו זיי, זאָל זיין אפילו אין פּרט פון עמפּינדליכקייט צו פרייד און צער, צו גוטס און שלעכטס, צו פריינטליכקייט און פיינטשאַפט. א חוץ דורך דער אָנדערקענונג, אז מען איז גלייך צו יעדן אנדערן, איז אוממעגליך צו דערקלערן זיך דעם טריב פון א מענשן, וואָס וואַרפט זיך אין וואַסער (אפילו ניט קאָנענדיג שווימען) כדי צו ראַטעווען אנאנדער מענשן, אָדער וואָס גייט אונטער א האָגל פון קוילן, כדי אויפצוקלייבן די פאַרוואונדעטע אויפן שלאַכטפעלד. *

* אַמאָליגע צייטן, אונטער פּאַנשטשיזנע, ד. ה. אין דער עקזיסטענץ פון קנעכטשאַפט, האָט די גרעסטע מערהייט פון די פּריצים — פּאַקטיש די קנעכט באַזיצער — ניט געקאָנט אויף א מינוט צולאָזן דעם געדאַנק, אז די געפילן ביי זייערע לייבאייגענע זאָלן קאָנען זיין אזוינע „הויכע און ראַפינירטע", ווי ביי זיי אליין. דערפאַר טאַקע האָט מען עס גע־האַלטן פאַר אַזאַ גרויסן פאַרדינסט פון טורגעניעוון, גריגאָראָוויטשן און אנדערע, וואָס זיי האָבן אין די פּריצישע הערצער אריינגעוואָרפן דעם געדאַנק, אז די קנעכט זיינען אויך בכח צו פילן אזוי ווי זייערע אייגנ־טימער. פריער וואָלט אזא געדאַנק באַטראַכט געוואָרן ווי א פאַרמינערונג, א דערנידערונג פון די הויכע „פּריצישע" געפילן. — פונקט אזא באַצי־אונג האָב איך באַגעגנט, אין די זיבעציגער און אַכציגער יאָרן ביי אזוי־ניגע פּערזאָנען אויך אין ענגלאַנד, צו די „העַנט", ד. ה. צו די ארבעטער אין די פאַבריקן, אין די מינען א. אז. וו. — הגם די ענגלישע באַצירק־אַדמיניסטראַציע און די „קירך־געמיינדע" האָבן שוין היבש אויסגע־וואָרצלט אזא קלאַסן־היפּאָקריטסטווע.

אָבער ארויסגייענדיג פון דעם שטאַנדפונקט, אז דאָס לעבן איז א צרה, און אז אויף דער נידעריגסטער שטופע פון מאָראל איז באַזונדערס שטארק אנטוויקלט דער עגאָאיזם, דער ליידנשאַפטליכער פארלאַנג צו לעבן, האָט שאָפּענהויער באהויפּטעט, אז מיט דער אנטוויקלונג פון דעם געפיל פון מיטלייד באקומט דער מענש די פייאיקייט געוואר צו ווערן און איבערלעבן די ליידן פון אנדערע מענשן, און דעריבער ווערט ער נאָך מער אומגליקלאַך. ער האָט געהאַלטן, אז נאָר דער אסקעטיזם, דאָס דערווייטערן זיך פון דער וועלט, און די עסטעטישע וואָרנעמונג פון דער נאַטור שוואַכן אָפּ אין אונז די ווילנס־אימפּולסן, באַפרייען אונז פון דעם יאָך פון די ליידנשאַפטן, וואָס דריקן אונז צו, און פירן צו דעם העכערן ציל פון דער מאָראל — „די פארניכטונג פון דעם ווילן צום לעבן". ווי א רעזולטאַט פון דערדאָזיגער פארניכטונג פונם ווילן צום לעבן וועט די וועלט קומען צו דעם צושטאַנד פון אומענדליכער רו — פון נירוואַנאַ.

עס פארשטייט זיך, אַז די פּעסימיסטישע פילאָסאָפיע איז א פילאָסאָפיע פון טויט, ניט פון לעבן, און דעריבער קאָן די מאָראל פון פּעסימיזם ניט באַשאַפן קיין געזונטע און אַקטיווע שטרעמונג אין דער געזעלשאַפט. איך האָב זיך נאָר דעריבער אָפּגעשטעלט אויף שאָפּענהויערס עטישער לערע, ווייל דערמיט וואָס ער האָט זיך געשטעלט קעגן קאַנטס עטיק, און דער עיקר קעגן זיין טעאָריע פון פליכט, האָט שאָפּענהויער בלי ספק צוגעגרייט דעם באָדן אין דייטשלאַנד פאר די דיינקער און פילאָסאָפן, זיי זאָלן אָנהויבן זוכן די יסודות פון מאָראל אין דער מענשליכער נאַטור גופא און אין דער אנטוויקלונג פון געזעלשאַפטליכקייט. צוליב אָבער זיינע פערזענליכע אייגנטימליכקייטן איז שאָפּענהויער ניט געווען בכח צו געבן דער עטיק א נייע ריכטונג. וואָס איז שייך, ווידער, זיין אויסגעצייכנטן אַנאַליז פון דער פראַגע וועגן דער פרייהייט פון ווילן און דער באַדייטונג פונם ווילן ווי א ווירקנדע קראַפט אין געזעלשאַפטליכן לעבן, וועלן מיר ריידן וועגן דעם אין צווייטן באַנד פון אונזער ווערק.

אין פראַנקרייך האָט די עפּאָכע נאָך דער רעוואָלוציע אמת טאַקע ניט ארויסגעבראַכט אזוינע פּעסימיסטישע לערען ווי שאָפּענ־

הויערס לערע, אָבער דערפאַר צייכנט זיך אויס די עפּאָכע פון דער רעסטאַוראַציע פון די בורבאָנען און די יולי־אימפּעריע מיט אַ פאַנאַנדערבליאונג פון אַ ספּיריטואַליסטישער פילאָסאָפיע. אין יענער עפּאָכע זיינען די פּראָגרעסיווע אידייען פון די ענציקלאָפּעדיסטן, פון וואָלטער, קאָנדאָרסע און מאָנטעסקיו אַרויסגעשטופּט געוואָרן דורך די טעאָריעס פון וויקטאָר דע־באָנאַלד, זשאָזעף דע־מעסטר, מען דע־ביראַן, ראָיע־קאָליאַר, וויקטאָר קוזען און אַנדערע פאַרשטייער פון דער רעאַקציע אויפן געביט פון פילאָסאָפישן געדאַנק.

מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן אויף דער באַשרייבונג פון דידאַזיגע לערען און וועלן נאָר באַמערקן, אַז די מאָראַל פון דעם אָנגעזעהענסטן און איינפלוסרייכסטן פון זיי, פון וויקטאָר קוזען, איז די מאָראַל פון דעם טראַדיציאָנעלן ספּיריטואַליזם. מיר מוזן נאָר פאַרצייכענען דעם פאַרזוך פון וויקטאָר קוזען'ס תלמיד, טעאָדאָר זשופרואַ, אַנצואַווייזן אויף דער באַדייטונג אין דער עטיק פון יענעם עלעמענט פון מאָראַל, וועלכן איך האָב אָנגערופן אין מיין סיסטעם פון עטיק זעלבסטאָפּפערונג אָדער גרויס־מוטיקייט, ד. ה. יענע מאָמענטן, ווען אַ מענש גיט אָוועק אַנדערע מענשן זיינע כחות און אַמאָל אויך זיין לעבן, ניט פרעגנדיג וואָס ער וועט קריגן דערפאַר.

זשופרואַ האָט ניט אינגאַנצן אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון דעמדאָזיגן עלעמענט, נאָר ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס, וואָס מענשן רופן אַן זעלבסטאָפּפערונג, איז אַן אמת'ער עלעמענט פון מאָראַל. אָבער אַזוי ווי אַלע זיינע פאָרגייערס, האָט זשופרואַ אויך צונויפגעמישט אָט דעם עלעמענט מיט אַלע מאָראַלע טאַטן בכלל. מען מוז אָבער נאָך צוגעבן, אַז די גאַנצע אַרבעט פון דערדאָזיגער שולע האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ באַדייטנדער אומבאַשטימטקייט און פשרה־מאַכעריי, און מען ליך אַז צוליב דעם גופא אויך פון עפּעס ניט־פאַרענדיגטעם.

פּאָזיטיוויזם. די צווייטע העלפט פון 18טן יאָרהונדערט האָט זיך אויסגעצייכנט, ווי מיר האָבן אויבן געזען, מיט איר געוואָגטער קריטיק אויף די ביז יענער צייט גאַנגבאַרע וויסנשאַפטליכע, פילאָסאָפישע, פּאָליטישע און עטישע באַגריפן, און דידאָזיגע

קריטיק האָט זיך ניט באַגרעניצט בלויז מיט די ווענט פון די אַקאַדעמיעס. אין פראַנקרייך האָבן זיך די נייע אידייען ווייט פאַרשפּרייט אין דער געזעלשאַפט און האָבן אײַנגיכן אַרויסגערופן אַ צעברעקלונג פון די עקזיסטירנדיגע מלוכה־אינסטיטוציעס, און מיט זיי אויך פונם גאַנצן לעבן פון דעם פראַנצויזישן פאָלק: פון דעם עקאָנאָמישן, גייסטיגן און רעליגיעזן לעבן. נאָך דער רעוואָלוציע, אין דער צייט פון אַ גאַנצער ריי מלחמות, וואָס האָבן זיך געצויגן מיט קליינע הפסקות ביז דעם יאָר 1815, האָבן די נייע בליקן אויפן געזעלשאַפטליכן לעבן, דערהויפּט דער געדאַנק וועגן פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיגונג, זיך פאַנאַנדערגעטראָגן צוערשט פון די רעפּוב־ליקאַנישע און דערנאָך אויך פון די נאַפּאָלעאָנישע אַרמייען איבער גאַנץ מערב און טיילווייז אויך מיטל־אייראָפּאַ. עס פאַרשטייט זיך, די „מענשן רעכט", וואָס די פראַנצויזן האָבן אײַנגעפירט אין די פון זיי אײַנגענומענע לענדער, די פּראָקלאַמירונג פון דער פּערזענ־ליכער גלייכהייט פון אַלע בירגער און די אָפּשאַפונג פון לייבאייגנ־שאַפט האָבן זיך ניט געהאַלטן נאָך דער רעסטאַווראַציע פון די בור־באָנען אויפן פראַנצויזישן טראָן. נאָך מער, אין גאַנץ אייראָפּאַ האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינע גייסטיגע רעאַקציע, און מיט איר אויך אַ פּאָליטישע. עסטרייך, רוסלאַנד און פּרייסן האָבן געשלאָסן צווישן זיך אַ „הייליגן בונד", וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אויפצוהאַלטן אין אייראָפּאַ די מאָנאַרכיסטישע און פעאָדאַלע אָרדענונג. פונדעסטוועגן האָט זיך פּאָרט אָנגעהויבן אַ ניי פּאָליטיש לעבן אין אייראָפּאַ און באַזונדערס אין פראַנקרייך, וואו מיט דער יולי רעוואָלוציע פון 1830, נאָך פופצען יאָר פון אַ ווילדער רעאַקציע, האָט אַ נייער לעבענס־שטראָם זיך גענומען דורכ־שלאָגן אין אַלע ריכטונגען: אין דער פּאָליטישער, עקאָנאָמישער, וויסנשאַפטליכער און פילאָסאָפישער.

עס פאַרשטייט זיך פון זיך אַליין, אַז די רעאַקציע אַנטקעגן דער רעוואָלוציע און אירע שטרעמונגען, וואָס האָט געבושעוועט אין אייראָפּאַ אין משך פון דרייסיג יאָר, האָט באַוויזן אויפצוטאָן אַ סך, וואָס זאָל אָפּשטעלן דעם גייסטיגן און פילאָסאָפישן אײַנפלוס פון דעם 18טן י. ה. און פון דער רעוואָלוציע; אָבער מיט דעם ערשטן הויך פון פרייהייט, וואָס האָט אַ בלאָז געטאָן איבער אייראָפּאַ פון דעם טאָג אָן פון דער יולי רעוואָלוציע, וואָס האָט אַרונטערגעוואָרפן

די בורבאָנען, האָט א פרישע גייסטיגע באַוועגונג פון דאָס ניי אויפ־געשפראָצט אין פראַנקרייך און ענגלאַנד.

שוין אין די דרייסיגער יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן אין מערב־אייראָפּא א נייע טעכניק: עס האָבן זיך אָנגעהויבן בויען אייזנבאַנען, עס האָבן זיך באַוויזן שרויף־דאַמפּערס, וואָס האָבן געמאַכט מעגליך ווייטע ים־רייזן, עס זיינען אַנטשטאַנען גרויסע פאַבריקן, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט די רוי־מאַטעריאַלן מיט דער הילף פון פאַרפּולקאָמטע מאַשינעס, עס איז געשאַפן געוואָרן א דאַנק די ערפינדונגען פון דער כעמיע א גרויסע מעטאַלורגישע אינדוסטריע א. אז. וו. דאָס גאַנצע אינדוסטריעלע לעבן איז איבערגעבויט געוואָרן אויף נייע יסודות, און דער אַרויסגעוואַקסענער קלאַס פון שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט איז אַרויסגעטראָטן מיט זיינע פאָדערונגען. אונטער דעם איינפלוס פון דעם לעבן גופא און פון די לערען פון די ערשטע באַגרינדער פונם סאָציאַליזם — פוריע, סענסימאָן און ראָבערט אָווען — האָט זיך אין פראַנקרייך און ענגלאַנד אלץ מער און מער געגומען אַנטוויקלען א סאָציאַליסטישע אַרבעטער באַוועגונג. צוזאַמען מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן א נייע וויסנשאַפט, וואָס איז געווען געבויט אינגאַנצן אויף ערפאַרונג און באַאָבאַכטונג, און פריי פון טעאָלאָגישע און מעטאַפיזישע היפּאָטעזן. די יסודות פון דער נייער וויסנשאַפט זיינען שוין געלייגט געוואָרן סוף 18טן י. ה. פון לאַפּלאַס אין דער אַסטראָנאָמיע, פון לאַוואָאַזיע אין דער פיזיק און כעמיע, פון בופפאָן און לאַמאַרק אין דער זאָאָלאָגיע און ביאָלאָגיע, פון די פיזיאָקראַטן און קאָנדאָרסע אין די געזעלשאַפטליכע וויסנשאַפטן. אינאיינעם מיט דער אַנטוויקלונג פון דער נייער וויסנשאַפט איז אַנטשטאַנען אין די דרייסיגער יאָרן פון 19טן י. ה. א נייע פילאָסאָפיע אין פראַנקרייך, וואָס האָט געקראָגן דעם נאָמען פּ אָ ז י ט י וו י ז ם. דער באַגרינדער פון אָט דער פילאָסאָפיע איז געווען אָגוסט קאָנט.

אין דערזעלביגער צייט וואָס אין דייטשלאַנד האָט די פילאָסאָפיע פון די נאָכפאָלגער פון קאַנט, פיכטע און שעללינג נאָך אלץ זיך געדרייט א מוח אין די ראַמען פון דער האַלב־רעליגיעזער מעטאַפיזיק, ד. ה. פון קאָפּ־אַרבעט, וואָס האָט ניט געהאַט קיין פּאָזיטיוון וויסנשאַפטליכן באַזיס, האָט די פּאָזיטיווע פילאָסאָפיע זיך אַרויסגעריסן פון דעם געביט פון מעטאַפיזישע מוח'ערייַ און האָט

געשטרעבט ווערן א פּאָזיטיוועס וויסן, ווי דאָס האָט אַריסטאָטעל פּרובירט טאָן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. זי האָט זיך געשטעלט א ציל — אין דער וויסנשאַפט אָנצודערקענען נאָר די שלוסן, וועלכע ווערן אַרויסגעפירט פון עקספּערימענטן, און אין דער פילאָסאָפיע— צו פאַראייניגן אַלע ידיעות, וואָס האָבן זיך באַקומען אויף דעם וועג דורך די פאַרשיידענע וויסנשאַפטן, אין איין אַלגעמיינעם באַגריף פון דער וועלט. די אויבן דערמאָנטע לערען פון סוף 18טן און אָנהויב 19טן י. ה. (די טעאָריעס פון לאַפּלאַס, לאַוואַזיע, בופפאָן און לאַמאַרק) האָבן אויפגעדעקט פאַרן מענטש א נייע וועלט פון אייביג אַרבעטנדיגע נאַטור קרעפטן. און דאָס אייגענע האָבן געטאָן אויפן געביט פון די וויסנשאַפטן וועגן פאָלקס-ווירטשאַפט און געשיכטע סען סימאָן און זיינע נאָכפאָלגער, באַזונדערס דער היסטאָריקער **אָגיוסטען טיערי** און א גאַנצע ריי אַנדערע געלערטע, וואָס האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך פון דער מעטאַפיזיק.

אָגוסט קאָנט האָט באַגריפן די נויטיקייט צו פאַראייניגן אַט די אַלע נייע ערפינדונגען און עראָבערונגען פון דעם וויסנשאַפטליכן געדאַנק. ער האָט געזוכט צו פאַראייניגן אַלע וויסנשאַפטן אין אַן איינציגן גראַנדיעזען סיסטעם און צו באַווייזן די איינגע פאַרבינדונג און אָפּהענגיקייט פון אַלע נאַטור דערשיינונגען איינע פון די אַנדערע, זייער קומען איינע נאָך די אַנדערע, זייער אַלגעמיינעם יסוד און די געזעצן פון זייער אַנטוויקלונג. אין דער זעלביגער צייט האָט קאָנט אויך אויסגעלייגט די יסודות פון נייע וויסנשאַפטן, ווי צום ביישפּיל פון דער **ביאָלאָגיע** (די וויסנשאַפט וועגן דער אַנטוויקלונג פון דעם לעבן פון געוויקסן און חיות), פון **אַנטראָפּאָלאָגיע** (די וויסנשאַפט וועגן דער אַנטוויקלונג פונם מענטשן) און פון **סאָציאָלאָגיע** (די וויסנשאַפט וועגן די מענטשליכע געזעלשאַפטן). אונטערוואַרפנדיג דאָס לעבן פון אַלע באַשעפענישן אונטער אַן איינציגן געזעץ, האָט קאָנט שוין אויפגעפאָדערט די געלערטע צו שטודירן דאָס לעבן פון די טירן-געזעלשאַפטן, כדי צו פאַרשטיין דאָס לעבן פון די פּרימיטיווע מענטשליכע פאַרבאַנדן, און פאַר דער דערקלערונג פון דער אַנטשטייאונג פון דעם מענטשנס מאָראַלע געפילן האָט קאָנט שוין גערעדט וועגן די געזעלשאַפטליכע אינסטינקטן.

דער עצם פון דעם פּאָזיטיוויזם איז דאָס רעאַלע וויסנשאַפט־ליכע וויסן, און וויסן, האָט קאָנט געזאָגט, מיינט פאָראויסזען — Savoir c'est prevoir — און פאָראויסזען איז נויטיג צוליב דעם, כדי צו פאַרברייטערן דעם מענטשנס הערשאַפט איבער דער נאַטור, צו פאַרגרעסערן דעם וואוילשטאַנד פון די געזעלשאַפטן. פון דער וועלט פון חקירה און פאַנטאַזיע האָט קאָנט גערופן די געלערנטע און די דיינקער צו דער ערד — צו די מענטשן, וועלכע מאַטערן זיך פּרוכטלאָז פון דור צו דור, כדי איינצושטעלן מיט זייערע שאַפונגען א בעסער לעבן, א מער פּילאַרטיג, מער פּולקאָם, מער מעכטיג לעבן, כדי זיי זאָלן קאָנען מיטן שכל ד ע ר ק ע נ ע ן די נאַטור, געניסן איר אייביג שפּרודלדיג לעבן, אויסנוצן אירע קרעפטן, באַפרייען דעם מענטשן פון עקספּלואַטאַציע, מאַכנדיג דעם מענטשנס אַרבעט מער פּראָדוקטיוו, און אין דערזעלביקער צייט האָט קאָנט געשטרעבט מיט זיין פילאָסאָפיע צו באַפרייען דעם מענטשן פון די קייטן פון דער רעליגיעזער מורא פאַר דער נאַטור און אירע כחות, און ער האָט געוואָלט געפינען די יסודות פון לעבן פאַר דער פרייער פערזענליכקייט אין דער געזעלשאַפטליכער סביבה, וואָס זאָלן זיין געבויט ניט אויף צוואַנג, נאָר אויף א געזעלשאַפטליכן פריי־אָנגענומענעם אָפּמאַך.

אַלץ, וואָס די ענציקלאָפּעדיסטן האָבן ניט קלאָר פאָראויסגעזען אין דער וויסנשאַפט און אין דער פילאָזאָפיע, אַלץ וואָס האָט געשוועבט אין אידעאַל פאַר דעם גייסטיגן בליק פון די בעסטע מענטשן פון דער גרויסער רעוואָלוציע, אַלץ וואָס עס האָבן שוין אָנגעהויבן אַרויסזאָגן און פאָראויסזען סענסימאָן, פוריע און ראָבערט אָווען, און צו וואָס עס האָבן געשטרעבט די בעסטע מענטשן פון סוף 18טן און אָנהויב 19טן י. ה., האָט קאָנט פּרובירט פאַראייניגן, פאַרשטאַרקן און פעסטשטעלן מיט זיין פּאָזיטיווער פילאָסאָפיע. און פון אָט דער „פילאָסאָפיע", ד. ה. פון אָט די גענעראַליזאַציעס און אידעאַלן האָבן זיך געדאַרפט אויסאַרבעטן נייע וויסנשאַפטן, א נייע קונסט, א נייער וועלט־באַגריף און א נייע עטיק.

געוויס וואָלט געווען נאַאיוו צו דיינקען, אז א סיסטעם פון פילאָסאָפיע, ווי טיף ער זאָל ניט זיין, זאָל קאָנען באַשאַפן נייע וויסנשאַפטן, א נייע קונסט און א נייע עטיק. יעדע פילאָסאָפיע איז בלויז א גענעראַליזאַציע, דער רעזולטאַט פון א גייסטיגער באַוועגונג אין אַלע צווייגן פון לעבן, די עלעמענטן אָבער פאַר דער

גענעראַליזאַציע מוז געבן די אַנטוויקלונג גופא פון די וויסנשאַפטן, די קונסטן און די געזעלשאַפטליכע איינאָרדענונגען; די פילאָסאָפיע קאָן נאָר באַגייסטערן די וויסנשאַפט און די קונסט. אַ ריכטיגער סיסטעם פון דיינקען, גענעראַליזירנדיג דאָס, וואָס טוט זיך שוין אין יעדערן פון די צווייגן באַזונדער, גיט אומפאַרמיידליך אין דערזעלביגער צייט יעדערן פון זיי אַ נייע ריכטונג, נייע כחות, אַ נייע שאַפונג, און מיט דעם אַלעם אַ נייע האַרמאָניע.

אַזוי איז דאָס טאַקע פאַקטיש פאָרגעקומען. די ערשטע העלפט פון 19טן י. ה. האָט געגעבן: אין דער פילאָסאָפיע דעם פּאָזיטיוויזם, אין דער וויסנשאַפט די טעאָריע פון עוואָלוציע און אַ ריי גלענצענדע וויסנשאַפטליכע אַנטדעקונגען, וואָס האָבן באַרימט געמאַכט די זעקס אָדער זיבן יאָר פון 1856 ביז 1862 * און לסוף אין דער סאָציאָלאָגיע — דעם סאָציאַליזם פון זיינע דריי גרויסע באַגרינדער פוריע, סען סימאָן און ראָבערט אָווען מיט זייערע נאָכפאָלגער, און אין דער עטיק די פרייע מאָראַל, וואָס איז ניט אַרויסגעצוואונגען פון דרויסן, נאָר פליסט אַרויס פון די אייגנשאַפטן גופא פון דער מענשליכער נאַטור. צו לעצט, אונטער דעם איינפלוס פון אַלע ערגעבערונגען פון דער וויסנשאַפט, איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ קלאָרער באַגריף וועגן דער איינגער פאַרבינדונג צווישן דעם מענשן און די אַנדערע פילנדיגע באַשעפענישן, ווי אויך צווישן דעם מענשנס דיינקען און זיין רעאַלעם לעבן.

די פילאָסאָפיע פון פּאָזיטיוויזם האָט געשטרעבט צונויפצובינדן אַלע רעזולטאַטן און ערגעבערונגען פונם וויסנשאַפטליכן געדאַנק אין איין גאַנצעם, דערהויבנדיג דעם מענשן צו אַ לעבהאַפטיגער דערקענטעניש פון דערדאָזיגער גאַנצקייט. דאָס, וואָס ביי ספינאָזאַ און געטע האָט זיך דורכגעריסן ווי געניאַלע בליץ-שיינען, בעת זיי האָבן גערעדט וועגן דעם לעבן פון דער נאַטור און פון מענשן, האָט זיך געמוזט אויסדריקן אין דער נייער פילאָסאָפיע ווי אַ נויטווענדיגע גייסטיגע גענעראַליזאַציע.

* די אומפאַרניכטבאַרקייט פון ענערגיע, די מעכאַנישע טעאָריע פון היץ, די איינהייטליכקייט פון די פיזישע קרעפטן, דער ספּעקטרום-אַנאַליז און די איינהייטליכקייט פון די שטאָפן אין די הימלישע קערפּערס, די פיזיאָלאָגישע פּסיכאָלאָגיע, די פיזיאָלאָגישע אַנטוויקלונג פון די אָרגאַנען, א. א. וו.

עס פארשטייט זיך, אויב מען זאָל די „פילאָסאָפיע" פארשטיין אויף אזא אופן, האָט קאַנט צוגעגעבן דער עטיק אַן אומגעהייערע באַדייטונג. ער אָבער האָט זי ניט ארויסגעפירט, ניט פון דער פסי־כאָלאָגיע פון די איינצעלנע פערזאָנען, ניט אין דער פאָרם פון א מאָראַל־פּריידיגט, ווי זיי האָבן עס נאָך אלץ געטאָן אין דייטשלאַנד, נאָר ווי עפּעס א גאַנץ נאַטירליכע זאַך, וואָס פליסט לאָגיש ארויס פון דער גאַנצער געשיכטע פון דער אנטוויק־לונג פון די מענשליכע געזעלשאַפטן. דער־מאָנענדיג די ארבעט פון בופפאָן און קיוויע איבער דער פארגלייכנ־דער אַנאַטאָמיע פון די לעבעדיגע ברואים, (וועלכע האָבן פולשטענ־דיג באַשטעטיגט לאַמאַרקס מיינונג וועגן דער לאַנגזאַמער שטופּנ־אַרטיגער אנטוויקלונג פון די נידעריגערע חיות צו העכערע, אָבוואָל דער רעאַקציאָנער קיוויע האָט דידאָזיגע מיינונג באַשטריטן) האָט קאַנט אָנגעוויזן אויף דער נויטווענדיקייט פון א היסטאָרי־שער אויספאָרשונג, סיי אויפן געביט פון אַנטראָפּאָלאָגיע, די לערע וועגן דעם פיזישן מענשן, סיי אויפן געביט פון דער לערע וועגן זיינע מאָראַלע שטרעבונגען — די עטיק. ער האָט פארגליכן די וויכטי־קייט פון דער היסטאָרישער אויספאָרשונג אין אָט די צווייגן מיט דער וויכטיקייט פון דער פארגלייכנדער אַנאַטאָמיע אין דער ביאָ־לאָגיע.

די עטיק האָט ער באַגריפן ווי א גרויסע קראַפט, וואָס איז בכח צו דערהויבן דעם מענשן איבער דעם שטאַפּל פון זיינע אלטעגליכע אינטערעסן. קאַנט האָט געשטרעבט צו באַגרינדן זיין סיסטעם פון עטיק אויף א פּאָזיטיוון יסוד, אויף דער אויספאָרשונג פון איר ווירקליכער אנטוויקלונג פון דעם טירישן אינסטינקט פון סטאַדעשאַפט און איינפאַכער געזעלשאַפטליכקייט ביז צו אירע העכסטע דערשיינונגען. און אויב ביים סוף פון זיין לעבן — צי־צוליב דער אָפּשוואַכונג פון זיינע גייסטיגע כחות, אדער צוליב דעם איינפלוס פון קלאָטילדע דע־וואָ — האָט ער, ווי אסך פון זיינע פאָרגייינגער, געמאַכט הנחות אויף דער זייט פון דער רעליגיע, און איז אזוי ווייט דערגאַנגען, אז ער האָט געגרינדעט אַן אייגענע קירך, האָבן דידאָזיגע הנחות בשום אופן ניט געקאָנט ארויסגעפירט ווערן פון זיין ערשטן הויפּט ווערק „די פּאָזיטיווע פילאָסאָפיע". זיי זיי־נען געקומען ווי הוספות, און לחלוטין אומנויטיגע הוספות, ווי

דאס האבן שוין פארשטאנען זיינע בעסערע תלמידים, ליטרע און ווירובאוו, און זיינע נאכפאלגער אין ענגלאנד, דייטשלאנד און רוס־לאנד. *

זיינע הויפטגעדאנקען וועגן די יסודות פון די מאראלע באגריפן און וועגן זייער אינהאלט, וואס זיינען באשריבן אין דעם בוך Physique Social האט קאנט ארויסגעפירט ניט פון אבסטראקטע חקירות, נאר פון די אלגעמיינע פאקטן פון דער מענשליכער געזעל־שאפטליכקייט און פון דער געשיכטע. און זיינע שלוסן זיינען זיך צונויפגעקומען צו דעם פונקט, אז דעם מענשנס געזעלשאפטליכע נייגונגען קאן מען דערקלערן נאר דורך זיין מיטגעבוירענער איינג־שאפט, ד. ה. דורך דעם אינסטינקט און זיינע אנרעגונגען צו א גע־זעלשאפטליכען צוזאמענלעבן. אט דעם אינסטינקט, אין געגענזאץ צו דעם עגאאיזם, ד. ה. צו דער איינגליבע, האט קאנט אנגערופן אלטרואיזם. און האט אים געהאלטן פאר א גרונט־איינג־שאפט פון אונזער גייסטיגער ארגאניזאציע; דערביי האט ער דער ערשטער דרייסט אנגעוויזן, אז פונקט אזא מיטגעבוירענע נייגונג געפינט זיך אויך ביי חיות.

אפטיילן דעמדאזיגן אינסטינקט פון דעם איינפלוס פונם שכל איז לחלוטין אוממעגליך. מיט דער הילף פון דעם שכל באשאפן מיר פון די אין אונז איינגעבוירענע געפילן און נייגונגען דאס, וואס מיר רופן אן מאראלע באגריפן, אזוי אז דאס מאראלע אינם מענשן איז אין דערזעלביגער צייט אי עטוואס מיטגעבוירענעס, אי א פרא־דוקט פון אנטוויקלונג. מיר קומען אויף דער וועלט ווי באשעפע־נישן, וואס האבן שוין מאראלע אנלאגן, אבער מאראלע מענשן מוזן מיר ערשט ווערן דורך דער אנטוויקלונג פון אונזערע מאראלע אנ־לאגן. מאראלע נייגונגען זיינען אויך פאראן ביי געזעלשאפטליכע חיות; מאראל אבער, ווי א פראדוקט פון אינסטינקט, געפיל און שכל,

---

* קאנט האט געגרינדעט אן אייגענע פאזיטיוויסטישע קירך און אן אייגענע נייע רעליגיע, וואו די העכסטע גאטהייט איז געווען „די מענש־הייט“. לויט קאנט׳ס מיינונג האט דידאזיגע רעליגיע פון דער מענשהייט געדארפט פארבייטן דעם פארעלטערטן קריסטנטום. די רעליגיע פון דער מענשהייט האלט זיך נאך איצטער אויך צווישן ניט קיין גרויסן קרייז פון קאנט׳ס נאכפאלגער, וועלכע ווילן ניט זיך אינגאנצן צעשיידן מיט די צערעמאניעס, צו וועלכע זיי שרייבן צו א דערציערישן ווערט.

קומט נאָר פּאַר ביים מענשן. זי האָט זיך אַנטוויקלט שטופּנאַרטיג, זי אַנטוויקלט זיך איצטער און וועט זיך אַנטוויקלען אין דער צוקונפט. און דערמיט דערקלערט זיך דער אונטערשייד פון די מאָראַלע באַגריפן ביי פאַרשיידענע פעלקער אין פאַרשיידענע צייטן — ניט ווי די לייכטזיניגע פאַרלייקענער פון מאָראַל, וואָס האָבן אויף דעם גרונט באַשלאָסן, אַז די גאַנצע מאָראַל איז נישט מער ווי עפּעס קאָנווענציאָנעלעס, וואָס האָט ניט קיינע פּאָזיטיווע יסודות אין דער נאַטור פונם מענשן אדער אין זיין פאַרשטאַנד.

שטודירט מען די אַלע ענדערונגען אין די מאָראַלע באַגריפן, קאָן מען לויט קאַנטס מיינונג זיך גרינג איבערצייגן, אַז ביי זיי אַלע־מען בלייבט עפּעס באַשטענדיגעס, און דאָס איז — אַ פאַרשטענדע־ניש פון דעם אַנדערנס וואוילזיין דורך דער דערקענטניש פון די אייגענע פּערזענליכע אינטערעסן. קאַנט האָט אויף דעם אופן דאָ אָנדערקענט אַ אוטיליטאַרישן פּרינציפּ אין דער מאָראַל, ד. ה. די אָנדערקענונג פון די פּערזענליכע נוצן, פון עגאָאיזם, אין דער אויס־אַרבעטונג פון די מאָראַלע באַגריפן, וועלכע בילדן זיך אויס אין רעגעלן פון לעבן. ער האָט אָבער צו־גוט פאַרשטאַנען די באַדייטונג אין דער אויסאַרבעטונג פון מאָראַל פון דריי מעכטיגע קרעפטן — דער געפיל פון געזעלשאַפטליכקייט, די געגנזייטיגע סימפּאַטיע און דער פאַרשטאַנד — ער זאָל קאָנען אַריינפאַלן אין דעם טעות פון די אוטיליטאַריסטן, צוגעבנדיג אַ פאַרהערשנדע באַדייטונג צו דעם אינסטינקט און דעם פּערזענליכן אינטערעס.

דאָס מאָראַלע, האָט קאַנט געלערנט, ווי די נאַטור גופא פונם מענשן — און ווי אַ ל ץ א י ן ד ע ר נ אַ ט ו ר, וועלן מיר נאָך צוגעבן — איז אין דערזעלביגער צייט אי עפּעס, וואָס האָט זיך שוין אַנטוויקלט, אי עפּעס וואָס האַלט אין אַנטוויקלען זיך. און אין דעמדאָזיגען פּראָצעס פון דער אַנטוויקלונג פון מאָראַל האָט ער צו־געגעבן אַ גרויסע באַדייטונג דער פאַמיליע, אויף איין גראַד מיט דער געזעלשאַפט. די פאַמיליע, האָט ער געזאָגט, העלפט ספּעציעל דער אַנטוויקלונג אין דער מאָראַל דאָס, וואָס קומט פונם געפיל, בעת די געזעלשאַפט אַנטוויקלט הויפּטזעכליך אין אונז דאָס, וואָס קומט פונם פאַרשטאַנד. עס איז אָבער שווער איינצושטימען מיט אָט דער פאַנאַנדערטיילונג, ווארים מיר זעהען, אַז אין דער געזעלשאַפט־ליכער ערציאונג פון דער יוגנט, צום ביישפּיל אין אונזערע געשלאָ־

סענע לער־אנשטאַלטן, אדער ביי איינינע ווילדע, באַזונדערס אויף די אינזלען פון פּאַציפישן אָקעאַן, אנטוויקלען זיך די געפילן פון סטאַדעשאַפט, דער ערן־געפיל און שטאַם־שטאָלץ, דער רעליגיעזער געפיל א. אז. וו. נאָך שטאַרקער ווי אין דער פאַמיליע.

צום סוף איז פאַראַן נאָך א שטריך אין דער עטיק פון דעם פּאַזיטיוויזם, וואָס איז נויטיג זיך אָפּצושטעלן אויף אים. קאָנט האָט ספּעציעל באַטאָנט די גרויסע באַדייטונג פון דעם וועלט־באַגריף, וואָס דער פּאָזיטיוויזם האָט ארויסגעבראַכט. דערדאָזיגער באַגריף דאַרף אנטוויקלען אין די מענשן די איבערצייגונג, ווי איינג דאָס לעבן פון יעדערן פון אונז הייננט אָפּ פון דעם גאַנצן לעבן פון דער מענשהייט און ווי איינג דאָס פּערזענליכע לעבן איז אָפּהייננגיק פון דעם לעבן פון דאָס גאַנצע. דעריבער איז נויטיג צו אנטוויקלען אין יעדערן פון אונז דעם באַגריף פון דעם וועלט־לעבן און פון דער אַלז וועלטליכער אָרדענונג; און דערדאָזיגער באַגריף מוז ליגן אין גרונט פונם פּריוואַטן לעבן, אזוי גוט ווי פון געזעלשאַפטליכן לעבן. ביי יעדערן דאַרף זיך אויך אנטוויקלען אזא דערקענטעניש פון דער גערעכטיקייט פון זיין לעבן, כדי אז יעדע האַנדלונג און דער אימפּולס, וואָס רופט זי ארויס, זאָלן קאָנען ווערן אַלעמען באַקאַנט. יעדע פאַלשקייט איז שוין אליין א דערנידערונג פון דעם אייגענעם „איך“, א האַלטן זיך נידעריגער פאַר אנדערע. דערפון נעמט זיך זיין רעגל: לעב אזוי, אז דו זאָלסט ניט דאַרפן באַהאַלטן קיין זאַך פון אנדערע מענשן.

אין דער וויסנשאַפט פון מאָראַל, ד. ה. אין דער עטיק, האָט קאָנט אָנגעמערקט דריי באַשטאַנד־טיילן: איר עצם, ד. ה. אירע גרונטלאַגן און איר אנטשטייאונג; דאַן איר באַדייטונג פאַר דער געזעלשאַפט, און לסוף איר אנטוויקלונג און די באַדינגונגען פאַר דער אנטוויקלונג.

די עטיק, זאָגט קאָנט, ווערט געשאַפן אויפן באָדן פון דער געשיכטע. עס עקזיסטירט א נאַטירליכע עוואָלוציע, און אָט די עוואָלוציע איז א פּראָגרעס, דער טריאומף פון די מענשליכע אייגנשאַפטן איבער די טירישע אייגנשאַפטן, דער טריאומף פון דעם מענשן איבער דער חיה. דער העכערער מאָראַלער געזעץ באַשטייט אין דעם, וואָס די פּערזענליכקייט מוז אירע עגאָאיסטישע אינטערעסן שטעלן אויפן צווייטן פּלאַץ. די העכערע

פארפליכטונגען זיינען די געזעלשאפטליכע פארפליכטונגען. דער יסוד פון דער עטיק דארף אויף דעם אופן זיין די אינטערעסען פון דעם מענשליכען מין, פון דער מענשהייט, — פון אט דעם גרויסען וועזען, וואס יעדערער פון אונז איז בלויז איין אטאם פון אים, וואס לעבט איין מאמענט און קומט באלד אום, כדי איבערצוגעבען דאס לעבען צו אנדערע אינדיווידומען. די מאראל באשטייט אין דעם, כדי מיר זאלען לעבען פאר אנדערע.

אט דאס איז אינקורצען דער עצם פון קאנטס עטיק. נאך קאנט'ן האבען פארטגעזעצט אויסצוארבעטען זיינע אידייען, די וויסנשאפט־ליכע אזוי גוט ווי די מאראלע, זיינע תלמידים אין פראנקרייך — דערהויפט עמיל ליטטרע און ג. נ. ווירובאוו, וועלכע האבען ארויסגעגעבען פון 1867 ביז דעם יאר 1883 דעם זשור־נאל „פילאסאפיע פאזיטיוו“, וואו עס איז דערשינען א ריי אר־טיקלען, וואס האבען באלויכטען פארשיידענע זייטען פון דעם פאזי־טיוויזם. צו איין גרונט־דערקלערונג פון דעם באגריף פון גערעכטי־קייט, וואס ליטטרע האט פארגעלייגט, וועלען מיר זיך נאך אומקערען אין דעם צווייטען טייל פון אט דעם ווערק.

צום שלום דארף מען נאך זאגען, אז דער פאזיטיוויזם האט גע־האט אן אומגעהייער גרויסען און פרוכטבארען איינפלוס אויף דער אנטוויקלונג פון די וויסנשאפטען. מען קאן דרייסט באהויפטען, אז אלע בעסערע וויסנשאפטסלייט פון היינטיגער צייט קומען אין זייע־רע פילאסאפישע שלוסן זייער נאענט צום פאזיטיוויזם. אין ענג־לאנד איז ספענסער'ס גאנצע פילאסאפיע, מיט וועלכער דאס רוב נאטורפארשער שטימען איין בנוגע אירע גרונט־פאזיציעס, איז די פילאסאפיע פון פאזיטיוויזם, אבוואויל הערבערט ספענסער, וועל־כער איז געקומען צו איר, ווי עס זעט אויס, זעלבשטענדיג, שוין אפילו נאך קאנטען, האט מערערע מאל געזוכט זיך אפצוטיילען פון קאנטען.

א לערע, וואס קומט זיך צונויף אין פיל פרטים מיט קאנט'ס פילאסאפיע, איז אין דייטשלאנד ארויסגעבראכט געווארן פון לודוויג פייערבאך'ן, אין די פופציגער יארן פון 19טן י. ה., און מיט אט דער לערע וועלען מיר זיך איצטער באקענען, אויף וויפיל זי איז נוגע דער עטיק.

אויף פ י י ע ר ב א כ ׳ ס פילאָסאָפיע (ער איז געבוירן געוואָרן אין 1804 און געשטאָרבן אין 1872) וואָלט מען זיך געדאַרפט אָפּשטעלן גענויער, וואָרים זי האָט בלי ספק געהאט און האָט נאָך איצטער א גרויסן איינפלוס אויף דעם מאָדערנעם דיינקען אין דייטשלאַנד. אָבער אזוי ווי איר הויפּט צוועק איז געווען ניט אזוי די אויסאַרבעטונג פון די יסודות פון מאָראַל, ווי די קריטיק אויף דער רעליגיע, וואָלט עס מיר געצוואונגען זיך שטאַרק אָפּווענדן אָן א זייט פון דעם אָנגעצייכנטן ציל פון מיין ווערק. דעריבער וועל איך זיך באַגרעניצן בלויז אויף די פּונקטן, וואו זי האָט אריינגעבראכט עפּעס נייעס, ווי א צוגאָב צו דער עטיק פונם פּאָזיטיוויזם. פּייערבאַך איז ניט ארויסגעטראָטן גלייך ווי א פּאָזיטיוויסט, וואָס באַגרינדעט זיין פילאָסאָפיע אויף די פּינקטליכע דאַטן פון דעם שטודיום פון דער מענשליכער נאַטור. ער האָט אָנגעפאַנגען שרייבן אונטער העגעלס איינפלוס, און ערשט שטופּנווייז, שטעלנדיג אונטער א קלוגער און געוואָגטער קריטיק די חקירה׳דיגע פילאָסאָפיע פון קאַנט, שעללינג און העגעל, ווי די פילאָסאָפיע פון „אידעאַליזם״ בכלל, איז ער געוואָרן א פילאָסאָף פון א רעאַליסטישער וועלטאַנשויאונג. זיינע גרונט-געדאַנקען האָט ער צוערשט ארויסגעזאָגט אין דער פאָרם פון אַפאָריזמען אין צוויי אַרטיקלען, אין די יאָרן 1842 און 1843 *, און ערשט נאָך דעם יאָר 1858 האָט ער זיך באַשעפטיגט מיט דער עטיק. אין יאָר 1866, אין דעם ווערק „גאָטהייט, פרייהייט און אונשטערבליכקייט פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער אַנטראָפּאָלאָגיע״ האָט ער שוין אריינגעפירט אַן אָפּטייל וועגן דער פרייהייט פון ווילן; און נאָכדעם האָט ער אָנגעשריבן א ריי אַרטיקלען איבער מאָראַל-פילאָסאָפיע, וואָס האָבן באַרירט די הויפּט פראַגן פון עטיק, אָבער קיין פולע פאַרענדיגטקייט איז נאָך דאָ אויך ניטאָ, באַמערקט דערביי יאָדל, ביי וועמען איך נעם אָט די דאַטן. א סך איז דעריין בלויז לייכט אָנגעמערקט, אָבער פונדעסטוועגן שטעלן פאַר דידאַזיגע אַרבעטן א גאַנץ גענויע באַשרייבונג פון דעם וויסנשאַפטליכן עמפּיריציזם אין דער עטיק, פאַר וועלכן קאַנט האָט געגעבן א גוטן בייטראַג אין זיין סיסטעם פון דער „פילאָסאָפיע דעם רעכטס״. פּיי-

* „פּאָרלויפיגע טהעזען צור רעפאָרם דער פילאָזאָפיע״ און „גרונדזעצע דער פילאָסאָפיע דער צוקונפט״.

ערבאַכ׳ס טיף דורכגעטראַכטע ווערק, און דערצו געשריבן אין א לייכטער אַלגעמיין־פאַרשטענדליכער שפּראַך, האָבן געהאַט א באַלעבנדיגע ווירקונג אויף דעם עטישן דיינקען אין דייטשלאַנד.

אמת, פייערבאַך האָט זיך ניט אויסגעהיט פון גאַנץ וועזנטליכע ווידערשפּרוכן. שטרעבנדיג צו באַגרינדן זיין מאָראַל־פילאָסאָפיע אויף די רעאַלע פאַקטן פון לעבן, און ארויסטרעטנדיג ווי א פּאַרטיידיגער פון דעם איידעמאָניזם. ד. ה. דערקלערנדיג די אויסאַרבעטונג פון די מאָראַלע נייגונגען אין דער מענשהייט דורך דעם שטרעבן צו א גליקליכערן לעבן אין דער צוקונפט, האָט ער אין דערזעלביגער צייט ניט געקאַרגט קיין שבחים פאַר קאַנט׳ס און פיכטע׳ס עטיק, וועלכע האָט זיך פאַרהאַלטן אומבאַדינגט פיינדליך צו די ענגלישע און שאָטלאַנדישע איידעמאָניסטן און האָט געזוכט א דערקלערונג פון מאָראַל אין רעליגיעזע איינפלוסן.

דער ערפאָלג פון פייערבאַכ׳ס פילאָסאָפיע דערקלערט זיך אינגאַנצן דורך דעם רעאַליסטישן נאַטורוויסנשאַפטליכן ארט דיינקען אין דער אנדער העלפט פון דעם 19טן יאָרהונדערט. די מעטאַפיזיק פון די קאַנטיאַנער און די רעליגיעזיטעט פון פיכטע און שעללינג האָבן ניט געקאָנט באַהערשן די מוחות אין א עפּאָכע, וואָס האָט אונז געגעבן א האַסטיגע אויפבליאונג פון די דערקענטענישן פון דער נאַטור און פונם אַלוועלטליכן לעבן, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט די נעמען פון דאַרווין, דזשאָול, פאַראַדיי, העלמהאָלץ, קלאָד בערנאַר און אַנדערע אין די וויסנשאַפטן, און פון קאָנט אין דער פילאָסאָפיע. דער פּאָזיטיוויזם, אָדער ווי זיי ווילן בעסער זאָגן אין דייטשלאַנד דער רעאַליזם, איז געווען א נאַטירליכער שלום פון די רעזולטאַטן פון דערדאָזיגער אויפבליאונג און פון די ערפאָלגן פון דער נאַטורוויסנשאַפט נאָך א האַלבן יאָרהונדערטיגן אַנזאַמלען פון וויסנשאַפטליכע דאַטן.

יאָדל אָבער ווייזט אָן אויף איין אייגנשאַפט פון פייערבאַכ׳ס פילאָסאָפיע, אין וועלכער ער זעט „דעם סוד פון דעם ערפאָלג פון דער רעאַליסטישער ריכטונג“ אין דייטשלאַנד. דאָס איז געווען „די אויסגעלייטערטע און טיפערע פאַרשטענדניש וועגן דעם ווילן און זיינע מאַניפעסטאַציעס“, וואָס איז אוועקגעשטעלט געוואָרן געגנאיבער „דער אַבסטראַקטער און פּעדאַגאָגישער פאַרשטענדעניש פון

דאָס מאָראַלע אין דער אידעאַליסטישער שולע". דידאָזיגע לעצטע שולע האָט די העכסטע מאָראַלע מאַניפעסטאַציעס פון ווילן דער־קלערט טעאָרעטיש דורך עפּעס אויסערליכעס, און „די אויסוואָרצ־לונג פון אָט די טעותן, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן פון שאָפּענ־הויער און בענעקע, און איז באַפעסטיגט געוואָרן פון פייערבאַכ'ן, האָט געשאַפן אַן עפּאָכע אין דער דייטשער עטיק".

„אויב דער געגנשטאַנד פון יעדער עטיק, זאָגט פייערבאַך, איז דער מענשליכער ווילן און זיינע באַציאונגען, דאַן דאַרף מען גלייך דאָ צוגעבן דערצו, אַז עס קאָן ניט זיין קיין ווילן דאָרט, וואו עס איז ניטאָ קיין אָנרעגונג, און וואו עס איז ניטאָ קיין אָנרעגונג צו גליק, דאָרט איז בכלל ניטאָ קיין אָנרעגונג. די אָנרעגונג צו גליק — דאָס איז די אָנרעגונג פון אַלע אָנרעגונגען; אומעטום וואו דאס זיין איז פאַרבונדן מיט ווילן, איז דאָס וועלן און דאָס וועלן זיין גליקליך אומצעטיילבאַר, פאַקטיש אפילו גאָר איינס און דאָסזעלבע. איך וויל הייסט: איך וויל ניט ליידן, איך וויל ניט ווערן פאַרניכטעט, נאָר איך וויל זיך האַלטן און שטאַרק מצליח זיין... מאָראַל אָהן גליק־זעליגקייט איז א וואָרט אָהן א זין".

אַזאַ אויסטייטשונג פון דאָס מאָראַלע האָט אין דייטשלאַנד נאַטירליך ארויסגערופן א גאַנצע איבערקערעניש. אבער ווי יאָדל האָט דאָס שוין באַמערקט, „האָט פייערבאַך אליין פאַרבונדן דידאָ־זיגע איבערקערעניש מיט די נעמען פון לאָקק, מאַלבראַנש און העל־וועציוס". פאַר די דיינקער פון מערב־אייראָפּא האָט אַזאַ אויס־טייטשונג פון דעם מאָראַלן געפיל ניט פאָרגעשטעלט קיין נייס, הגם עס איז מעגליך, אַז פייערבאַך האָט עס אויסגעדריקט אין א מער געלונגענער פאָרם איידער די פיל איידעמאַניסטן פאַר אים.

וואָס איז שייך דער פראַגע: אויף וועלכן אופן פאַרוואַנדלט זיך די עגאָאיסטישע שטרעבונג פונם יחיד צו פערזענליכן גליק אין זיין דייטליכן געגנזאַץ — אין זעלבסטבאַשריינקונג און אין טע־טיקייט צו גונסטן פון אנדערע—האָט די דערקלערונג, וואָס פייער־באַך האָט געגעבן, אין אמתן גאָרנישט ניט דערקלערט. זי האָט בלויז ווידערהאָלט די פראַגע, נאָר אין דער פאָרם פון א באַהויפּטונג. „עס איז קיין ספק ניט, זאָגט פייערבאַך, אַז דער פּרינציפּ פון מאָראַ־ליטעט איז גליקזעליקייט, אָבער ניט די גליקזעליקייט, וואָס איז קאָנצענטרירט אין איין און דערזעלביגער פּערזאָן, נאָר וואָס שפּרייט

זיך אוים אויף פאַרשיידענע פערזאָנען, וואָס נעמט אַרום „מיר" און „דיר", ד. ה. אַ גליקזעליקייט, וואָס איז ניט קיין איינזייטיגע, נאָר אַ צווייזייטיגע אָדער אַ פילזייטיגע". אָבער דאָס איז נאָך ניט קיין ענטפער. די פראַגע פון דער מאָראַל-פילאָסאָפיע באַשטייט דאָך דעריין, צו געפינען אַ דערקלערונג, פאַרוואָס ליגן זיך אַזוי צונויף די מענשנס געפילן און געדאַנקען, אַז זיי זיינען בכח צו פילן און דיינקען וועגן דעם וואוילזיין פון אַנדערע, אָדער אַפילו פון אַלע נאָענטע און וויטע, ווי עס וואָלט געווען זייער אייגענער וואוילזיין? איז עס אַ מיטגעבוירענער אינסטינקט, אָדער איז עס אַן אורטייל פון אונזער פאַרשטאַנד וואָס וועגט איבער די אייגענע נוצן און אידענטיפיצירט זיי מיט די נוצן פון אַנדערע, וועלכער גייט דערנאָך איבער אין אַ געוווינהייט? אָדער איז עס גאָר אַן אומבאַוואוסטזיניגער געפיל, וואָס מען דאַרף קעמפן מיט אים, ווי די אינדיווידואַליסטן באַהויפּטן? און פונוואַנען, לסוף, האָט זיך עס גענומען עפּעס אַזאַ מאָדנער מין דערקענטעניש אָדער עמפּינ-דונג פון התחיבות, פליכט און אידענטיפיצירונג פון דעם אייגענעם וואוילזיין מיט דעם וואוילזיין פון אַלעמען?

אָט וועגן דעם שלאָגט זיך דאָך אַרום די עטיק פון די צייטן פון אַלטן גריכנלאַנד אָן, און אויף דעם גיט זי די העכסט-פאַרשיידנ-אַרטיגע ענטפערס, ווי למשל: דער איינפלוס פון אויבן, דער פאַר-נינפטיג-פאַרשטאַנענער עגאָאיזם, דער געפיל פון סטאַדעשאַפט, די מורא פאַר באַשטראָפונג אויף יענער וועלט, אויסרעכענונג, אומזי-ניגער טריב א. אז. וו. און אויף אָט די פראַגן איז פייערבאַך ניט געווען בכח צו געבן ניט קיין נייען, ניט קיין צופרידנשטעליגן ענט-פער.

יאָדל, וואָס האָט זיך באַצויגן אַזוי סימפּאַטיש צו פייערבאַכ'ן, צייגט אָן, אַז „אין פייערבאַכ'ס דערקלערונג פעלט דאָ עפּעס. ער האָט ניט באַוויזן, אַז דער גענצלאַץ צווישן „מיר" און „דיר" איז ניט אַ גענצלאַץ צווישן צוויי יחידים, נאָר צווישן דעם יחיד און דער געזעלשאַפט". אָבער אַפילו אָט די באַמערקונג ענטפערט ניט אויף די אָקאָרשט-דערמאָנטע פראַגעס; זיי בלייבן שטיין אין זייער גאַנ-צער קראַפט.

אָט דער פעלער, זאָגט ווייטער יאָדל, איז גוט געמאַכט געוואָרן

פון קנאַפּפּ'ן, * וועלכער האָט קלאָר ארויסגעשטעלט די אינטערעסן פון שטאַם ווי דער לאָגישער אויסגאַנג־פּונקט אין דעם מאָראַלן פּראָצעס, און לפי ערך וואָס דער מענש אידענטיפיצירט זיך און זיינע אינטערעסן מיט אלץ א ברייטערן קרייז מענשן, און לסוף מיט דער מענשהייט בכלל, אויף אזויפיל וואַקסט אויס דער פאַר־נינפטיגער ווערט פון דער מאָראַל. קנאַפּפּ האָט זיך אויף דעם אופן אומגעקערט צו דעם אינסטינקט פון געזעלשאַפטליכקייט, אויף וועלכן בעיקאָן האָט שוין אָנגעוויזן ווי אויף א שטאַרקערן אינסטינקט, וואָס ווירקט שטענדיגער איידער דער אינסטינקט פון פערזענליכער באַ־פרידיגונג.

די, וואָס ווילן נעהענטער זיך באַקענען מיט פייערבאַכ'ס עטיק, קאָן איך אָפּשיקן צו זיינע לייכט־פאַרשטענדיגע ווערק, וואָס זיינען באַגרינדעט ניט אויף אבסטראַקטע השערות, נאר אויף באַאָבאַכ־טונגען פון לעבן, און זיינען פול מיט אויסגעצייכנטע געדאנקען, רעקאָמענדירענדיג אויך יאָדל'ס פאָרטרעפליכע דאַרלייגונג. דאָ וויל איך אָנצייגן אויף פייערבאַכ'ס דערקלערונג פון דעם חילוק צווישן די נ י י ג ו נ ג ע ן (די עגאָאיסטישע ווי די געזעלשאַפטליכע) און פ ל י כ ט, און אויף דער באַדייטונג פון דעמדאָזיגן חילוק אין דער עטיק. דאָס וואָס די נייגונגען און דער באַוואוסטזיין פון פליכט ווידערשפּרעכן אָפּט איינע די אנדערע, הייסט נאָך ניט, אז זיי זיינען אומפארמיידליך פיינטליך איינע צו די אנדערע, און אז זיי מוזן בלייבן פיינטליך. אדרבא פאַרקערט, יעדע מאָראַלע ער־ציאונג שטרעבט צו באַזייטיגן דעמדאָזיגן געגנזאַץ, און אפילו דאַן, בעת דער מענש ריזיקירט מיט זיך אין נאָמען פון עפּעס וואָס ער האַלט פאַר זיין פליכט צו טאָן, פילט ער, אז אויב דאָס טאָן קאָן פירן צו זיין פיזישער פאַרניכטונג, וועט דאָס ניט־טאָן אודאי פירן צו זיין מאָראַלער פאַרניכטונג. אבער דאָ גייען מיר שוין ארויס פון דעם געביט פון איינפאַכער גערעכטיקייט און גייען אריין אין דעם געביט פון דעם דריטן גליד פון דער מאָראַלער טרילאָגיע, און וועגן דעם וועל איך ריידן שפּעטער. איך וויל נאָר אנמערקן איין דעפיניציע פייערבאַכ'ס, וועלכע קומט נאָענט צו צו דעם באַגריף

* לודוויג קנאַפּפּ, „סיסטעם דער רעכטספילאָסאָפיע“, ז. 107 און 108, ציטירט פון יאָדל.

פון גערעכטיקייט. „דער מאָראַלער ווילן איז אַזאַ ווילן, וואָס וויל ניט טאָן קיין שלעכטס, ווייל ער וויל ניט לײַדן קיין שלעכטס.“

די גרונט־אויפֿגאַבע פון פייערבאַכ'ס גאַנצער פילאָסאָפיע איז אויפֿצושטעלן די ריכטיגע שייכות פון פילאָסאָפיע צו רעליגיע. עס איז באַקאַנט די נעגאַטיווע פּאָזיציע, וואָס ער האָט פאַרנומען בנוגע דער רעליגיע. אָבער זוכנדיג צו באַפרייען די מענשהייט פון דער הערשאַפט פון דער רעליגיע, האָט ער, פּונקט ווי קאַנט, ניט אַרויסגעלאָזט פון אויג די אורזאַכן פון איר אַנטשטייאונג און איר איינפלוס אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט, וואָס עס טאָר בשום אופן ניט פאַרגעסן קיין איינער, וועלכער שטייט אויף אַ וויסנשאַפטליכן באַזיס און שטרעבט צו קעמפן מיט דער רעליגיע און אָבערגלויבן, וואָס זיינען פאַרקערפּערט אין דער קירך און איר קיניגליכער מאַכט. די אַנטפּלעקונג, אויף וועלכער די רעליגיע שפּאַרט זיך אָן, האָט געזאָגט פייערבאַך, קומט אַרויס ניט פון אַ גאָטהייט, נאָר איז דער אויסדרוק פון די אומקלאָרע געפילן וועגן דאָס, וואָס איז נוצליך פאַר דעם מענשליכן מין בכלל. אין די רעליגיעזע אידעאַלן און פאַרשריפטן זיינען אויסגעדריקט די אידעאַלן פון דעם מענשליכן מין, לויט וועלכע עס וואָלט געווען געוואונשן, אַז יעדער יחיד זאָל זיך ריכטן אין זיין לעבן בשייכות צו זיינע מיטמענשן. אַט דער געדאַנק איז גאַנץ ריכטיג, און קיין רעליגיע וואָלט אָהן דעם קיינמאָל ניט באַקומען יענע שליטה, וואָס די רעליגיעס האָבן איבער די מענשן. מען דאַרף אָבער אויך ניט פאַרגעסן, אַז מכשפים, שוואַרצקינסטלער, שאַמאַנען און גייסטליכע פון אַלע צייטן ביז היינט האָבן צו די פונדאַמענטאַלע רעליגיעזע און עטישע תקנות צוגעגעבן אַ גאַנצן איבערבוי פון אָנשרעקענדיגע אָבערגלויבערישע פאָרשטעלונגען, אַריינרעכנענדיג אָהער אויך די פאָדערונג צו בוקן זיך פאַר דער אומגלייכהייט פון די קלאַסן אָדער קאַסטעס, אויף וועלכע דאָס גאַנצע געזעלשאַפטליכע לעבן איז אויפגעבויט געוואָרן, און וועלכע די פאָרשטייער פון דער רעגירונג זוכן צו פאַרטיידיגן. יעדע רעגירונג שטעלט פאָר אַ פאַרבאַנד פון די רייכע אַנטקעגן די אָרימע, און די הערשאַפט פון די באַזיצער, ד. ה. פון די קריגפירער, געזעצמאַכער, הערשער און גייסטליכע אַנטקעגן די רעגירטע. און די גייסטליכע פון אַלע רעליגיעס, אַרויסטרעטנדיג ווי טעטיגע מיטגלידער פון דעם רעגירנדיגן פאַרבאַנד, האָבן אַלע מאָל

אריינגעטראָגן אין די „אידעאַלן פון דעם מענשליכן מין“ אזוינע ראַטן און געבאָטן, וועלכע האָבן געדינט די אינטערעסן פון דעם רעגירנדיגן פאַרבאַנד, ד. ה. פון די פּריווילעגירטע קלאַסן.

עלפטער קאַפּיטל.

די אַנטוויקלונג פון די לערען וועגן מאָראַל

דער ניינצענטער יאָרהונדערט.

(פאָרטגעזעצט)

די אַנטוויקלונג פונ'ם באַגריף פון גערעכטיקייט. — די עטיק פון דעם סאָציאַליזם. — פוריע, סען־סימאָן און ראָבערט אָווען. — פּרודאָן. — די עוואָלוציאָנערע עטיק. — דאַרווין און האַקסלי.

פון אונזער שנעלן איבערבליק איבער די פאַרשיידענע דערקלע־רונגען וועגן דער אָפּשטאַמונג פון דאָס מאָראַלע זעט מען, אז כמעט אַלע, וואָס האָבן געשריבן וועגן דער פראַגע, זיינען געקומען צום שלוס, אז אין מענשן אין פאַראַן א מ י ט ג ע ב ו י ר ע נ ע ר ג ע פ י ל, וואָס ציט אונז צו אידענטיפיצירן זיך מיט אַנדערע. פאַרשיידענע דיינקער האָבן דעמדאָזיגן געפיל געגעבן פאַרשיידענע נעמען און האָבן זיין אָפּשטאַמונג דערקלערט אויף פאַרשיידענע אופנים. אייניגע האָבן גערעדט וועגן דעם מיטגעבוירענעם מאָראַלן געפיל, ניט אריינלאָזנדיג זיך אין קיין וויטערע דערקלערונגען; אַנ־דערע, אריינקוקנדיג טיפער אין עצם פון דעמדאָזיגן געפיל, האָבן אים אָנגערופן סימפּאַטיע, ד. ה. א מ י ט ־ ג ע פ י ל פון איין באַזונדער פּערזאָן מיט אַנדערע ענליכע פּערזאָנען; נאָך אַנדע־רע, ווי קאַנט צום ביישפּיל, וואָס האָבן ניט געמאַכט קיין חילוק צווישן דעם מאָנען פון געפיל און דעם באַפעלן פון געדאַנק, וועלכע פירן אָן צוזאַמען, גאַנץ געוויס זייער אָפּט, און מעגליך טאָקע אַלע־

מאָל, מיט אלע אונזערע האַנדלונגען, האָבען בעסער גערעדט וועגן ג ע ו ו י ס ן אָדער דעם ב אַ פ ע ל פון הארץ און שכל, וועגן דעם געפיל פון פ ל י כ ט אָדער פשוט וועגן ב אַ ו ו אוּ ס ט־ ז י י ן פון פליכט, וואָס לעבט אין אונז אַלעמען—ניט אריינלאָזנ־ דיג זיך אין קיין אַנאַליז, פונוואַנען זיי אַנטשטייען און ווי אַזוי זיי האָבען זיך אַנטוויקלט אין דעם מענשן, ווי דאָס טוען איצטער די שרייבער פון דער אַנטראָפּאָלאָגישער שולע אדער פון דער שולע פון די עוואָלוציאָניסטן. — צוגלייך מיט אַזוינע דערקלערונגען וועגן דער אָפּשטאַמונג פון דאָס מאָראַלע, האט אנאנדער גרופּע דיינקער, וואָס האָט זיך ניט צופרידנגעשטעלט מיט דעם אינסטינקט און גע־ פיל אויף צו דערקלערן די מאָראַלע נייגונגען פונם מענשן, געזוכט זייער דערקלערונג אין דעם ש כ ל: דאָס האָט זיך שטאַרק אויס גערדיקט ביי די פראַנצויזישע שרייבער פון דער אנדער העלפט פון 18טן י. ה., ד. ה. ביי די ענציקלאָפּעדיסטן און באַזונדערס ביי העל־ וועציוס. אָבער הגם זיי האָבן געשטרעבט צו דערקלערן די מאָראַלע נייגונגען פונם מענשן אויסשליסליך דורך דעם קאַלטן דיינקען און דורך דער אייגנליבע, דעם עגאָאיזם, האָבן זיי אין דערזעלביגער צייט אויך אָנדערקענט אנאנדער אקטיווע קראַפט — דעם פּ ר אַ ק־ ט י ש ן א י ד ע אַ ל י ז ם, וועלכער צווינגט דעם מענשן כסדר צו ווירקן אויס איינפאַכער סימפּאַטיע, מ י ט ג ע פ י ל, שטעלנ־ דיג זיך אויפן אָרט פון דעם באַליידיגטן מענשן און אידענטיפי־ צירנדיג זיך מיט אים.

בלייבנדיג געטריי צו זייער פונדאַמענטאַלן שטאַנדפּונקט, האָבן די פראַנצויזישע דיינקער דערקלערט אויך אָט די האַנדלונגען דורך דעם „שכל", וועלכער געפינט אין די האַנדלונגען לטובת דעם חבר „א באַפרידיגונג פון דער אייגנליבע" און פון „די אייגענע ה ע־ כ ע ר ע פאַדערונגען". א פולקאָמע אַנטוויקלונג פון דעמדאָזיגן בליק האָט געגעבן, ווי באַקאַנט, נאָך בענטאַמען זיין תלמיד דזשאָן סטוּאַרט מילל, וועגן וועלכן מיר האָבן שוין גערעדט אין דעם פאָריגן קאַפּיטל.

צוגלייך מיט אַזוינע דיינקער זיינען אין אלע צייטן געווען נאָך צוויי גרופּן מאָראַליסטן, וואָס האָבן פּרובירט באַגרינדן די מאָראַל אויף גאָר אַנדערע יסודות. איינגע פון זיי האָבן אָנדערקענט, אַז דער מאָראַלער אינסטינקט, דער געפיל, די שטרעבונג, אָדער ווי

מען זאָל זיי אָנרופן, איז אריינגעגעבן אין מענשן דורך דעם באַשאַפער פון דער נאַטור, און אויף דעם אופן האָבן זיי פארבונדן די לערע וועגן מאָראַל, די עטיק, מיט דער רעליגיע; און אָט די גרופּע האָט געווירקט מער אָדער ווייניגער אָפן אויף דעם גאַנצן דיינקען וועגן מאָראַל ביז דער גאַנץ לעצטער צייט. ווידער אנאנדער גרופּע מאָראַליסטן, וועלכע איז אין אַלטן גריכנלאַנד געווען פארטראָטן פון אייניגע סאָפיסטן, אין 17טן י. ה. פון מאנדעווויל'ן און אין 19טן י. ה. פון ניטצשע, האָט זיך באַצויגן צו יעדער מאָראַל לחלוטין נעגאַטיוו און מיט פארשפּאָטונג, ארויסשטעלנדיג זי ווי אַן איבערבלייבאַכץ פון דער רעליגיעזער ערציאונג און פון אבערגלויבן. דערביי זיינען די הויפּט ארגומענטן געווען פון איין זייט דער רעליגיעזער כאַראַקטער פון דער מאָראַל, ווי זיי האָבן געמיינט, און פון דער אַנדער זייט—די פארשיידנאַרטיקייט פון די מאָראַלע באַגריפן און זייער ענדערליכקייט.

צו אָט די צוויי גרופּעס אויסטייטשער פון מאָראַל וועלן מיר זיך ווידער אומקערן שפּעטער. איצטער וועלן מיר נאָר באַמערקן, אַז ביי די אַלע דיינקער, וואָס האָבן געשריבן וועגן מאָראַל און האָבן דערקלערט איר אָפּשטאַמונג פון די מיטגעבוירענע אינסטינקטן, פון דעם געפיל פון סימפּאַטיע און דערגלייכן, האָט זיך שוין דורכגעשלאָגן אין איין פאָרם אָדער אנאנדערער דער באַוואוסטזיין, אַז איינעם פון די יסודות פון דער גאַנצער מאָראַל שטעלט צוזאַמען דער שכל'דיגער באַגריף וועגן גערעכטיקייט.

מיר האָבן שוין געזען אין די פריגע זייטלאַך, אַז זייער פיל שרייבער און דיינקער, רעכענענדיג צווישן זיי יוהם, העלוועציוס און רוססאָ, זיינען צוגעקומען גאָר נאָענט צו דעם באַגריף וועגן גערעכטיקייט ווי אַן אָרגאַנישער און נייטיגער טייל פון מאָראַל, אָבער זיי האָבן פונדעסטוועגן זיך ניט ארויסגעזאָגט קלאָר און דייטליך וועגן דער באַדייטונג פון גערעכטיקייט אין דער עטיק.

ענדליך האָט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, וואָס דאָס רוב פון אירע טוער זיינען געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון רוססאָ'ס אידייען דורכגעפירט אין דער געזעצגעבונג און אין לעבן די אידייען פון פּאָליטישער גלייכהייט, ד. ה. פון גלייכבאַרעכטיגונג פון אַלע בירגער אין דער רעגירונג. א טייל רעוואָלוציאָנערן פון די יאָרן 1793 און 1794 איז געגאַנגען נאָך ווייטער און

האט געפאדערט „פאקטישע גלייכהייט“, דאס הייסט עקאנאמישע גלייכהייט. דידאזיגע נייע אידייען האבן זיך אנטוויקלט אין די „פאלקס־געזעלשאפטן“, אין די „קלובן פון די עקסטרעמע“, פון די „היציגע“, די „אנארכיסטן“ א. ד. ג. די פארטיידיגער פון דידאזיגע אידייען זיינען, ווי באקאנט, באזיגט געווארן אין טערמידאר (אין חודש יוני 1794), ווען צו דער מאכט האבן זיך אומגעקערט די זשי־ראנדיסטן, וועלכע זיינען באלד פארטריבן געווארן פון איר דורך דער פאליטישער דיקטאטור. אבער די פאדערונגען פון דער רעוואָ־לוציאנערער פראגראם — די פארניכטונג פון דער ירושה פון דעם לייבאייגענטום און פעאדאלן רעכט און די איינפירונג פון פאליטישע גלייכבארעכטיגונג זיינען פאנאנדערגעטראגן געווארן דורך פראנק־רייכס רעפובליקאנישע ארמייען איבער גאנץ אייראפא הארט ביז די גרעניצן פון רוסלאנד. און ניט געקוקט אויף דעם, וואס אין 1815 האבן די זיגרייכע פארבינדעטע, מיט רוסלאנד און דייטשלאנד אן דער שפיץ, אפילו דורכגעפירט די „רעסטאווראציע“ פון די בורבא־נען אויפן קיניגליכן טראן, זיינען די פאליטישע גלייכבארעכטיגונג און די פארניכטונג פון דער ירושה פון דער פעאדאלער אומגלייכ־הייט געווארן די לאזונגען פון דער געווינשטער פאליטישער ארדע־נונג איבער גאנץ אייראפא ביז אויף היינטיגן טאג.

אויף דעם אופן האבן פיל דיינקער צום סוף 18טן און אנהויב 19טן י. ה. אנגעהויבן זען אין דער גערעכטיקייט דעם יסוד פון דאס מאראלע אינם מענשן, און אויב דאס איז ניט געווארן קיין אלגע־מיין־אנגענומענע ווארהייט, איז עס פארגעקומען צוליב צוויי אור־זאכן, פון וועלכע איין אורזאך איז א אינערליכע און די אנדערע א היסטארישע. די מעשה איז, וואס אין מענשן עקזיסטירט צוגלייך מיט דעם באגריף וועגן גערעכטיקייט און דער שטרעבונג צו איר, אויך א שטרעבונג צו א פערזענליכער **פארהערשאפט**, **צו האבן די מאכט איבער אנדערע**; און אין משך פון דער גאנצער געשיכטע פון דער מענשהייט, פון די גאר פרימיטיווע צייטן אן, קומט פאר א קאמף צווישן אט די צוויי פרינציפן — צווישן דער שטרעבונג צו גערעכטיקייט, ד. ה. צו גלייכבארעכטיגונג, און דער שטרעבונג צו פערזענליכער הערשאפט איבער נאענטע אדער פילע. שוין אין די גאר פרימיטיווע מענש־ליכע געזעלשאפטן גייט אן א קאמף צווישן אט די צוויי שטרע־

בונגען: די „זקנים“, וואָס זיינען קלוג געוואָרן דורך דער ערפאַרונג פון לעבן, זעהענדיג ווי שווער איינינע ענדערונגען אין דער אָרדענונג פון דעם שטאַם־לעבן האָבן זיך אָפּגערופן אויפן גאַנצן שטאַם, אָדער איבערלעבנדיג שווערע צייטן, האָבן זיך געשראָקן פאַר אַלערליי נייע ענדערונגען און האָבן מיט זייער אויטאָריטעט זיך געשטעלט אנטקעגן יעדער ענדערונג. און כדי איינצוהיטן די איינגעשטעלטע מנהגים, האָבן זיי געגרינדעט די ערשטע אינסטיטוציעס פון הערשאַפט אין דער געזעלשאַפט. ביסלאַכוויַיז האָבן זיך מיט זיי פאַראייניגט די וואָרזאָגער, שאַמאַנען און מכשפים, און האָבן צוזאַמען געבילדעט געהיימע געזעלשאַפטן, כדי צו האַלטן אין אונטערטעניקייט און געהאָרכזאַמקייט די איבעריגע מיטגלידער פון שטאַם און צו פאַרהיטן די טראַדיציעס און די איינגעשטעלטע אָרדענונג פון דעם שטאַם־לעבן. דידאָזיגע געזעלשאַפטן האָבן אין דער ערשטער צייט בלי ספק אויפגעהאַלטן די גלייכבארעכטיגונג, שטערנדיג איינצעלנע פּערזאָנען צו ווערן רייך אדער צו דערווערבן הערשאַפט אין דעם שטאַם. זיי אָבער זיינען געווען די ערשטע צו שטעלן זיך אנטקעגן דעם איינפיר פון גלייכבארעכטיגונג ווי א גרונט־פּרינציפּ פון געזעלשאַפטליכן לעבן.

אָבער דאָס, וואָס מיר זעהען אין די פּרימיטיווע געזעלשאַפטן פון די ווילדע און בכלל ביי פעלקער, וואָס לעבן אין א שטאַם־אָרדענונג, ווערט פאָרטגעזעצט דורך דער גאַנצער געשיכטע פון דע מענשהייט האַרט ביז דער היינטיגער צייט. די מכשפים פון מזרח, די חרטומים פון מצרים, פון גריכנלאַנד און רוים, די אמאָליגע ערשטע אויספאָרשער פון דער נאַטור און אירע געהיימענישן, דערנאָך די קיסרים און טיראַנען פון מזרח, די אימפּעראַטאָרם און סענאַטאָרם פון רוים, די פּרינצן פון דער קירך אין מערב־אייראָפּא, די מיליטערישע פאָרשטייער און די ריכטער א. אז. וו. — זיי אַלע האָבן געשטרעבט אויף אַלערליי אופנים ניט צו דערלאָזן, אז די אידייען פון גלייכבארעכטיגונג, וואָס האָבן זיך שטענדיג אנטוויקלט אין דער געזעלשאַפט, זאָלן אריינגיין אין לעבן און אָפּלייקענען זייער רעכט אויף פּריווילעגיעס און מאַכט.

מען קאָן פאַרשטיין, ווי דער איינפלוס מצד דעם מער ערפאַרענעם, אנטוויקעלטערען און מערסטנטיילס קאָמפּאַקטען טייל פון דער געזעלשאַפט, געשטיצט פון אָבערגלויבן און רעליגיע, האָט גע־

מוזט שטערן דער אָנדערקענונג פון גלייכבארעכטיגונג ווי א גרונט־פּרינציפּ פון געזעלשאפטליכן לעבן; און עס איז פארשטענדליך ווי שווער עס איז געווען אָפּצושאפן די אומגלייכבארעכטיגונג, וואָס איז היסטאָריש אויסגעוואקסן אין דער געזעלשאפט אין דער פאָרם פון שקלאָווערייַ, פון לייבאייגנשאפט, פון שטאנדן, פון ראנגען, איינטיילונג א. אז. וו. — באזונדערס, ווען דאָס איז פארהייליגט געוואָרן פון דער רעליגיע און, ליידער, אויך פון דער וויסנשאפט.

די פילאָסאָפיע פונם 18טן י. ה. און די פאָלקסבאוועגונג אין פראנקרייך, וואָס האָט געפונען איר אויסדרוק אין דער רעוואָלוציע, זיינען געווען א מעכטיגער פארזוך אראָפּצוּוואַרפן דעם יאָך פון הונדערטער יאָרן און לייגן דעם פונדאמענט פאר א נייעם געזעלשאפטליכן בנין אויף די פּרינציפּן פון גלייכע רעכט. אָבער דער שרעקליכער סאָציאַלער קאמף, וואָס האָט זיך אנטוויקלט אין פראנקרייך אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע, די גרויזאמע בלוטפארגיסונג, און דערנאָך די אריבער צוואנציג יאָר אייראָפּייאישע מלחמות, האָבן אָפּגעשטעלט אויף א לאנגער צייט די דורכפירונג פון די אידייען פון גלייכבארעכטיגונג אין לעבן. ערשט אין זעכציג יאָר ארום נאָך דער גרויסער רעוואָלוציע, ד. ה. אין יאָר 1848, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אין אייראפּא א נייע פאָלקסבאוועגונג אונטער דער פאָן פון גלייכע רעכט; אָבער אין פארלויף פון עטליכע חדשים איז זי שוין געווען פארטרונקען אין בלוט. און נאָך דידאָזיגע רעוואָלוציאָנערע פּראָבעס, ערשט ביים סוף פון די פופציגער יאָרן איז אין די נאטורוויסנשאפטן פאָרגעקומען א גרויסע איבערקערעניש, וואָס איר רעזולטאט איז געווען די באשאפונג פון א נייער גענעראליזירנדער טעאָריע — די טעאָריע פון אנטוויקלונג, פון עוואָלוציע.

שוין פון די דרייסיגער יאָרן אָן האָט דער פילאָסאָף פון פּאָזיטיוויזם, אָגוסט קאָנט, און די גרינדער פון סאָציאליזם — סען־סימאָן און פוריע אין פראנקרייך (דערהויפּט זיינע נאָכפאָלגער) און ראָבערט אָווען אין ענגלאנד—האָבן געשטרעבט אָנצו־ווענדן די טעאָריע פון דער שטופנווייזער אנטוויקלונג פון דער וועלט פון פלאנצן און חיות, וואָס איז ארויסגעזאָגט געוואָרן פון בופּפאָן און לאמארק און טיילווייז פון די ענציקלאָפּעדיסטן, אויך אויף דעם לעבן פון די

מענשליכע געזעלשאַפטן. אין דער אנדער העלפט פונם 19טן י. ה. האָט דער שטודיום פון דער אנטוויקלונג פון די געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס פון מענשן צום ערשטן מאָל געגעבן די מעגליכקייט צו פאַרשטיין די גאַנצע באַדייטונג פון דער אנטוויקלונג אין דער מענשהייט פון אָט דעם גרונט־באַגריף פון יעדער געזעלשאַפטליכקייט — די ג ל י י כ ב אַ ר ע כ ט י ג ו נ ג.

מיר האָבן געזען ווי יוהם. און נאָך מער אַדאַם סמיטה און העל־וועציוס, דערהויפּט אין זיין צווייטן ווערק De l'homme, de ses facultes individuelles et de son education, זיינען נאָענט צוגע־קומען אָנצודערקענען די גערעכטיקייט, און פאָלגליך די גלייכבאַ־רעכטיגונג, ווי דעם יסוד פון דאָס מאָראַלע אין מענשן. די פּראָ־קלאַמירונג פון גלייכבאַרעכטיגונג דורך דער „דעקלאַראַציע פון די מענשן־רעכט“ אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע (אין יאָר 1791) האָט נאָך מער ארויסגערוקט דעמדאָזיגן גרונט־פּרינציפּ פון דאָס מאָראַלע.

דאָ מוזן מיר אָנצייכענען איין אין העכסטן גראַד וויכטיגן און וועזנטליכן טריט פאָרווערטס, וואָס איז געמאַכט געוואָרן בשייכות צו דעם באַגריף פון גערעכטיקייט. צום סוף 18טן און אָנהויב 19טן י. ה. האָבן פיל דיינקער און פילאָסאָפן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אונטער גערעכטיקייט און גלייכבאַרעכטיגונג ניט בלויז פּאָליטישע און בירגערליכע גלייכבאַרעכטיגונג, נאָר דער עיקר עקאָנאָמישע. אויבן האָבן מיר שוין געזאָגט, אַז מאָרעללי אין זיין ראָמאַן „באַזי־ליאַדאַ“ און באַזונדערס אין זיין „קאָדעקס פון דער נאַטור“ האָט אָפן און קלאָר געפאָדערט אַ פולקאָמע גלייכהייט פון אייגנטום. מאַבלי אין זיין ווערק „אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער געזעצגעבונג“ (פראַנצ. 1776) האָט זייער פייאַיג באַוויזן, אַז די פּאָליטישע גלייכ־הייט אליין אָהן עקאָנאָמישער וועט ניט זיין פולשטענדיג, און אַז צוזאַמען מיט פּריוואַט אייגנטום וועט די גלייכהייט זיין אַ פוסטער קלאַנג. אפילו דער מעסיגער קאָנדאָרסע אין זיין „היסטאָרישע סקיצע פון דעם פּראָגרעס פונם מענשליכן גייסט“ (פראַנצ. 1794) האָט דערקלערט, אַז יעדעס רייכטום איז אַ אוזורפּאַציע. ענדליך, דער ליידנשאַפטליכער בריססאָ, וועלכער איז שפּעטער געפאַלן אַ קרבן פון דער גילאָטין ווי אַ זשיראָנדיסט, ד. ה. אַ מעסיגער דע־

מאַקראַט, האָט באַהויפּטעט אין אַ גאַנצער ריי פּאַמפלעטן, אַז פּרי־וואַט אייגנטום איז אַ פאַרברעכן געגן דער נאַטור. *

אָט די אַלע אידייען און שטרעבונגען צו עקאָנאָמישער גלייכהייט האָבן זיך ביים סוף פון דער רעוואָלוציע אויסגעגאָסן אין דער קאָמוניסטישער לערע פון גראַקכוס באַבעף.

נאָך דער רעוואָלוציע, אין אָנהויב 19טן י. ה., האָבן די אידייען פון עקאָנאָמישער גערעכטיקייט און עקאָנאָמישער גלייכהייט זיך באַוויזן אין דער לערע, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען ס אָ צ י אַ ל י ז ם, און וואָס זיינע שטאַם־פירער אין פראַנקרייך זיינען געווען סען־סימאָן און שאַרל פוריע, און אין ענגלאַנד — ראָבערט אָווען. שוין ביי אָט די ערשטע באַגרינדער פון סאָציאַליזם געפינען מיר צוויי שטאַנדפּונקטן מכח דעם אופן ווי זיי האָבן געדיינקט צו פאַרווירקליכן אין דער געזעלשאַפט די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע גערעכטיקייט. סען־סימאָן האָט געלערנט, אַז אַ גערעכטע לעבנס־אָרדענונג קאָן אָרגאַניזירט ווערן נאָר מיט דער הילף פון אַ רעגי־רונג, בעת פוריע און טיילווייז ראָבערט אָווען האָבן געדיינקט, אַז סאָציאַלע גערעכטיקייט קאָן דערגרייכט ווערן אָהן דער אריינמישונג פון דער רעגירונג. אויף דעם אופן איז ביי סען־סימאָנען דער סאָ־ציאַליזם אַן אויטאָריטערער און ביי פוריע — אַ ליבערטערער.

אין מיטן 19טן י. ה. זיינען די סאָציאַליסטישע אידייען באַאר־בעט געוואָרן פון אַ גרויסער צאָל דיינקער, פון וועלכע מען דאַרף אָנרופן די פראַנצויזן: קאָנסידעראַן, פּיער לערו, לואי בלאַן, קאַבע, ווידאַל, פּעקקער און שפּעטער פּרודאָן; די דייטשן: קאַרל מאַרקס, ענגעלס, ראָדבערטוס און שעפּפלע; די רוסן: באַקונין, טשערני־שעווסקי, לאַווראָוו א. אז. וו. אָט די אַלע דיינקער און זייערע נאָכ־פאָלגער האָבן געאַרבעט ענטוועדער אויף דער פאַרשפּרייטונג אין אַ פאַרשטענדליכער פאָרם פון די אידייען פון סאָציאַליזם אָדער אויף פעסטצושטעלן זיי אויף אַ וויסנשאַפטליכן באַזיס.

די געדאַנקען פון די ערשטע טעאָרעטיקער פון סאָציאַליזם, אין דעם ערך אויף וויפיל זיי האָבן זיך אויסגעגאָסן אין מער באַשטימ־טע פאָרמען, האָבן געשאַפן דעם גרונט פאַר צוויי הויפּט סאָציאַ־

---

* אַ רייכער מאַטעריאַל וועגן די סאָציאַליסטישע טענדענצן אין 18טן י. ה. איז צונויפגעקליבן אין אַנדרע ליכטענבערזשע'ס מאָנאָגראַף „דער סאָציאַליזם אין 18טן י. ה.“ (פראַנצ.)

ליסטישע שטרעבונגען — דעם אויטאָריטערן קאָמוניזם און דעם אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם, ווי אויך איינינע צווישנדיגע פאָרמען. אזוינע זיינען די שולן פון שטאַט־קאַפּיטאַליזם (דער שטאַט רעגירט איבער אַלץ וואָס איז נויטיג פאַר דער פּראָדוקציאָן), קאָלעקטיוויזם, קאָאָפּעראַציע, מוניציפּאַלער סאָציאַליזם (האַלב־סאָציאַליסטישע אינסטיטוציעס, וואָס די שטעט פירן איין) און אַ סך אַנדערע.

אין דערדאָזיגער צייט האָבן צווישן די אַרבעטער גופא דיזעלביגע געדאַנקען פון די באַגרינדער פון סאָציאַליזם (דערהויפּט ראָבערט אָוועני׳ס) געהאָלפן דער אויסבילדונג פון אַ גרויסער אַרבעטער באַוועגונג, וואָס איז אין אירע פאָרמען אַ עקאָנאָמישע אָבער אין איר עצם אַ טיף עטישע באַוועגונג. די דאָזיגע באַוועגונג שטרעבט צו פאַראייניגן אַלע אַרבעטער אין פאַרבאַנדן לויט די אַרבעטער־פאַכן פאַר דעם דירעקטן, אוממיטלבאַרן קאַמף מיטן קאַפּיטאַליזם. זי האָט ארויסגערופן אין די יאָרן 1864 ביז 1879 דעם „אינטערנאַציאָנאַל”, דעם צווישנפעלקערדיגן פאַרבאַנד פון אַרבעטער, וועלכער האָט געשטרעבט איינצופירן אַן אַל׳פעלקערליכע פאַרבינדונג צווישן די פאַראייניגטע פאַכן.

דריי וויכטיגע גרונטזאַצן זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן פון דערדאָזיגער גייסטיגער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג:

1. די אָפּשאַפונג פון דעם אַרבעט־לוין, וואָס דער קאַפּיטאַליסט גיט דעם אַרבעטער, היות ווי דאָס שטעלט מיט זיך פאָר מער גאָרנישט ווי די מאָדערנע פאָרם פון דער אַלטער שקלאַווערייַ און דעם יאָך פון לייבאייגנשאַפט.

2. די אָפּשאַפונג פון פּריוואַט אייגנטום אין דאָס, וואָס די געזעלשאַפט האָט נויטיג פאַר דער פּראָדוקציאָן און פאַר דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע פון דעם פּראָדוקטן־אויסטויש; און לסוף —

3. די באַפרייאונג פון דער פּערזאָן און דער געזעלשאַפט פון דערדאָזיגער פאָרם פון פּאָליטישער פאַרשקלאַפונג — דעם שטאַט — וואָס דינט צו שטיצן און אויפהאַלטן די עקאָנאָמישע שקלאַווערייַ.

די פאַרווירקליכונג פון אָט די דריי אויפגאַבן איז נויטיג, כדי איינצושטעלן אין דער געזעלשאַפט סאָציאַלע גערעכטיקייט, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די מאָראַלע פאָדערונגען פון אונזער צייט. דאָס באַוואוסטזיין דערפון איז טיף אריינגעדרונגען די לעצטע דרייסיג

יאָר נישט נאָר אין די מוחות פון די ארבעטער, נאָר אויך אין די מוחות פון די פּראָגרעסיווע מענשן פון אלע קלאַסן.

פון די סאָציאַליסטן איז פּ ר ו ד אָ ן (געב. 1809, געשט. 1865) נעענטער פאר אלעמען צוגעקומען צו באַגרייפן די גערעכטי־קייט ווי דעם פונדאַמענט פון דער מאָראַל.

פּרודאָנ׳ס באַדייטונג אין דער געשיכטע פון דער אנטוויקלונג פון דער עטיק גייט פארביי אומבאמערקט, פּונקט ווי דארווינ׳ס באַדייטונג. דער היסטאָריקער אָבער פון דער עטיק, יאָדל, האָט אָהן ספּיקות און גאַנץ ריכטיג אוועקגעשטעלט דעם פייער־שריפטזע־צער, דעם זעלבסט־לערנער, וואָס האָט זיך אליין געבילדעט מיט גרויס מי, אבער איז געוועזן דערצו אויך א דיינקער און אַן אייגנאַרטיגער דיינקער—אין איין ריי מיט אלע טיפדיינקענדע און געלערנטע פילאָ־סאָפן, וועלכע האָבן אויסגעארבעט די טעאָריע פון מאָראַל.

עס פארשטייט זיך, אויב פּרודאָן האָט ארויסגעשטעלט די גע־רעכטיקייט פאר דעם גרונט־באַגריף פון מאָראַל, האָט זיך דעריין ארויסגעוויזן פון איין זייט דער איינפלוס פון יוהם און אדאם סמיטה, פון מאָנטעסקיע, וואָלטער און די ענציקלאָפּעדיסטן און פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציע, און פון דער אנדער זייט דער איינפלוס אי פון דער דייטשישער פילאָסאָפיע, אי באַזונדערס פון אָגוסט קאָנט. דערצו מוז מען אויך צוגעבן דעם איינפלוס פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון די פערציגער יאָרן, וועלכע האָט אייניגע יאָרן שפּעטער זיך אויסגעגאָסן אין דעם אינ־טערנאַציאָנאַלן פאַרבאַנד פון ארבעטער, וואָס האָט ארויסגעשטעלט ווי איינעם פון זיינע לאָזונגען די מאַסאָנישע פאָרמולע: „ק י י־נ ע ר ע כ ט אָ ה ן פ ל י כ ט ן, ק י י נ ע פ ל י כ ט ן אָ ה ן ר ע כ ט“.

אבער פּרודאָנ׳ס פאַרדינסט באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט בולט אויסגעטיילט דעם גרונט־באַגריף, וועלכער איז ארויסגעקומען ווי א ירושה פון דער גרויסער רעוואָלוציע — דעם ב אַ ג ר י ף ו ו ע ג ן ג ל י י כ ב אַ ר ע כ ט י ג ו נ ג און ממילא פון ג ע־ר ע כ ט י ג ק י י ט. און האָט באַוויזן ווי אָט דער באַגריף איז אלעמאָל געלעגן אין גרונט פון יעדער געזעלשאַפטליכקייט, און פאַלגליך אויך פון יעדער עטיק, הגם די דיינקער זיינען דעם באַ־גריף פארביי געגאַנגען, ווי זיי וואָלטן אים גאָרניט באַמערקט, אדער

פשוט ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט אים צוגעבן א פאָרהערשענדע באדייטונג.

שוין אין זיין פריען ווערק „וואָס איז אייגנטום" האָט פּרודאָן אידענטיפיצירט די גערעכטיקייט מיט דער גלייכהייט (ריכטיגער — מיט גלייכבארעכטיגונג), באציענדיג זיך אויף דער אוראַלטער דע־פיניציע פון גערעכטיקייט: „יוסטום עקוואַלע עסט, איניוסטום אינעקוואַלע" (גערעכט איז וואָס איז גלייך, אומגערעכט איז דאָס אומגלייכע). דערנאָך האָט ער מערערע מאָל זיך אומגעקערט צו דערזעלביגער פראגע אין זיינע ווערק „די עקאָנאָמישע ווידער־שפּרוכן" און „די פילאָסאָפיע פון פּראָגרעס", אבער פולשטענדיג האָט ער אויסגעארבעט די גרויסע באדייטונג פון דעם באגריף פון גערעכטיקייט אין זיין דריי בענדיגן ווערק „די גערעכטיקייט אין דער רעוואָלוציע און אין דער קירך" (פראנצ.), וואָס איז דער־שינען אין יאָר 1858.

אמת, אפילו אין אָט דעם ווערק איז ניטאָ קיין שטריינג־סיסטע־מאַטישע דאַרלייגונג פון פּרודאָנ'ס עטישע אנשויאונגען; זיי זיינען אָבער גענוג קלאָר אויסגעדריקט אין פארשיידענע פלעצער פון דער־דאָזיגער ארבעט. פאַנאַנדערטיילן דאָס, וואָס איז אין זיי אריבער־גענומען פון די אויבן דערמאָנטע דיינקער פון דאָס, וואָס איז פּרו־דאָנ'ס אייגענע, איז אי שווער, אי נוצלאָז, דעריבער וועל איך פשוט איבערגעבן זייער תמצית.

פאר פּרודאָנ'ען מאַכט אוים די לערע וועגן מאָראַל א טייל פון דער אלגעמיינער וויסנשאַפט וועגן ר ע כ ט, און די אויפגאַבע פון דעם פאָרשער איז אָנצו־ווייזן די באגרינדונג פון דערדאָזיגער לערע: איר עצם, איר אָפּשטאַמונג און איר סאַנקציע, ד. ה. דאָס, וואָס גיט דעם רעכט און דער מאָראַל דעם כאַראַקטער פון פאר־פליכטונג און האָט א דערציערישע באדייטונג. דערביי אנטזאָגט זיך לחלוטין פּרודאָן, אזוי ווי קאַנט און די ענציקלאָפּעדיסטן, צו בויען זיין פילאָסאָפיע פון רעכט און מאָראַל אויף א רעליגיעזן אדער מעטאַפיזישן באַזיס. מען דאַרף, זאָגט ער, אויספאָרשן דאָס לעבן פון די געזעלשאַפטן און דערפון אויסגעפינען וואָס עס דינט זיי פאר זייער ריכט־שנור. *

* „וואָס איז אייגנטום?" זע קאַפּיטל 5 פון דער אידישער איבער־זעצונג, ארויסגעגעבן פון דער קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט.

ביז יענער צייט האָט זיך יעדע עטיק געבויט מער אָדער ווייניגער אונטער דעם איינפלוס פון דער רעליגיע, און קיין איין לערע האָט ניט געוואַגט ארויסצושטעלן די גלייכבארעכטיגונג פון מענשן און די גלייכהייט פון עקאָנאָמישע רעכט פאַר דעם יסוד פון דער עטיק. פּרודאָן האָט עס פּרובירט טאָן אויף וויפיל דאָס איז געווען מעגליך אונטער דער נאַפּאָלעאָנישער צענזור, וועלכע איז געשטאַנען אויף דער וואַך אַנטקעגן סאָציאַליזם און אַטעאיזם. פּרודאָן האָט געוואָלט באַשאַפן, ווי ער דריקט זיך אויס, א פּאָלקס פילאָסאָפיע, וואָס זאָל זיין געבויט אויף וויסן. אויף זיין בוך „די גערעכטיקייט אין דער רעוואָלוציע און אין דער קירך“ האָט ער געקוקט ווי אויף א פאַרזוך, וואָס גייט פּונקט אין אַט דער ריכטונג. דער צוועק פון דערדאָזיגער פילאָסאָפיע, ווי פון יעדעס וויסן, איז דאָס פאַראויסזען, כדי צו קאָנען אָנצייכענען די וועגן פון געזעלשאַפטליכן לעבן אפריער איידער דאָס לעבן האָט זיך נאָך פאַרנומען אויף דידאָזיגע וועגן.

פּרודאָן האָט געהאַלטן אַז דער אמת׳ער אינהאַלט פון גערעכטיקייט און דער גרונט־פּרינציפּ פון יעדער מאָראַל איז דער געפיל פון דער איי גענער ווירדע. איינמאָל איז אַט דער געפיל אַנטוויקלט אין דעם איינצעלנעם מענשן, דאַן ווערט ער בשייכות צו אַלע מענשן, סיי זיי זיינען פריינט, סיי פיינט, א געפיל פון דער מענשליכער ווירדע. דאָס רעכט איז די פייאיקייט פון יעדן איינעם צו פאָדערן פון אַלע אַנדערע אַכטונג פאַר דער מענשליכער ווירדע אין זיין אייגענער פּערזענליכקייט; פליכט, ווידער, איז די פאָדערונג צו יעדן איינעם, ער זאָל אָנדערקענען אַט די ווירדע אין אַלע אַנדערע. מיר קאָנען ניט ליבן יעדן איינעם, אָבער מיר מוזן אַכטן זיין פּערזענליכע ווירדע. מיר קאָנען ניט פאָדערן קיין ליבע צו זיך, אָבער מיר זיינען לחלוטין באַרעכטיגט צו פאָדערן אַכטונג צו אונזער פּערזענליכקייט. בויען א נייע געזעלשאַפט אויף געגנזייטיגער ליבע איז אוממעגלאַך; מען קאָן אָבער און מען דאַרף זי בויען אויף דער פאָדערונג פון געגנזייטיגער אַכטונג.

„פילן און באַהויפּטן מענשליכע ווירדע קודם אין אַלץ וואָס שטעלט צוזאַמען אונזער אייגנס, דערנאָך אין דער פּערזאָן פון דעם

חבר, ניט אריינפאַלנדיג אין עגאָאיזם און ניט שיינקענדיג קיין אויפ־מערקזאַמקייט ניט אויף דער גאָטהייט, ניט אויף דער געזעלשאַפט —דאָס איז דאָס רעכט. זיין גרייט אונטער אַלע אומשטענדן צו נעמען זיך ענערגיש פאַר דער פאַרטיידיגונג פון דערדאָזיגער ווירדע — דאָס איז גערעכטיקייט".

אורטיילנדיג לויט דעם אַלעם האָט דאַכט זיך פּרודאָן דאָ גע־דאַרפט זאָגן פולשטענדיג קלאָר, אז א פרייע געזעלשאַפט קאָן ווערן געבויט נאָר אויף גלייכבארעכטיגונג. פּרודאָן אבער האָט דאָס ניט געזאָגט, מעגליך ווייל ער האָט זיך געמוזט רעכענען מיט דער נאַפּאָלעאָנישער צענזור, וואָרים לייענענדיג זיין „גערעכטיקייט" בעט זיך אַליין אומפאַרמיידליך ציען דעם שלום פון גלייכבארעכ־טיגונג, און מען באַגעגנט דידאָזיגע באַהויפּטונג אין עטליכע פלע־צער.

אויף דער פראַגע וועגן דער אָפּשטאַמונג פון דעם געפיל פון גערעכטיקייט האָט פּרודאָן געענטפערט פּונקט אזוי ווי קאַנט און ווי די גאַנצע מאָדערנע וויסנשאַפט ענטפערט איצטער, ד. ה. אז ער איז א פּראָדוקט פון דער אַנטוויקלונג פון די מענשליכע געזעלשאַפטן.

פּרודאָן וויל אויפזוכן פאַר דער דערקלערונג פון דער אָפּשטאַ־מונג פון מאָראַל, ד. ה. פאַר דער גערעכטיקייט, אן אָרגאַ־נישן יסוד אין דעם פסיכישן געבוי פונם מענשן. * די גערעכטיקייט, זאָגט ער, קומט ניט פון אויבן, אָבער זי איז אויך ניט קיין פאָלגע פון אויסגערעכענטקייט, וואָרים אויף אזא פונדאַמענט קאָן קיין געזעלשאַפטליכע אָרדענונג ניט זיין געבויט. אָט די פייאיקייט, לסוף, איז עפּעס אנדערש איידער די נאַטירליכע גוטסקייט פונם מענשן, איידער דער געפיל פון סימפּאַ־טיע אדער דער אינסטינקט פון געזעלשאַפטליכקייט, אויף וועלכן די פּאָזיטיוויסטן ווילן בויען די עטיק. דעם מענשן איז אייגנטימ־ליך נאָר א באַזונדער געפיל, א פיל העכערער איידער דער געפיל פון געזעלשאַפטליכקייט, און דאָס איז א גערעכטליכער געפיל, דער באַוואוסטזיין פון אַלע מענשנס גלייכן רעכט

* יאָדל פאַלט דאָ אריין אין דעמזעלביגען טעות, וואָס פּרודאָן, אידענטיפיצירנדיג די מאָראַל בכלל מיט דער גערעכטיקייט, וועלכע מאַכט אויס נאָך מיין מיינונג בלויז איינעם פון אירע עלעמענטן.

אויף דער געגנזייטיגער אכטונג פון יעדן איינעמס פערזענליכ־
קייט. *

„אויף אַט דעם אופן, באמערקט יאָדל, האָט פּרודאָן, נאָך אַלע
זיינע העפטיגסטע פּראָטעסטן אנטקעגן דעם טראַנסצענדענטאַליזם
סוף כל סוף זיך ווידער אומגעקערט צו דער אַלטער ירושה פון
דער אינטואיטיווער עטיק — צום געוויסן.“ (געשיכטע דער עטיק,
2, 267). אַט די באַמערקונג איז אָבער ניט אינגאַנצן ריכטיג. פּרודאָן
האָט בלויז געוואָלט זאָגן, אַז דער באַגריף וועגן גערעכטיקייט קאָן
ניט זיין אַ פּשוטער מיטגעבוירענער טריב, ווייל דאַן וואָלט געווען
אומבאַגרייפליך פאַרוואָס ער נעמט אָן איבערוואָג אין קאַמף מיט
אַנדערע טריבן, וואָס שטויסן שטענדיג דעם מענשן ניט צו זיין
גערעכטיג צו אַנדערע. פאַרטיידיגן די אינטערעסן פון אַנדערע
מענשן צום שאָדן פון די אייגענע קאָן ניט זיין אַ פּאַלקאָם מיטגע־
בוירענער געפיל, הגם, עס זיינען אַלעמאָל געווען אַזוינע אַנלאַגן ביים
מענשן, נאָר מען מוז זיי אויסבילדן. אָבער אַנטוויקלען האָט זיך
דאָס געקאָנט נאָר אין דעם מענשליכן צוזאַמענלעבן דורך דערפאַ־
רונג, און אַזוי איז דאָס פאַקטיש טאַקע געווען.

באַטראַכטנדיג די ווידערשפּרוכן, וואָס מען באַמערקט אין דער
געשיכטע פון די מענשליבע געזעלשאַפטן, צווישן דעם מענשנס
נאַטירליכן באַגריף פון גערעכטיקייט און דער געזעלשאַפטליכער
אומגערעכטיקייט (וואָס ווערט געשטיצט פון די רעגירונגען און
אפילו פון די קירכן), איז פּרודאָן געקומען צום שלוס, אַז ווען אפילו
דערדאָזיגער באַגריף איז איינגעבוירן אין דעם מענשן, האָט אָבער
דער מענשהייט געדאַרפט נעמען טויזענדער יאָרן איידער די אידייע
פון גערעכטיקייט איז אריינגעגאַנגען ווי אַ גרונט־פּרינציפּ אין דער
געזעצגעבונג אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע,
אין די דעקלאַראַציעס פון די מענשנרעכט.

פּונקט ווי קאָנט האָט פּרודאָן גוט פאַרשטאַנען דעם פּראָגרעס,
וואָס ווערט דורכגעפירט אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענשהייט,
און ער איז געווען זיכער, אַז די פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג פון דער
מענשהייט וועט אויך אָנהאַלטן ווייטער, און דערביי האָט ער, פאַר־

** געשיכטע דער עטיק, באַנד 2, ז. 266; אין באַצוג אויף פּרודאָנ'ס
„גערעכטיקייט“, עטיוד 2.

שטייט זיך, געהאט אין אויג ניט נאר די אנטוויקלונג פון דער ק ו ל ט ו ר (ד. ה. די מאטעריעלע באדינגונגען פון לעבן), נאר דער עיקר די צ י ו ו י ל י ז א צ י ע, די א ו י פ ק ל ע ר ו נ ג, ד. ה. די אנטוויקלונג פון דעם פארנינפטיגן און גייסטיגן געבוי פון דער געזעלשאפט, די פארבעסערונג פון די אינסטיטוציעס און די געגנזייטיגע באציאונגען צווישן מענשן. * אין דעמדאָזיגן פּראָגרעם האָט ער איינגעזען די גרויסע באדייטונג פון אידעאליזאציע, ד. ה. פון אידעאלן, וואָס נעמען אין געוויסע עפּאָכן די אויבערהאנט איבער די אלטעגליכע קליינליכע זאָרגן, — ווען די ניט־איינשטימונג צווישן דעם רעכט, וואָס ווערט פארשטאַנען ווי א העכערער אויסדרוק פון גערעכטיגקייט, און דעם לעבן, וואָס שטעלט זיך איין אונטער דער הערשאפט פון דער געזעצגעבונג, דערגרייכט ביז צו א שאַרפן אומדערטרעגליכן ווידערשפּרוך.

אין דעם צווייטן טייל פון אָט דעם ווערק וועלן מיר נאָך זיך אומקערן צו דער באַדייטונג פון גערעכטיקייט פאר דער אויסארבעטונג פון די מאָראַלע באַגריפן. איצטער וויל איך נאָר באַמערקן, אז קיינער האָט אזוי גוט ניט צוגעגרייט א ריכטיגע פארשטענדעניש פון אָט דעם גרונט־באַגריף פון יעדער מאָראַל ווי פּרודאָן האָט דאָס געטאָן. **

---

* אין רוסלאַנד האָט מען די לעצטע צייט גרינג גענומען צונויפמישן אָט די צוויי גאַנץ פארשיידענע באַגריפן. [ביי אונז אין אידיש איז לעצטנס דערשינען א גרויס ווערק פון ווס. נאַטאַנסאָן, „נייַ־סאָציאַליזם", אין וועלכן די באַדייטונג פון די ווערטער „ציוויליזאַציע" און „קולטור" ווערט געברויכט אין דעם פּונקט פאַרקערטן זין. מ.]

** לוידער איז קיינע פון די מערקווירדיגע ארבעטן פון אָט דעם וויכטיגן דיינקער ניט איבערזעצט אין רוסיש. [אין אידיש האָבן מיר בלויז איין ווערק „וואָס איז אייגענטום", ארויסגעגעבן פון דער „קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט". מ.] אחוץ אין זיין ווערק, „וועגן גערעכטיקייט אין דער רעוואָלוציע און אין דער קירך" (פּרינציפּן פון א פּראַקטישער פילאָסאָפיע) אין 3 בענד, פּאַריז 1858, באַגעגנט מען זייער ווערטפולע געדאַנקען וועגן עטיק און גערעכטיקייט אין זיין „סיסטעם פון עקאָנאָמישע ווידערשפּרוכן, די פילאָסאָפיע פון אָרעמקייט", 2 בענד (א ווערק פון וועלכן מארקסעס בייזוויליגער פּאַמפלעט „די אָרעמקייט פון דער פילאָסאָפיע", האָט, פארשטייט זיך, ניט אוועקגענומען קיינע פון זיינע גרויסע מעלות); „די אַלגעמיינע אידייע פון דער רעוואָלוציע פון 19טן י. ה." און „וואָס איז אייגנטום". דער עטישער סיסטעם האָט זיך פאַרמירט ביי פּרודאָנען שוין אין דער ערשטער צייט פון זיין ארויסטריט אלס שרייבער, אין אָנהויב פון די 40יגער יאָרן.

דער העכסטער מאָראַלער צוועק פאַרן מענשן איז די פאַרווירק־ליכונג פון גערעכטיקייט. די גאַנצע געשיכטע פון דער מענשהייט, זאָגט פּרודאָן, איז די געשיכטע פון די אָנשטריינגונגען פון דער מענשהייט צו פאַרווירקליכן אין איר לעבן די גערעכטיקייט. אַלע גרויסע רעוואָלוציעס זיינען ניט קיין אַנדער זאַך א חוץ די שטרע־בונג צו גערעכטיקייט דורך גוואַלט; און אַזוי ווי אין דער צייט פון רעוואָלוציעס האָט דער מיטל, ד. ה. די גוואַלט, צייטווייליג אַריבערגעשטיגן די אַלטע פאָרם פון אונטערדריקונג, איז פאַקטיש אַלעמאָל אַרויסגעקומען, אַז איין פאַרגוואַלטיגונג איז אויסגעביטן געוואָרן אויף אַנאַנדערער. פונדעסטוועגן אָבער איז די אַנרעגנדע אורזאַך פון יעדער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אַלעמאָל געווען די גערעכטיקייט, און יעדע רעוואָלוציע, ווי ענטאַרטעט זי זאָל זיך צום סוף ניט האָבן אויסגעלאָזט, האָט דאָך אַריינגעטראָגן אין געז־עלשאַפטליכן לעבן א וועלכן עס איז טייל גערעכטיקייט. פון אָט די אַלע ברעקלאַכדיגע פאַרווירקליכונגען פון גערעכטיקייט וועט סוף כל סוף זיך פאַרווירקליכן דער פולשטענדיגער טריאומף פון גערעכטיקייט אויף דער ערד.

פאַרוואָס האָט זיך די גערעכטיגקייט, ניט קוקנדיג אויף אַלע רעוואָלוציעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען ביז איצטער, ניט פאַרווירק־ליכט אין א פולער מאָס ביי קיין איין פאָלק? — די הויפּט אורזאַך דערפון באַשטייט אין דעם, וואָס די אידייע פון גערעכטיקייט איז ביז היינטיגן טאָג ניט דורכגעדרונגען אין די קעפּ פון דעם רוב מענשן. די אידייע פון גערעכטיקייט, וואָס איז געבוירן געוואָר אין קאָפּ פון אן איינצעלנעם מענשן, מוז ווערן א סאָציאַלע אידייע, וואָס באַגייסטערט די רעוואָלוציע. דער אויסגאַנג־פּונקט פון דער אידייע פון גערעכטיקייט איז דער געפיל פון דער פּערזענליכער ווירדע. אין פאַרקער מיט אַנדערע ווערט דערדאָזיגער געפיל פאַר־אַלגעמיינערט און ווערט א געפיל פון דער מענשליכער ווירדע. א פאַרנינפטיג וועזן זעט איין דעם געפיל אין דער פּערזאָן פון אַנאַנדערן, סיי א פריינט, סיי א פיינט, ווי ביי זיך אַליין. דער מיט טאַקע אונטערשיידט זיך די גערעכטיקייט פון ליבע און אַנדערע עמפּינדונגען פון מיטגעפיל, און דעריבער איז זי אן אַנטיטעזע, א היפּך פון עגאָאיזם, פון אייגנליבע; און דערביי איז דער איינפלוס, וואָס זי האָט אויף אונז, גובר די אַנדערע געפילן. ביי דעם פריי־

מיטיוון מענשן, בײַ וועמען דער געפיל פון דער אייגענער ווירדע ווײַזט זיך אַרויס אין אַ גראָבער פאָרם און זײַן פערזענליכקייט איז גובר די געזעלשאַפטליכקייט, דריקט זיך דעריבער די גערעכטיקייט בײַ אים אויס אין דער פאָרם פון איבערנאַטירליכע פאָרשריפטן און שטיצט זיך אויף דער רעליגיע. ביסלעכווײַז אָבער, אונטער דעם אײַנפלוס פון דער רעליגיע ווערט דער געפיל פון גערעכטיקייט (פּרודאָן שרײַבט פּשוט: „גערעכטיקייט", ניט דעפינירנדיג, צו ער האַלט עס פאַר אַ באַגריף אָדער פאַר אַ געפיל) פאַרדאָרבן. ניט קוקנדיג אויף זײַן עצם ווערט דערדאָזיגער געפיל אַריסטאָקראַטיש, און אַפילו אין קריסטנטום (ווי אויך אין די אַנדערע פריערדיגע רעליגיעס) דערגייט ער ביז צו דער דערנידערונג פון דער מענשהייט. אונטער דעם נאָמען פון אַכטונג צו גאָט ווערט פון איבעראַל אַרויסגעטריבן די אַכטונג צום מענשן, און ווײַבאַלד די אַכטונג ווערט פאַרניכטעט, פאַלט די גערעכטיקייט און צוזאַמען דערמיט ווערט אויך די געזעלשאַפט דעגענערירט.

יעמאָלט קומט פאַר די רעוואָלוציע, וועלכע עפנט פאַר דער מענשהייט אַ נײַע ערע. זי גיט אַ מעגליכקייט דער גערעכטיקייט, וועלכע איז פריער ניט קלאָר אַנדערקענט געוואָרן, זיך אַרויסצוּווײַזן אין דער גאַנצער ריינקייט און פולקייט פון איר גרונט־געדאַנק. „די גערעכטיקייט איז אַבסאָלוט און אומפאַרענדערליך, זי ווייס ניט פון דעם באַגריף „מער אָדער ווייניגער". זי שטעלט פאָר אַן אומפאַרענדערליכע מאָס פון אַלע מענשליכע האַנדלונגען. * עס איז מערקווירדיג, האָט פּרודאָן געזאָגט, אַז זינט דער צײַט, וואָס די באַסטיל איז אײַנגענומען געוואָרן אין יאָר 1789, האָט זיך ניט געפונען אין פראַנקרײַך קיין איין רעגירונג, וואָס זאָל זיך אַנטשליסן בפרהסיא אָפּצולייקענען די רעוואָלוציע און זיך אָפּן אַנדערקענען פאַר אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע. איבעריגנס, אַלע רעגירונגען האָבן פאַרראַטן די גערעכטיקייט, אַפילו די רעגירונג אין דער צײַט פונם טעראָר, אַפילו ראָבעספּיער, און טאַקע ספּעציעל ראָבעספּיער. **

ער האָט אָבער אָנגעוויזן ווי מען דאַרף זיך אויסהיטן, אַז צוליב די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט זאָל ניט געטראָטן ווערן אויף

* „די גערעכטיקייט א. אז. וו.", צווייטער טייל, ז. 194־195, 1858.

** דאָרט גופא, ז. 196.

די אינטערעסן פון דעם יחיד. די אמתע גערעכטיקייט באשטייט אין דער האַרמאָנישער צונויפשטימונג פון די געזעלשאַפטליכע מיט די פּערזענליכע אינטערעסן. די גערעכטיקייט, וואָס ווערט פאַרשטאַנען אויף אַט דעם אופן, האָט ניט אין זיך גאָרנישט געהיים־מיסטישעס. זי איז אויך ניט דער פאַרלאַנג פון פּערזענליכע נוצן, וויבאַלד נאָר אַז איך האַלט פאַר מיין פליכט צו פאָדערן אַכטונג צו דעם אַנדערן ווי צו זיך אַליין. זי פאָדערט אַכטונג פאַר דער פּערזענליכער ווירדע אפילו פון דעם שונא (דערפון נעמט זיך דאָס קריג־רעכט).

אַזוי ווי דער מענטש איז אַ באַשעפעניש, וואָס קאָן זיך פאַרפולקאָמען, עפענט די גערעכטיקייט דעם אייגענעם וועג פאַר אַלעמען גלייך מיט מיר. דעריבער, האָט פּרודאָן געשריבן, האָט די גערעכטיקייט זיך געפונען אין אויסדרוק אין די גאָר ערשטע רעליגיעס, צום ביישפּיל אין תורת משה, וועלכע האָט פאָרגעשריבן ליב צו האָבן גאָט מיטן גאַנצן האַרצן, מיט דער גאַנצער נשמה, מיט אַלע כחות, און ד ע ם נ אָ ע נ ט ן ו ו י ז י ך א ל י י ן (אין ספר טוביה, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז מען טאָר ניט טאָן צו אַנדערע דאָס, וואָס דו ווילסט ניט מען זאָל טאָן צו דיר). דאָס אייגענע האָבן אַרויסגעזאָגט די פּיטהאַגאָריער, עפּיקורוס און אַריסטאָטל, און דאָס אייגענע האָבן געפאָדערט די ניט־רעליגיעזע פילאָסאָפן, ווי גאַססענדי, האָבבס, בענטאַם, העלוועציוס א. אַז. וו. *

מיט איין וואָרט. מיר זעהען אומעטום, אַז דער יסוד פון גערעכטיקייט איז די ג ל י י כ ב א ר ע כ ט י ג ו נ ג, אָדער ווי פּרודאָן האָט געשריבן: וואָס איז שייך די געגנזייטיגע פּערזענליכע באַציאונגען, איז — „אָהן גלייכהייט ניטאָ קיין גערעכטיקייט“ (3טער טעיוד, ב. 1, 206).

צום באַדויערן באַמערקן ניט אַלע פאַרערער פון מאַכט און אפילו אויך די שטאַט־סאָציאַליסטן, אַט דעם גרונטזאַץ פון יעדער מאָראַל, און שטיצן נאָך אַלץ די נויטיקייט פון דעם שטאַטס אומגלייכהייט און אומגלייכבאַרעכטיגונג. און דאָך איז די ג ל י י כ־ ב א ר ע כ ט י ג ו נ ג געוואָרן דער יסוד פון אַלע פּרינציפּיעלע

---

* איך וויל בלויז צוגעבן, אַז מיר געפינען לחלוטין דאָסזעלביגע אין די רעגלען פון לעבן ביי אַלע ווילדע. (זע מיין ווערק „די געגנזייטיגע הילף.“)

דעקלאַראַציעס פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, (ווי זי איז אָנגענומען געוואָרן פריער אין דער דעקלאַראַציע פון די רעכט אין דער נאָרד אמעריקאַנער רעפּובליק). שוין די דעקלאַראַציע פון יאָר 1789 האָט פּראָקלאַמירט, אַז „די נאַטור האָט געשאַפן אַלע מענשן פרייע און גלייכבארעכטיגטע“. און דאַס אייגענע האָט ווידערהאָלט די דעקלאַראַציע פון 24טן יוני פון יאָר 1793.

די רעוואָלוציע האָט פּראָקלאַמירט די פּערזענליכע גלייכהייט און די גלייכהייט אין די פּאָליטישע און בירגערליכע רעכט, ווי אויך די גלייכהייט פארן געזעץ און געריכט. נאָך מער, זי האָט געשאַפן א נייע סאָציאַלע עקאָנאָמיע, אָנדערקענענדיג אַנשטאַט דעם פּערזענליכן רעכט דעם פּרינציפּ פון דער גלייכווערטיקייט פון די געגנזייטיגע דינסטן. *

דער תוך פון גערעכטיקייט איז די אַכטונג צו דעם חבר — דאָס האָט פּרודאָן פיל מאָל ווידערהאָלט. מיר ווייסן, האָט ער געשריבן, וואָס די גערעכטיקייט שטעלט מיט זיך פאָר; איר דעפיניציע קאָן מען צופירן צו דער פאָלגענדער פאָרמולע: „שעץ דעם חבר ווי זיך אליין, אפילו ווען דו קאָנסט אים ניט ליב האָבן, און דערלאָז ניט, אַז מען זאָל אים ווי דיך אליין ניט אַכטן“. „אָהן גלייכהייט איז ניטאָ קיין גערעכטיגקייט“. ** (ב. 1, ז. 204־206).

לײַדער איז דאָס נאָך ניטאָ ניט אין דער געזעצגעבונג, ניט אין געריכט, און א פּשיטא שוין ניט אין דער קירך.

---

* די פאָרמולע פון די קאָמוניסטן, האָט פּרודאָן מוסיף געווען: „יעדערן לויט זיינע באַדערפעניַשן, פון יעדערן לויט זיינע פיִאיקייטן“ קאָן אָנגעווענדט ווערן נאָר אין דער פאַמיליע. די סען־סימאָניסטישע פאָרמולע: „יעדערן לויט זיינע פיִאיקייטן, יעדער פיִאיקייט לויט אירע מעשים“ איז א פולשטענדיגע פארלייקענונג פון גלייכהייט אי פאַקטיש, אי גערעכטליך. אין דער פוריערסטישער געמיינדע ווערט אפילו אָנדערקענט דער פּרינציפּ פון געגנזייטיקייט, אָבער אין דער אָנווענדונג צו דער פּערזאָן האָט פוריע פארוואָרפן די גערעכטיקייט. בעת דער פּרינציפּ, וואָס ווערט פּראַקטיצירט פון דער מענשהייט משנים קדמוניות, איז פּשוטער און דער עיקר מער ווירדיג; עס ווערן אָפּגעשאַצט בלויז די פּראָדוקטן פון דער אַרבעט, וואָס באַליידיגט ניט די פּערזענליכע אייגנליבע, און די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע ווערט אַרונטערגעפירט צו דער פּשוטער פאָרמולע — אויסטויש.

**) פּרודאָן האָט דאָס געשריבן אין יאָר 1858. זינט דאַן האָבן א סך עקאָנאָמיסטן אָנגעוויזן דאָס אייגענע.

די פּאָליטישע עקאָנאָמיע האָט באַוויזן די רעזולטאַטן פון דער צעטיילונג פון דער אַרבעט פאַר דער פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקציע, וואָס איז, נאַטירליך נויטיג; און אין דער פּערזאָן פון ווייניגסטנס איינגע עקאָנאָמיסטן, צום ביישפּיל ראָססי, האָט זי אויך אָנגעוויזן, אַז דידאָזיגע צעטיילונג פון דער אַרבעט פירט צו אַ פאַרטעמפּונג פון דעם אַרבעטער און צו דער באַשאַפונג פון אַ קלאַס קנעכט. מיר זעהען אויף דעם אופן, אַז דער איינציגער מעגליכער אויסוועג פון דער לאַגע קאָן בלויז זיין די *געגנזייטיקייט פון די דינסטן*, אנשטאַט זייער *אונטערטעניקייט* פון איינע צו די אַנדערע (ב. 1, ז. 269) און ווי אַ נאַטירליכע פאָלגע — *די גלייכהייט פון די רעכט און די פאַרמעגנס*. אַזוי איז עס טאַקע באַהויפּטעט געוואָרן אין דער דעקלאַראַציע פונם קאָנווענט פון 15טן פעברואַר און 24טן יוני פון יאָר 1793, וואו עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די פרייהייט און גלייכהייט פון אַלעמען פאַרן געזעץ, און דידאָזיגע באַהויפּטונג האָט זיך ווידערהאָלט פון יעמאָלט אָן אין יאָר 1795, 1799, 1814, 1830 און 1848. פאַר פּרודאָנען איז די גערעכטיקייט ניט בלויז אַן *אָפּהאַלטענדע* געזעלשאַפטליכע קראַפט. זי איז פאַר אים אַ *שאַפנדע* קראַפט, ווי די פאַרנונפט און די אַרבעט. * באַמערקנדיג דערנאָך, ווי דאָס האָט שוין בעיקאָן גע־

* דער מענש איז אַ באַשעפעניש „אַ פאַרנינפטיגע און אַן אַרבעטענדע, די פלייסיגסטע און געזעלשאַפטליכסטע באַשעפעניש, וואָס איר הויפּט שטרעבונג איז ניט ליבע, נאָר געזעץ, וואָס איז העכער איידער ליבע. דערפון באַקומט זיך די העלדישע זעלבסטאָפּפערונג פאַר דער וויסנשאַפט, פון וועלכער די מאַסן האָבן קיין השגה ניט; דערפון ווערן געבוירן די מאַרטירער פון אַרבעט און אינדוסטריע, וועגן וועלכע עס שווייגן די ראָמאַנען און דער טעאַטר; דערפון נעמען זיך די ווערטער: „שטאַרבן פאַרן פאַטערלאַנד“. לאָזט מיך בויגן דעם קאָפּ פאַר אייך, איר, וועלכע האָט געקאָנט רעוואָלטירן און שטאַרבן אין 1789, 1792 און 1830. איר האָט זיך צוגעבונדן צו דער פרייהייט און איר זייט מער לעבעדיג איידער מיר, וואָס האָבן זי פאַרלאָרן. געבערן אַ אידייע, אַרויסברייגגען אַ בוך, אַ פּאָעמע, אַ מאַשין; מיט איין וואָרט, אַרויסברייגגען, ווי די חברים־אַרבעטער אין פאַך זאָגן, אַ הויפּט־ווערק, אַ שעדעוור; לייסטן אַ דינסט דעם אייגענעם לאַנד און דער מענשהייט. ראַטעווען דאָס לעבן פון אַ מענשן, טאָן אַ גוטע זאַך און פאַרריכטן אַן אומגערעכטיקייט — דאָס אַלץ הייסט זיך ווידערשאַפן אין געזעלשאַפטליכן לעבן, ענליך צו דער ווידערשאַפונג אין אָרגאַנישן לעבן. דעם מענשנס לעבן גרייכט זיין פולקייט, ווען עס באַפרידיגט די פאָלגענדע באַדינגונגען: דער ליבע — קינדער, פאַמיליע;

זאָגט, אַז דער ג ע ד אַ נ ק ו ו ע ר ט ג ע ב ו י ר ן פֿ ו ן מ ע ש י ם, און אָפּגעבנדיק דעריבער אַ רײ אויסגעצייכנטע זייטלאַך פֿאַר דער באַשרײַבונג וועגן דער נויטיקייט פֿון האַנט־אַרבעט און אויסלערנען אַ מלאכה אין דער שולע ווי אַ מיטל צו פֿאַרטיפֿן אונזער וויסנשאַפֿטלעכע בילדונג — האָט פּרודאָן באַטראַכט די גערעכטיקייט אין אירע פֿאַרשיידענע אָנווענדונגען: בשייכות צו דער פּערזענלעכקייט, אין דער פֿאַרטיילונג פֿון רײַכטום אין דער מלוכה, אין דער בילדונג און אין דעם געדאַנקען־גאַנג.

פּרודאָן האָט געמוזט אײַנזען, אַז פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון גערעכטיקייט אין די מענטשלעכע געזעלשאַפֿטן פֿאָדערט זיך באמת אַ געוויסע צײַט: עס איז נויטיק אַ הויכע אַנטוויקלונג פֿון אידעאַלן און אַ געפֿיל פֿון סאָלידאַריטעט מיט אַלע מענטשן, אָבער דאָס ווערט דערגרייכט ערשט דורך אַ לאַנגער אינדיווידועלער און סאָציאַלער עוואָלוציע. צו אָט דער פֿראַגע וועלן מיר נאָך זיך אומקערן אין צווייטן באַנד פֿון אָט דעם ווערק. דאָ וויל איך נאָר צולייגן, אַז אין דעמדאָזיקן גאַנצן טייל פֿון זײַן בוך און אויך אין דעם שלום וואָרט, וואו פּרודאָן קלײַבט פֿאַנאַנדער די פֿראַגע, אין וואָס באַשטייט די סאַנקציע פֿון דעם באַגריף וועגן גערעכטיקייט, איז פֿאַנאַנדערגעשאָטן אַ מענגע אידייען, וועלכע וועקן דעם מענטשנס געדאַנק. דאָס איז איבערהויפּט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַלץ וואָס פּרודאָן האָט געשריבן, און דערויף האָט שוין הערצען אָנגעוויזן, ווי אויך פֿילע אַנדערע.

מיט אַלעם דעם האָט פּרודאָן אין זײַנע אויסגעצייכנטע ווערטער וועגן גערעכטיקייט דאָך ניט גענוג אָנגעמערקט דעם אונטערשייד צווישן די צוויי זינען, וואָס ווערן אין דער פֿראַנצויזישער שפּראַך צוגעגעבן דעם וואָרט גערעכטיקייט — ז ש י ס ט י ס. איין זין פֿון דעם וואָרט איז גלײַכהייט, אויסגלײַכונג, אין איר מאַטעמאַטישן זין (עקוואַסיאָן). דער אַנדער זין אָבער איז — די פֿ ו נ ק צ י ע פֿון גערעכטיקייט, ד. ה. דאָס געריכט און דער געריכטלעכער

דער אַרבעט — אינדוסטריעלע ווידערשאַפֿונג, און דער געזעלשאַפֿטלעכקייט — די גערעכטיקייט, ד. ה. דאָס טייל נעמען אין דעם לעבן פֿון דער געזעלשאַפֿט און אין דעם פּראָגרעס פֿון דער מענטשהייט". (עטיוד 5, קאַפּיטל 5, באַנד 2, ז. 128־130.)

באשלום, און אפילו דאָס פּויסט־רעכט. פאַרשטייט זיך, ווען מען רעדט וועגן גערעכטיקייט אין עטיק ווערט עס פאַרשטאַנען נאָר אין איר ערשטן זין; פּרודאָן אָבער האָט אָפטמאָל געברויכט דאָס וואָרט גערעכטיקייט אין זיין צווייטער באַדייטונג. דעריבער וואָרשיינליך האָט ער זיך ניט גענומען די מיע אויסצופאָרשן די אָפּשטאַמונג פון דעמדאָזיגן באַגריף אין דעם מענטשן, אויף וועלכער ליטעראַטור האָט שפּעטער געצויגן אויפמערקזאַמקייט, ווי מיר וועלן דאָס זען ווייטער.

אַלענפאַלס, זינט עס איז דערשינען פּרודאָנס ווערק „די גערעכטיקייט אין דער רעוואָלוציע און אין דער קירך" איז שוין אוממעגלאַך צו בויען די עטיק ניט אָנדערקענענדיג די גלייכבאַרעכטיגונג, די גלייכהייט פון אַלע בירגער אין זייערע רעכט ווי א יסוד פון עטיק. הפּנים אַז טאַקע דעריבער ווערט אָט די אַרבעט פּרודאָנס פון אַלעמען גלייך פאַרשוויגן, אַזוי אַז נאָר יאַדל האָט קיין מורא ניט געהאַט זיך צו קאָמפּראָמעטירן, איינטיילנדיג דעם פראַנצויזישן רעוואָלוציאָנער אַן אַנגעזעהענעם פּלאַץ אין זיין געשיכטע דער עטיק. אמת, אין די דריי בענד, וואָס פּרודאָן האָט געווידמעט דער גערעכטיקייט, געפינען זיך א סך זייטיגע זאַכן, א סך פּאָלעמיק מיט דער קירך (דער נאָמען פון בוך, „די גערעכטיקייט אין דער רעוואָלוציע און אין דער קירך" באַרעכטיגט דאָס אפילו, דערהויפּט נאָך דערפאַר, וואָס עס האַנדלט זיך וועגן גערעכטיקייט ניט אין דער קירך, נאָר אין קריסטנטום און בכלל אין די רעליגיעזע לערען וועגן מאָראַל); עס זיינען אויך פאַראַנען צוויי עטיודן וועגן דער פרוי, מיט וועלכע די מערהייט פון היינטיגע שרייבער קאָן נאַטירליך ניט איינשטימען; און ענדליך איז דאָרט פאַראַנען א היפּש ביסל רייד וועגן זייטיגע ענינים, ניט קיין איבעריגע, אָבער זיי פאַרשטעלן דעם געדאַנקענגאַנג. מיט אָט די אַלע חסרונות אָבער האָבן מיר ענדליך אין פּרודאָנס ווערק א פאָרשונג, וואו די גערעכטיקייט (אויף וועלכער עס האָבן שוין אָנגעוויזן א סך דיינקער, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער פראַגע וועגן מאָראַל) איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אויף איר געהעריגן פּלאַץ, וואו עס ווערט ענדליך אַרויסגעזאָגט, אַז די גערעכטיקייט מיינט די אָנדערקענונג פון גלייכבאַרעכטיגונג און די שטרעבונג צו מענשליכער גלייכ־

הײַט, און אַז זי איז דער הויפּט יסוד פון אַלע מאָראַלע באַגריפן.

די עטיק איז שוין לאַנג געגאַנגען צו אַט דער אַנדערקענונג. זי איז אָבער ביז דער איצטיגער צײַט אַזוי צונויפגעבונדן געווען מיט דער רעליגיע, און לעצטנס מיט דעם קריסטנטום, אַז קיינער פון פּרודאָנס פאָרגייגער האָט דאָס ניט אַרויסגעזאָגט אין איר גאַנצער פולקייט.

לסוף מוז איך נאָך אָנווייזן, אַז בײַ פּרודאָנען, אין זײַן ווערק „די גערעכטיקייט אין דער רעוואָלוציע", געפינט זיך שוין אַן אָנדייטונג אויף דעם דרייפאַכיגן כאַראַקטער פון דאָס מאָראַלע. ער האָט אָנגעוויזן אין דעם ערשטן באַנד — הגם בלויז פאַרבײַלויפנדיק, אין עטליכע שורות — אויף דעם אורשפּרינגליכן קוואַל פון מאָראַליטעט: די געזעלשאַפטליכקייט, וואָס איז שוין אייגנטימליך אפילו פאַר די טירן. און ער האָט אָנגעוויזן ווייטער, צום סוף פון זײַן ווערק, אויף דעם דריטן גרונט־עלעמענט פון יעדער מאָראַל, סײַ דער וויסנשאַפטליכער, סײַ דער רעליגיעזער: אויף דעם אידעאַל. ער האָט ניט באַוויזן וואו עס ליגט דער פאַנאַנדערטיילנדער שטריך צווישן דער גערעכטיקייט, וואָס זאָגט: „גיב וויפיל עס קומט" (וואָס פירט אויף דעם אופן צו אַ מאַטעמאַטישן אויסגלײַך), און דאָס, וואָס אַ מענש גיט דעם אַנדערן אָדער אפילו אַלעמען „מער וויפיל עס קומט", ניט וועגנדיק אויפן וואָגשאָל וויפיל ער האָט באַקומען און וויפיל ער האָט געגעבן — אַ פּונקט, וואָס לויט מײַן מיינונג מאַכט אויס אַ נויטווענדיקן באַשטאַנדטייל פון דאָס מאָראַלע. ער האָט שוין אָבער אײַנגעזען די נויטיקייט צו דערגענצן די גערעכטיקייט דורך דעם אידעאַל, ד. ה. דורך דער שטרעבונג צו אידעאַלע האַנדלונגען, וועלכע מאַכן, לויט מײַן מיינונג, אַז אונזערע באַגריפן גופא וועגן גערעכטיקייט ווערן שטענדיק אויסגעברייטערט און פאַרפײַנערט. דער אמת איז, אַז נאָך אַלעם דעם וואָס די מענשהייט האָט איבערגעלעבט זינט די אַמעריקאַנישע און די צוויי פראַנצויזישע רעוואָלוציעס, זײַנען אונזערע באַגריפן וועגן גערעכטיקייט שוין ניט דיזעלבע ווי זיי זײַנען געווען בײַם סוף 18טן י. ה., ווען די לײַבאייגנשאַפט און די קנעכטשאַפט האָבן קיין איין פּראָטעסט ניט אַרויסגערופן אפילו פון דער זײַט פון די פאָרטגעשריטענע דענקער, וועלכע האָבן געשריבן וועגן מאָראַל.

איצטער שטייט אונז פאר צו באטראכטן א ריי ארבעטן וועגן עטיק פון דיינקער, וואס שטייען אויף אן עוואלוציאנערן שטאנד־פונקט און נעמען אן דארווינס טעאריע וועגן דער אנטוויקלונג פון גאנצן ארגאנישן לעבן, ווי אויך פון דעם געזעלשאפטליכן לעבן פון מענשן. דא וואלט געדארפט אריינגיין א גאנצע ריי ארבעטן פון די היינטיגע דיינקער, היות ווי כמעט ביי אלעמען, וואס האבן געשריבן וועגן עטיק אין דער אנדער העלפט פון 19טן י. ה., האט זיך ארויסגעוויזן דער איינפלוס פון דער טעאריע פון עוואלוציע, וואס האט שנעל באצוואונגען די געדאנקען נאכדעם ווי זי איז אזוי גענוי באארבעט געווארן פון דארווינען בנוגע דער ארגאנישער נאטור.

אפילו ביי א סך פון די, וואס האבן ניט געשריבן ספעציעל וועגן דער אנטוויקלונג פונם מאראלן געפיל אין דער מענשהייט, געפינען מיר אנווייזונגען אויף דער שטופנארטיגער אנטוויקלונג פון דעמדא־זיגן געפיל אין פארבינדונג מיט דער אנטוויקלונג פון אנדערע באגריפן — גייסטיגע, וויסנשאפטליכע, רעליגיעזע און פאליטישע — און בכלל פון אלע פארמען פון געזעלשאפטליכן לעבן. דארווינס אנטוויקלונגס טעאריע האט אויף דעם אופן געהאט אן אומגעהויערע און אנטשליסענדע באדייטונג פאר דער אנטוויקלונג פון דער מאדערנער רעאלער עטיק, אדער לכל הפחות אויף באזונדערע טיילן פון איר. אבער איך וועל דא זיך באגרעניצן מיט דעם אנאליז פון די ארבעטן פון בלויז די הויפט פארשטייער פון דער עוואלוציאניס־טישער עטיק — פון הערבערט ספענסער, פון האקסלעי, דעם די־רעקטן באהעלפער דארווינס, וועמען דארווין האט אויסגעקליבן צו פאפולאריזירן זיינע אנשויאונגען, און פון מארק גיא; הגם עס איז פאראן א גאנצע ריי פון זייער ווערטפולע ארבעטן איבער עטיק, וואס זיינען געמאכט געווארן אין דעמזעלביגן עוואלוציאניסטישן גייסט, ווי צום ביישפיל וועסטערמארקס גרויסע ארבעט „דער אורשפרונג און אנטוויקלונג פון די מאראלע אידייען, (ענגליש), באסטיאנס „דער מענש אין דער געשיכטע" (דייטש), גיזשיצקים און אנדערע, שוין ניט צו ריידן פון די ניט־אריגינעלע ווערק, ווי קידד׳ס אדער סאטערלאנד׳ס, אדער וועגן די פאפולערע ווערק, וואס זיינען געשריבן געווארן מיטן צוועק פון פראפאגאנדא פון סאציאליסטן — פון סא־ציאל דעמאקראטן און אנארכיסטן.

דאַרווינס טעטיק האָב איך שוין באַשריבן אין דריטן קאַפּיטל פון אָט דעם ווערק. בקיצור קאָן מען זי אויסדריקן ווי פאָלגט: — מיר ווייסן אַז אין מענשן עקזיסטירט אַ מאָראַלער געפיל, און עס שטעלט זיך אויף גאַנץ נאַטירליך די פראַגע וועגן זיין אַנטשטייאונג. אַז יעדער איינער פון אונז באַזונדער זאָל האָבן דערוואָרבן דעמדאָזיגן געפיל פאַר זיך — שיקט זיך זייער ווייניג, איינמאָל אַז מיר נעמען אָן די אַלגעמיינע טעאָריע פון דעם מענשנס שטופנאַרטיגער אַנטוויקלונג. אין דער ווירקליכקייט מוז מען טאַקע זוכן די אַנטשטייאונג פון דעמדאָזיגן געפיל אין דער אַנטוויקלונג פון די געפילן פון געזעלשאַפטליכקייט — די אינסטינקטיווע אָדער מיט־געבוירענע — ביי אַלע געזעלשאַפטליכע טירן און אויך ביים מענשן. צוליב אָט די געפילן איז דער חיה אַנגענעם צו זיין אין דער געזעלשאַפט פון אירע אייגענע, צו פילן אַ געוויסן מיטגעפיל מיט זיי און זיי אַרויסווייזן געוויסע דינסטפאַרטיקייטן; דערביי מוז מען אָט דעם מיטגעפיל (די סימפּאַטיע) פאַרשטיין ניט אין דעם זין פון מיטלייד אָדער ליבע, נאָר אין דעם גענויעם זין פונם וואָרט, ווי אַ געפיל פון חבר׳שאַפט, ווי אַ פילן צוזאַמען — די פעיאיקייט זיך אַנצושטעקן מיט דעם אַנדערנס געפילן.

אָט דער געפיל פון סאָציאַלער סימפּאַטיע, וואָס האָט זיך ביס־לאַכוויַיז אַנטוויקלט צוזאַמען מיט דער קאָמפּליצירטקייט פונם געזעלשאַפטליכן לעבן, ווערט אַלץ מער פאַרשיידנאַרטיג, פאַרנונפטיג און פריי אין זיינע מאַניפעסטאַציעס. ביים מענשן ווערט דער געפיל פון סאָציאַלער סימפּאַטיע דער מקור פון דער מאָראַל. אויף וועלכן אופן אָבער אַנטוויקלען זיך פון אים די מאָראַלע באַגריפן? אויף אָט דער פראַגע ענטפערט דאַרווין אַזוי צו זאָגן: דער מענש באַזיצט אַ זכרון און די פעיאיקייט נאָכצודיינקען. איז אַזוי, ווען דער מענש הערט זיך ניט צו צו דער שטים פון דעם געפיל פון דער סאָציאַלער סימפּאַטיע, נאָר פאָלגט עפּעס אַנאַנדערן געגנגעזעצטן געפיל, ווי למשל דעם געפיל פון שנאה צו אַנדערע, לעבט דער מענש איבער, נאָך דעם קורצן פאַרגעניגן אָדער באַפרידיגונג פון יענעם געפיל, אַ געוויסע אינערליכע אומבאַפרידיגונג און אַ שווערן געפיל פון חרטה. אַמאָל טרעפט, אַז אפילו אין דעם מאָמענט פון דעם אינערליכן קאַמף אין דעם מענשן צווישן דעם געפיל פון סאָציאַלער סימפּאַטיע און די געגנגעזעצטע נייגונגען ווייזט דער שכל געביטע־

ריש אַן אויף דער נויטיקייט צו פאָלגן דעם געפיל פון סאָציאַלער סימפּאַטיע און מאָלט אויס די פאָלגן און די רעזולטאַטן פון דער האַנדלונג. אין אַזאַ פאַל ווערט די איבערלייגונג וועגן דעם און דאָס באַוואוסטזיין, אַז מען דאַרף פאָלגן דעם געבאָט פון דעם געפיל פון סאָציאַלער סימפּאַטיע און ניט די געגנגעזעצטע שטרעבונגען, א באַוואוסטזיין פון פ ל י כ ט, א באַוואוסטזיין פון דאָס, וואָס א מענש מוז טאָן. יעדע חיה, אין וועלכער די אינסטינקטן פון געזעל־שאַפטליכקייט זיינען שטאַרק אַנטוויקלט, אריינרעכענענדיג דעריין אויך די עלטערנליכע און קינדערליכע אינסטינקטן, וואָלט אומפאַר־מיידליך באַקומען א מאָראַלן געפיל אָדער געוויסן, אויב אירע גייס־טיגע פייאיקייטן זאָלן נאָר זיין אַזוי אַנטוויקלט ווי ביים מענשן. *

שפּעטער, אויף א וויטערדיגער שטופע פון אַנטוויקלונג, ווען דאָס געזעלשאַפטליכע לעבן פון מענשן גרייכט שוין א הויכן גראַד, דינט די ג ע ז ע ל ש א פ ט ל י כ ע מ י י נ ו נ ג ווי א שטאַרקע שטיצע צו דעם מאָראַלן געפיל, אָנווייזנדיג ווי מען דאַרף האַנדלען צום נוצן פון כלל. דיזאָזיגע מיינונג איז גאָרניט קיין ווילקירליכע אויסטראַכטעניש פון דער קאָנווענציאָנעלער ערציאונג, ווי דאָס האָבן באַהויפּטעט גאַנץ לייכטזיניג מ א נ ד ע ו ו י ל און זיינע מאָדערנע נאָכפאָלגער, נאָר זי שטעלט פאָר דעם רעזולטאַט פון די געגנזייטיגע מיטגעפילן און געגנזייטיגע פאַרבינדונגען, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין דער געזעלשאַפט. ביסלאַכוויז ווערן אַזוינע האַנדלונגען צום נוצן פון כלל אַן איינגעשטעלטע געוויינ־הייט.

די וויטערדיגע באַטראַכטונגען דאַרווינס וועגן דער אַנטוויק־לונג פון מאָראַל ביים מענשן וועל איך דאָ ניט איבערחזרן, היות ווי איך האָב זיי שוין באַשריבן אין דעם דריטן קאַפּיטל פון אָט דעם ווערק. איך וויל נאָר אָנווייזן, אַז דאַרווין האָט אויף דעם אופן זיך אומגעקערט צו דער אַנשויאונג, וואָס בעיקאָן האָט שוין אַרויסגע־זאָגט אין זיין ווערק „אינסטאַוראַציאָ מאַגנאַ.“ אויבן האָב איך שוין געזאָגט, אַז בעיקאָן האָט דער ערשטער אָנגעוויזן, אַז דער גע־זעלשאַפטליכער אינסטינקט איז „פיעל מעכטיגער“ איידער דער

* דאַרווין, „די אָפּשטאַמונג פונם מענשן“, קאַפּיטל 4.

פּערזענליכער אינסטינקט. צו דעמזעלביגן שלוס איז אויך געקומען, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזען, הוגאָ גראָציוס. *

בעקאַנט און דאַרווינס אידייען וועגן דער גרעסערער קראַפט פון דעם געזעלשאַפטליכן זעלבסטדערהאַלטונג אינסטינקט, צוליב זיין באַשטענדיקייט און פאַרהערשאַפט, אין פאַרגלייך מיט דעם אינסטינקט פון דער פּערזענליכער זעלבסטדערהאַלטונג. וואַרפן אַזאַ קלאָרן ליכט אויף די פריע פעריאָדן פון דער מאָראַל אנטוויקלונג אין דעם מענשליכן מין, אז די אידייען האָבן דאַכט זיך געדאַרפט ווערן די גרונט־אידייען פאַר אַלע נייעסטע ווערק איבער עטיק. אין דער ווירקליכקייט אָבער זיינען אָט די אנשויאונגען פון בעיקאָן און דאַרווין געבליבן כמעט אומבאמערקט. ווען איך, צום ביישפּיל, האָב גערעדט אין ענגלאַנד מיט נאַטורפאָרשער דאַרוויניסטן וועגן דאַרווינס עטישע אידייען, האָבן אַ סך זייערע געפרעגט: „האָט דאַרווין דען געשריבן עפּעס וועגן עטיק?“ אנדערע ווידער האָבן געמיינט, אז איך רייד דאָס וועגן דעם „אומדערבאַרמליכן קאַמף פאַר עקזיסטענץ“ ווי וועגן דעם גרונט־פּרינציפּ פון דעם לעבן פון די מענשליכע געזעלשאַפטן, און זיינען אַלעמאָל געווען זייער פאַרוואונדערט, ווען איך האָב זיי אָנגעוויזן, אז דאַרווין האָט דערקלערט די אנטשטייאונג פון דעם געפיל פון מאָראַלער פליכט ביים מענשן דורך דער פאַרהערשאַפט פון דעם געפיל פון סאָציאַלער סימפּאַטיע איבער דעם פּערזענליכן עגאָאיזם. פאַר זיי איז דער דאַרוויניזם באַשטאַנען אין

---

* ביי ספּינאָזאַ'ן איז אויך דאָ אן אָנווייזונג אויף דער געגענזייטיגער הילף ביי חיות (Mutuum juventum) ווי אויף אַ וויכטיגן שטריך פון זייער געזעלשאַפטליכן לעבן. ווייבאַלד אָבער אז אַזאַ אינסטינקט עקזיסטירט ביי חיות, איז קלאָר, אז אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ האָבן יענע מינים געהאַט מער מעגליכקייט אויסצוהאַלטן די שווערע באַדינגונגען פונם לעבן און לאָזן נאָך זיך אַ נייעם דור, וועלכע האָבן דעמדאָזיגן אינסטינקט אַממערסטן פּראַקטיצירט. דעריבער אויך האָט ער געמוזט אומפאַרמיידליך אַלץ מער און מער זיך אנטוויקלען, און נאָך מער דערפאַר, וואָס מיט דער אנטוויקלונג פון דער שפּראַך, און ממילא דורך דער טראַדיציע, האָט זיך אנטוויקלט דער איינפלוס פון די מער באַאָבאַכטענדיגע און מער דערפאַרענע מענשן. עס איז נאַטירליך, אז אונטער אַזעלכע באַדינגונגען האָט צווישן זייער פילע מענשן־ענליכע מינים, מיט וועלכע דער מענש האָט געקעמפט פאַר זיין לעבן, אריבערגעלעבט יענער מין אין וועלכן דער געפיל פון געגנזייטיגער שטיצע איז געווען שטאַרקער אנטוויקלט, ביי וועמען דער געפיל פון געזעלשאַפטליכער זעלבסטדערהאַלטונג האָט געהאַט די איבערהאַנט איבער דעם געפיל פון דער פּערזענליכער זעלבסטדערהאַלטונג, וואָס האָט מאַנכעסמאָל געקאָנט ווירקן לרעה צו דעם שטאַם אָדער דעם פאָלק.

דעם קאמף פאר עקזיסטענץ פון יעדערן אנטקעגן אלעמען, און צוליב דעם האבן זיי ניט באמערקט דאס איבעריגע. *

מער ווי אלץ האט זיך אט דער באגריף פון „דארוויניזם" אפּ־געשפיגלט אויף דארווינס הויפט תלמיד — ה א ק ס ל ע י, וועמען ער האט אויסדערוויילט פאר דער פּאפּולאריזאציע פון זיינע שלוסן בנוגע דער פארענדערליכקייט פון די מינים.

דערדאזיגער גלענצענדער עוואלוציאניסט, וואס האט אזויפיל אויפגעטאן צו באשטעטיגן דארווינס לערע וועגן דער שטופנארטי־גער אנטוויקלונג פון די ארגאנישע פארמען אויף דער ערד און צו פארשפּרייטן די לערע ווייט און ברייט, האט זיך ארויסגעוויזן לגמרי אומפּייאיג נאכצופאלגן זיין גרויסן לערער אויפן געביט פון דער מאראל־לערע. ווי באקאנט, האט האקסלעי באשריבן זיינע אנשווי־אונגען אויף דעם געביט ניט לאנג פאר זיין טויט, אין זיין לעקציע „עוואלוציע און עטיק", וועלכע ער האט געהאלטן אין אקספארד אוניווערזיטעט אין יאר 1893. ** עס איז אויך באקאנט דורך האק־סלעי'ס קארעספּאנדענץ, וואס זיין זון האט ארויסגעגעבן, אז ער האט צוגעגעבן א גרויסע באדייטונג דערדאזיגער לעקציע, וועלכע ער האט אויסגעארבעט מיט גרוים ישוב הדעת. די פרעסע האט אויפגענומען דידאזיגע לעקציע ווי א מין אגנאסטישן מאני־פעסט *** און די מערסטע ענגלישע לעזער האבן געקוקט אויף

* אין איינעם פון זיינע בריף, איך געדיינק ניט צו וועמען, האט דארווין געשריבן: „דערויף האט מען ניט געשיינקט קיין אויפמערקזאמ־קייט, מסתמא דערפאר וואס איך האב צו קורץ געשריבן וועגן דעם". דאס האט טאקע פּאסירט מיט דעם, וואס ער האט געזאגט וועגן עטיק, און איך מוז צוגעבן — מיט פילעם, וואס ער האט געשריבן בנוגע דעם לאמארקיזם. אין אונזער צייט פון קאפּיטאליזם און מסחר האט דער „קאמף פאר עקזיסטענץ" אזוי פארענטפערט די פאדערונגען פון דער מערהייט, אז ער האט פארשטעלט אלע איבעריגע פונקטן.

** זי איז ארויסגעגעבן געווארן דעמזעלביגן יאר אין א בראשור מיט דורכגעארבעטע און זייער מערקווירדיגע באמערקונגען. שפּעטער האט האקסלעי נאך צוגעשריבן א דערקלערנדע איינלייטונג צו דער לעקציע, און אזוי איז זי אריין אין זיינע „געזאמעלטע עססיים", ווי אויך אין זיינע „עטישע און פאליטישע עססיים", פון מאקמילאנ'ס ביליגער אויס־גאבע, 1903.

*** דאס ווארט „אגנאסטיק" איז צום ערשטן מאל איינגעפירט געווארן אין געברויך פון א קליינער גרופּע אומגלויביגע שרייבער, וועלכע פלעגן זיך צונויפקלייבן בא דזשיימס נאולס, דעם רעדאקטאר פון דעם זשורנאל „ניינטינטה סענטיורי", און האבן פארגעצויגן דעם נאמען „אגנאסטיקער", ד. ה. וואס לייקענען די מעגליכקייט פון וויסן, איידער דעם נאמען אטעאיסטן.

איר ווי אויף דאָס לעצטע וואָרט, וואָס די מאָדערנע וויסנשאַפט קאָן זאָגן וועגן די פּרינציפּן פון מאָראַל, ד. ה. וועגן דעם ענדליכן ציל פון אַלע פילאָסאָפישע סיסטעמען. מען מוז אויך זאָגן, אַז דער דאָזיגער אָפּהאַנדלונג וועגן עוואָלוציע און עטיק איז צוגעגעבן געוואָרן אַזאַ באַדייטונג, ניט נאָר דערפאַר וואָס אין איר האָט אויסגעדריקט זײַנע איבערצײַיגונגען איינער פון די פירער פון וויסנשאַפטליכן געדאַנק, וואָס האָט זײַן גאַנצן לעבן געקעמפט פאַר דער אַנדערקענונג פון דער אַנטוויקלונג־פילאָסאָפיע, און ניט נאָר דערפאַר, וואָס זי איז געווען געשריבן אין אַזאַ באַאַרבעטער פאָרם, אַז מען האָט זי געהאַלטען פאַר איינער פון די בעסטע מוסטערן פון ענגלישער פּראָזאַ; נאָר דער עיקר דערפאַר וואָס זי האָט אויסגעדריקט פּונקט אַזוינע אַנשויאונגען אויף דער מאָראַל, וועלכע הערשן איצטער צווישן די געבילדעטע קלאַסן פון אַלע פעלקער, וועלכע האָבן זיך אַזוי טיף אײַנגעוואָרצלט און רעכענען זיך אַזוי אומבאַשטרײַטבאַר, אַז מען קאָן זיי אָנרופן די ר ע ל י ג י ע פון אָט די קלאַסן.

דער הערשנדער געדאַנק, דער לייטנדער מאָטיוו פון דעראָזיגער פאָרשונג, וואָס דרינגט דורך דער גאַנצער אָפּהאַנדלונג, באַשטייט אין פאָלגענדן:—

עס עקזיסטירט אַ „קאָסמישער פּראָצעס", ד. ה. אַ וועלט־לעבן, און עס עקזיסטירט אַ עטישער פּראָצעס, ד. ה. אַ מאָראַל־לעבן, און ביידע זײַנען לחלוטין געגנגעזעצט איינע צו די אַנדערע, איינס פאַרלייקנט דאָס אַנדערע. דעם קאָסמישן פּראָצעס איז אונטערוואָרפן די גאַנצע נאַטור, וואָס שליסט אײַן די געוויקסן, די לעבעדיגע ברואים און דעם פּרימיטיווון מענטשן; און אָט דער פּראָצעס איז געפאַרבט מיט בלוט, אין אים טריאומפירט די קראַפט פון שטאַרקן שנאָבל און שאַרפע נעגל. ער איז די פאַרניינונג פון אַלע מאָראַל פּרינציפּן. „ליידן איז דער גורל פון דעם גאַנצן מין פילנדע באַשעפענישן"; דאָס מאַכט אויס „דעם עצם באַשטאַנד־טייל פון קאָסמישן פּראָצעס".

„די מעטאָדן פון קאַמף פאַר עקזיסטענץ, וואָס זײַנען אייגנטימליך דעם טיגער און דער מאַלפּע" — זײַנען די ריכטיגע גרונטשטריכן פון דעמדאָזיגן פּראָצעס.

„אין דער מענשהייט (דער פּרימיטיווער) זײַנען די זעלבסט־

באהויפטונג, דאָס צונעמען פאר זיך אַלץ וואָס מען קאָן פארכאַפּן, דאָס פעסטהאַלטן אַלץ וואָס לאָזט זיך האַלטן, וועלכע שטעלן צונויף דעם עצם פון דעם קאַמף פאר עקזיסטענץ, געווען די צוועקמעסיגע מיטלען." און אזוי ווייטער אויף דעמזעלביגן שטייגער. מיט איין וואָרט, די לעקציע, וואָס די נאַטור לערנט, איז א לעקציע פון „אבסאָלוט שלעכטס".

אלזא, בייזעס און אוממאָראַליטעט — דאָס איז אַלץ, וואָס מיר קאָנען זיך אָפּלערנען פון דער נאַטור. ניט שייך צו זאָגען, אז אין דער נאַטור זאָל דאָס שלעכטע און דאָס גוטע מער אָדער וויניגער זיך אויסגלייכן: ניין, דאָס שלעכטע איז גובר און טריאומפירט. פון דער נאַטור קאָנען מיר אפילו זיך ניט אָפּלערנען, אז געזעלשאַפטליכקייט און די זעלבסטבאשריינקונג פון דער פערזאָן זיינען מעכטיגע וואָפּן פון ערפאָלג אין דעם קאָסמישן פּראָצעס פון עוואָלוציע. אזא אויסטייטשונג פון לעבן האָט האקסלעי אבסאָלוט אפּגעלייקנט אין זיין לעקציע; ער האָט דורכאויס געזוכט צו באַווייזן, אז „די קאָסמישע נאַטור איז כלל ניט קיין שולע פון טוגנד, נאָר די הויפט קוואַרטיר פון דעם עטישן שונא" (זייט 27 פון דער בראָשור דאָס לעבן, וואָס מיר וואָלטן עטיש אָנגערופן א בעסערעס — דאָס, וואָס מיר רופן אָן גוטעכ און וואוילטאַט — זעצט פאָראויס א האַנדלונג, וועלכע איז אין אַלע הינזיכטן דער היפך פון דאָס, וואָס פירט צו אַן ערפאָלג אין דעם קאָסמישן קאַמף פאר עקזיסטענץ... דאָס עטישע פארלייקנט דעם גלאַדיאַטאָרישן אַרט לעבן (ז. 33).

מיט אמאָל אבער, אינמיטן פון אָט דעם קאָסמישן לעבן, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַן אומענדליכע צאָל יאָרטויזנטער און האָט די גאַנצע צייט געגעבן לעקציעס פון קאַמף און אוממאָראַליטעט — אָהן קיין שום נאַטירליכער אורזאַך באַווייזט זיך פלוצלונג, מען ווייס ניט פונוואַנען, אַן „עטישער פּראָצעס", ד. ה. א מאָראַליש לעבן, וואָס איז דעם מענשן אריינגעגעבן געוואָרן שוין אין די שפּעטיגערע פעריאָדן פון זיין אנטוויקלונג. מען ווייס ניט פון וועמען אָדער פון וואָס אָבער על כל פנים ניט פון דעם לעבן פון דער נאַטור. „די קאָסמישע עוואָלוציע", שטרייכט אונטער האקסלעי, „איז ניט אימשטאַנד צו געבן קיין איין ארגומענט, כדי צו באַווייזן, אז דאָס, וואָס מיר רופן אָן גוטעס, האָט א וועלכן עס איז פאָרצוג איבער דאָס, וואָס מיר רופן אָן שלעכטס" (ז. 31). און פונדעסט־

וועגן הויבט זיך אָן אין דער מענשליכער געזעלשאַפט, מען ווייס ניט פאַרוואָס, א „סאָציאַלער פּראָגרעס“, וועלכער מאַכט ניט אויס קיין טייל פון דעם „קאָסמישן פּראָצעס“ (ד. ה. פון דעם וועלט־לעבן), נאָר „שטעלט פאָר אויף יעדן שריט אַן אָפּהאַלט פון דעם קאָסמישן פּראָצעס און פאַרבייט אים אויף עפּעס אַנדערעס, וואָס מען קאָן אָנרופן אַן עטישער פּראָצעס (א מאָראַליש לעבן); און ווי אַ רעזולטאַט פון אָט דעם פּראָצעס באַקומט זיך, *ניט דאָס לעבן־בלייבן פון די, וועלכע האָבן צופעליג זיך ארויסגעוויזן צו זיין די העכסט צוגעפּאַסטע בשייכות צו די עקזיסטירנדע אומשטענדן, נאָר דוקא פון די, וועלכע זיינען עטיש (מאָראַליש) בעסער*“ (ז. 33). פאַרוואָס, פונוואַנען נעמט זיך אָט די פּלוצימדיגע רעוואָלוציע אין די דרכי הטבע, וואָס פירט צו אַן אָרגאַנישן פּראָגרעס, ד. ה. צו א פאַרפאָלקאָמענונג פונם געבוי? וועגן דעם האָט האַקסלעי זיך ניט ארויסגערעדט מיט קיין איין וואָרט ניט; נאָר ער האַלט אונז אין איין עקשנות׳דיגן דערמאָנען, אַז דער עטישער פּראָצעס איז כלל ניט קיין פאָרטזעצונג פון דעם קאָסמישן פּראָצעס, אַז ער האָט זיך באַוויזן ווי א געגנגעוויכט צו דעם קאָסמישן פּראָצעס און געפינט אין אים „א פאַרעקשנטן און מעכטיגן שונא.“

האַקסלעי האָט אויף דעם אופן באַהויפּטעט, אַז די לערע, וואָס די נאַטור האָט געגעבן, איז אין עצם געווען אַ לערע פון שלעכטס (ז. 37). נאָר ווי נאָר מענשן האָבן זיך פאַראייניגט אין אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטן האָט זיך באַוויזן, מען ווייס ניט פונוואַנען, א „מאָראַלער פּראָצעס“, לחלוטין א געגנגעזעצטער צו אַלץ וואָס די נאַטור לערנט דעם מענשן. דערנאָך האָט דאָס געזעץ, דער מנהג און די ציוויליזאַציע ווייטער אַנטוויקלט דעמדאָזיגן פּראָצעס.

אָבער וואו זיינען די וואָרצלען, וואו איז דער אָנהויב פון דעם עטישן פּראָצעס? ער האָט ניט געקאָנט געבאָרן ווערן פון די באָאָבאַכטונגען אויף דער נאַטור, וואָרים לויט האַקסלעי׳ס באַהויפּטונג לערנט די נאַטור דעם היפּך; און ער האָט אויך ניט געקאָנט גע־ערבט ווערן פון די פאַר־מענשליכע צייטן, וואָרים צווישן די כאַפּטעם חיות, איידער דער מענש האָט זיך באַוויזן אויף דער וועלט, האָט דער עטישער פּראָצעס נאָך אפילו אין זריעה ניט עקזיסטירט.

זיין אָפּשטאַמונג, הייסט עס, ליגט אויסער דער נאַטור. דאָס מאָראַלע געזעץ פון איינצוימען די פּערזענליכע טריבן און ליידנשאַפטן איז פאַלגליך ארויסגעקומען, ווי תורת משה, ניט פון שוין עקזיסטירנדיגע מנהגים, ניט פון געוויינהייטן, וואָס זיינען שוין געווען איינגעוואָרצלט אין דעם מענשנס נאַטור; ער האָט זיך געקאָנט באַווייזן נאָר ווי אַ געטליכע אַנטפּלעקונג, וואָס האָט באַלויכטן דעם פאַרשטאַנד פון דעם געזעצגעבער. ער האָט אַן איבער־מענשליכע, ניין — אַן איבערנאַטירליכע אָפּשטאַמונג.

אָט דער שלום פּליסט אַזוי קלאָר ארויס לעזנדיג האַקסלעיז אַ געאָרג מייוואַרט, דער באַוואוסטער געלערטער עוואָלוציאָניסט, וועלכער איז אין דערזעלביגער צייט אַ פייערדיגער קאַטאָליק, האָט גלייך נאָכדעם ווי האַקסלעי האָט געהאַלטן זיין לעקציע אין אָקס־פּאָרד, פּאַרעפנטליכט אַן אַרטיקל אין זשורנאַל „ניינטינטה סענ־טשורי", אין וועלכן ער האָט גראַטולירט זיין פריינט פאַר צוריקקערן זיך צו די לערן פון דער קריסטליכער קירך. „עס איז פּולקאָם ריכ־טיג", האָט ער געשריבן, ברייענגענדיג די נאַר־וואָס אָנגעוויזענע ער־טער פון האַקסלעי'ס לעקציע; „עס וואָלט שווער געווען זיך אויס־צודריקן שטאַרקער, אַז די עטיק האָט קיינמאָל ניט געקאָנט זיין אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם פּראָצעס פון עוואָלוציע." * „אַ מענש האָט ניט געקאָנט פּרייווויליג און באַוואוסטזיניג אויסטראַכטן אַ מאָראַלן אידעאַל; דער אידעאַל איז געווען אין אים, איז אָבער ניט ארויסגעקומען פון אים". ער קומט ארויס פון דעם „געטליכן באַשעפער".

אין דער אמתן, עס איז איינס פון די ביידע: אָדער דעם מענשנס מאָראַלע באַגריפן שטעלן פאָר בלויז אַ וויטערדיגע אַנטוויקלונג פון די מאָראַלע געוויינהייטן פון דער געגנזייטיגער הילף, וואָס זיי־נען איבעראַל אַזוי איינגעטימליך פאַר אַלע געזעלשאַפטליכע חיות, אַז מען קאָן זיי האַלטן פאַר אַ נאַטור־געזעץ — און אין דעם פאַל זיינען אונזערע מאָראַלע באַגריפן, אויף וויפיל זיי זיינען די פּרוכט פונם פאַרשטאַנד, מער גאָרנישט ווי אַ שלום פון דאָס, וואָס דער מענש האָט געזען אין דער נאַטור; און אויף וויפיל זיי זיינען די פּרוכט פון

---

* געאָרג מייוואַרט, די עוואָלוציע פון פּראָפ. האַקסלעי, „ניינטינטה סענטשורי", אויגוסט, 1893, ז. 205.

די געװױנהײטן און פֿון דעם אינסטינקט זײַנען זײ ניט מער װי א װײַטערדיגע אנטװיקלונג פֿון די אינסטינקטן און געװױנהײטן, װאָס זײַנען אײגנטימליך פֿאַר אַלע געזעלשאַפֿטליכע חיות. אדער אונ־זערע מאָראַלע באַגריפֿן זײַנען גאָר אײנפֿלוסן פֿון אױבן, און די װײַטערדיגע פֿאַרשונגען פֿון מאָראַל קאָנען נאָר באַשטײן אין פּירושים אױף גאָטס װילן. אַט דאָס איז געװען דער אומפּאַרמײד־ליכער שלום פֿון יענער לעקציע.

מיט אמאָל אָבער, װען האַקסלעי האָט אַרױסגעגעבן זײַן לעקציע „עװאָלוציע און עטיק" אין דער פֿאָרם פֿון א בראָשור מיט לאַנגע, אױסגעאַרבעטע באַמערקונגען, האָט ער אין איר אַרײַנגעשטעלט אײן באַמערקונג, דורך װעלכער ער האָט לגמרי אױפֿגעגעבן זײַן פּאָ־זיציע און האָט בטל געמאַכט דעם גאַנצן תּוך פֿון זײַן לעקציע, װאָרים אין דער דאָזיגער באַמערקונג האָט ער צוגעגעבן, אַז דער עטישער פּראָצעס מאַכט אױס „א טײל פֿון דעם אַלגעמײנעם פּראָ־צעס פֿון עװאָלוציע", ד. ה. פֿון דעם „קאָסמישן פּראָצעס", אין װעלכן עס זײַנען שױן דאָ די קערנער פֿון דעם עטישן פּראָצעס.

עס װײַזט זיך, הײסט עס, אַרױס, אַז אַלץ װאָס איז געזאָגט געװאָרן אין דער לעקציע װעגן צװײ געגנגעזעצטע און פֿײַנדליכע פּראָצעסן — א נאַטור־פּראָצעס און א עטישן — איז ניט ריכטיג. אין דער געזעלשאַפֿטליכקײט פֿון די חיות זײַנען שױן פֿאַראַנען די שפּראָצן פֿון א מאָראַלן לעבן, און אין די מענשליכע געזעלשאַפֿטן אַנטװיקלען זײ זיך נאָר װײַטער און װערן פֿאַרפֿולקאָמט.

אױף װאָסער אופֿן איז האַקסלעי געקומען דערצו, ער זאָל אַזױ שאַרף בײַטן זײַנע מײנונגען, װײסן מיר ניט. מען קאָן בלױז משער זײַן, אַז דאָס איז מסתּמא פֿאָרגעקומען אונטער דעם אײנפֿלוס פֿון זײַן פּערזענליכן פֿרײַנד, דעם אָקספֿאָרדער פּראָפֿעסאָר ראָמײנעס, װעלכער איז געװען דער פֿאָרזיצנדער אױף האַקסלעי'ס לעקציע אי־בער עװאָלוציע און עטיק אין אָקספֿאָרד. ראָמײנעס האָט גראָד אין יענער צײַט געאַרבעט אױף א גרױסער און אין העכסטן גראַד אינ־טערעסאַנטער אַרבעט — װעגן מאָראַל בײַ חיות. (א קורצע צײַט פֿריער האָט ראָמײנעס אַרױסגעגעבן א מערקװירדיגע אַרבעט װעגן פֿאַרשטאַנד בײַ חיות.) אַזױ װי ער איז געװען אין העכסטן גראַד אַן אמתער און הומאַנער מענש, האָט ער װאַרשײַנליך פּראָטעסטירט אַנטקעגן האַקסלעי'ס שלוסן און האָט אָנגעװיזן אױף זײַער אומ־

באַגרינדעטקייט. מעגליך, אַז אונטער דעם איינפלוס פון דעמדאָזיגן פּראָטעסט האָט האַקסלעי צוגעגעבן יענע באַמערקונג, וואָס האָט אָפּגעליקנט דעם גאַנצן עצם פון דאָס, וואָס ער האָט געפּריידיגט אין זיין לעקציע. אַ גרויסער שאָדן, וואָס דער טויט האָט געשטערט ראָמיינעסן צו ענדיגן די אַרבעט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן וועגן מאָראַל ביי חיות, וועגן וועלכער פראַגע ער האָט צונויפגעקליבן רייכע מאַטעריאַלן. *

(מיט די ווערטער ענדיגט זיך דער מאַנוסקריפּט פון דעם עלפטן קאַפּיטל.)

* ווען איך האָב באַשלאָסן צו לייענען אַ לעקציע אין לאָנדאָן וועגן געגנזייטיגער הילף ביי חיות, האָט נאָולז, דער רעדאַקטאָר פון דער „ניינטיגנטה סענטשורי", זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט מיינע געדאַנקען, און דורכרייידנדיג זיך וועגן דעם מיט זיין פריינט און נאַכבאַר הערבערט ספּענסער, האָט ער מיך געראָטן איינלאַדן ראָמיינעסן אַלס פאָרזיצענדן. אַזוי האָב איך געטאָן. ראָמיינעס האָט אָנגענומען מיין פאָרשלאַג און האָט פריינטלאַך איינגעוויליגט צו זיין דער פאָרזיצנדער. צום סוף פון מיין לעקציע האָט ראָמיינעס אין זיין שלום-וואָרט אָנגעוויזן אויף דער באַדייטונג פון מיין אַרבעט און האָט עס רעזומירט ווי פאָלגט: „קראָפּאָטקין האָט אָהן צווייפל באַוויזן, אַז הגם אין דער גאַנצער נאַטור גייט אָן אַן אויסערליכער קאַמף צווישן אַלע מינים, זיינען אָבער די אינערליכע קאַמפן זייער באַגרעניצט און צווישן אַ סך מינים הערשט פאָר אַ געגנזייטיגע שטיצע און אַ מיטאַרבעטערשאַפט אין אַלערליי פאָרמען". „דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ, זאָגט קראָפּאָטקין, דאַרף מען פאַרשטיין! איז אַ מעטאַפאָרישן זין...." איך בין געזעסן הינטער ראָמיינעסן און האָב אים שטילערהייט באַמערקט: „ניט איך, נאָר דאַרווין האָט דאָס געזאָגט, גלייך אין אָנהויב פון דריטן קאַפּיטל „וועגן דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ". ראָמיינעס האָט עס גלייך איבערגעזאָגט פאַר דער פאַרזאַמלונג און האָט באַשטעטיגט, אַז „אַזוי טאַקע דאַרף מען פאַרשטיין דעם דאַרוויניסטן אויסדרוק: ניט אין בוכשטעבליכן, נאָר אין מעטאַפאָרישן זין". ווען ראָמיינעסן וואָלט זיך איינגעגעבן אָפּאַרבעטן נאָך אַ פּאָר יאָר, וואָלטן מיר בלי ספק געהאַט אַ מערקווירדיגן ווערק וועגן דער מאָראַל פון חיות. איינציגע באַאָבאַכטונגען זיינע אויף זיין אייגענעם הונט זיינען זייער אויפפאַלענד און זיינען שוין ווייט און ברייט באַקאַנט. אָבער נאָך וויכטיגער וואָלטן געווען די זייער פילע פאַקטן, וואָס ער האָט צונויפגעקליבן. צום באַדויערן האָט קיינער פון די ענגלישע דאַרוויניסטן ביז היינטיגן טאָג נאָך ניט אַ טראַכט געטאָן אויסצונוצן זיינע מאַטעריאַלן און זיי פאַרעפנטליכן. זייער „דאַרוויניזם" איז ניט געווען טיפער ווי ביי האָקסלעי'ן.

צוועלפטער קאפיטל.

די אַנטוויקלונג פון די מאָראַל-לערען אין נײַנצענטן יאָרהונדערט.

(פאָרטגעזעצט)

הערבערט ספּענסער. — זיין לערע וועגן מאָראַל. — די פּראָבלעמען פון דער עוואָלוציאָניסטישער עטיק. — די אנטוויקלונג פון די מאָראַלע באַגריפן ביים מענשן פון א סאָציאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. — עגאָאיזם און אַלטרואיזם. — גערעכטיקייט און וואוילטעטיקייט. — דער שטאַט און זיין ראָליע אין געזעלשאַפטליכן לעבן.

דער נײַנצענטער יאָרהונדערט איז צוגעגאנגען צו דער פראגע וועגן מאראל פון א נייעם שטאנדפונקט — פון דעם שטאנדפונקט פון איר שטופנארטיגער אנטוויקלונג אין דער מענשהייט, אנהויבנדיג פון די פרימיטיווע צייטן. באטראכטנדיג די גאנצע נאטור ווי א רעזולטאט פון דער ווירקונג פון פיזישע קרעפטן און שטופנארטיגער אנטוויקלונג (עוואָלוציע), האָט די נייע פילאָסאָפיע געמוזט אויך די מאָראל דערקלערן פון דעמזעלבינן שטאנדפונקט.

אזא באגריף פון דאָס מאָראלע איז שוין צוגעגרייט געוואָרן ביים סוף פון אכצענטן יאָרהונדערט. די אויספאָרשונג פון דעם לעבן פון די פרימיטיווע ווילדע, לאפלאס'עס היפּאָטעזע וועגן דער אנטשטייאונג פון אונזער זונענסיסטעם, און נאָך מער די טעאָריע פון דער שטופנארטיגער אנטוויקלונג פון דער גאנצער וועלט פון געוויקסן און בעלי חיים, וואָס בופפאָן און לאמארק האָבן שוין אָנגעמערקט, און וואָס איז שפּעטער, אין די צוואנציגער יאָרן פון 19טן י. ה. ארויסגעבראַכט געוואָרן פון זשאָפרוא סענט-אילער

די היסטאָרישע ארבעטן אין דערזעלביגער ריכטונג פון די סען־סימאָ־ניסטן און באזונדערס פון אוגוסטען טיערי, און ענדליך די פּאָזיטיווע פילאָסאָפיע פון אָגוסט קאָנט — דאָס אַלץ צוזאַמען גע־נומען האָט צוגעגרייט די מוחות אויפצונעמען די טעאָריע פון דער שטופענאַרטיגער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער געוויקסן־און בעלי חיים־וועלט, און פּאַראַלעל אויך פון דער מענשהייט. אין יאָר 1859 איז ארויסגעקומען דאָס באַרימטע ווערק פון טשאַרלז דאַרווין, וואו די טעאָריע פון אַנטוויקלונג האָט באַקומען אַ פולשטענדיגע און סיסטעמאַטישע דאַרלייגונג.

נאָך פריער פון דאַרווינען, אין יאָר 1850, איז הערבערט ספּענ־סער ארויסגעטראָטן מיט אַ טעאָריע פון אַנטוויקלונג, אַבוואויל נאָך ווייט ניט אויסגעאַרבעט, אין זיין ווערק „די סאָציאַלע סטאַטיקס“. די געדאַנקען אָבער, וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט אין דעמדאָזיגן בוך זיינען אַזוי שאַרף זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט די באַגריפן וואָס האָ־בען דאַמאָלסט געהערשט אין ענגלאַנד, אַז מען האָט אויף ספּענ־סער׳ס נייע אידייען זיך גאָרניט אַרומגעקוקט. ווען ספּענסערן ווי אַ דיינקער האָט מען ערשט גענומען ריידן, ווען ער האָט אָנגעהויבן ארויסגעבן, אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען „סינטעטישע פילאָ־סאָפיע“, אַ ריי מערקווירדיגע פילאָסאָפישע פאָרשונגען, וואָס האָבן דאַרגעלייגט די אַנטוויקלונג פון אונזער זונענסיסטעם, די אַנטוויק־לונג פון לעבן אויף דער ערד, און ענדליך די אַנטוויקלונג פון דער מענשהייט, איר דיינקען און אירע געזעלשאַפטן.

די עטיק, לויט ספּענסער׳ס פולשטענדיג גערעכטער מיינונג, האָט געדאַרפט אויסמאַכן איינעם פון די אָפּטיילן פון אַן אַלגעמיי־נער נאַטור־פילאָסאָפיע. ער האָט צוערשט אַנאַליזירט די גרונט־פּרינציפּן פון דער וועלטשאַפונג און די אַנטשטייאונג פון אונזער זונענסיסטעם, וואָס איז ארויסגעקומען ווי אַ רעזולטאַט פון דער טעטיגקייט פון מעכאַנישע קרעפטן; דערנאָך — די פּרינציפּן פון ביאָלאָגיע, ד. ה. די לערע וועגן לעבן, ווי עס איז צושטאַנד געקומען אויף דער ערד; דאַן די פּרינציפּן פון פּסיכאָלאָגיע, ד. ה. די לערע וועגן גייסטיגן לעבן פון חיות און פון מענשן; פון סאָציאָלאָגיע, ד. ה. די לערע וועגן געזעלשאַפטליכקייט; און ענדליך די פּרינציפּן פון עטיק, ד. ה. די לערע פון יענע געגנזייטיגע באַציאונגען פון לע־בעדיגע באַשעפענישן, וועלכע האָבן דעם כאַראַקטער פון פּ א ר־

פליכטונג און זײַנען דעריבער לאַנג צונויפגעמישט געוואָרן מיט רעליגיע.

דאָך איז ספּענסער ערשט צום סוף פון זײַן לעבן, אין פרילינג פון יאָר 1890, ווען דער גרעסטער טײל פון זײַן עטיק איז שוין גע־ווען אָנגעשריבן, אַרויסגעטראָטן אין אַ געוויסן זשורנאַל מיט צוויי אַרטיקלען, וואו ער האָט צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן צו ריידן וועגן געזעלשאַפטליכקייט און מאָראַל ביי חיות; ביז דאַמאָלט האָט ער געצויגן די הויפּט אויפמערקזאַמקייט אויפן „קאַמף פון עקזיסטענץ" און האָט עס פאַרשטאַנען סיי צווישן חיות, סיי צווישן מענשן, ווי אַ קאַמף פון יעדערן געגן אַלעמען פאַר די מיטלען צום לעבן.

דערנאָך איז ספּענסער, אין די נײַנציגער יאָרן, אַרויסגעקומען מיט אַ ביכל „דער יחיד אין געגנזאַץ צום שטאַט", אין וועלכן ער האָט דאַרגעלייגט זײַנע אָנשויאונגען געגן דער אומפאַרמיידליכער צענטראַליזאַציע און פאַרגוואַלטיגונג פון'ם שטאַט — הגם ער האָט די דאָזיגע געדאַנקען שוין אַרויסגעזאָגט אין זײַן בוך „די סאָציאַלע סטאַטיקס". דאָ איז ער גאַנץ נאָענט זיך צונויפגעקומען מיט דעם ערשטן טעאָרעטיקער פון אַנאַרכיזם, וויליאַם גאָדווין, וועמעס בוך וועגן „פּאָליטישער גערעכטיגקייט" איז געווען נאָך מער מערקווירדיג דערמיט, וואָס עס איז דערשינען אין דער צייט, ווען אין פראַנקרייך האָט טריאומפירט דער רעוואָלוציאָנערער יאַקאָבי־ניזם, ד. ה. די אומבאַשרייִנקטע מאַכט פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג. מיט די יאַקאָבינישע אידעאַלן פון פּאָליטישער און עקאָ־נאָמישער גלייכהייט איז גאָדווין געווען אינגאַנצן אייִנשטימיג, * ער איז אָבער געווען דאַגעגן זײַער שטרעבונג צו באַשאַפן אַן אַלץ־פאַרשלינגענדע רעגירונג, וואָס פאַרניכטעט די רעכט פונם יחיד. פונקט אַזוי איז אויך ספּענסער געווען געגן דעם דעספּאָטיזם פון דער רעגירונג, און האָט די דאָזיגע מיינונגען נאָך אַרויסגעזאָגט אין יאָר 1842. **

---

* זע די ערשטע אויסגאַבע פון „פּאָליטישער גערעכטיקייט". אין דער צווייטער אויסגאַבע זײַנען די קאָמוניסטישע שטעלן אַרויסגעלאָזט געוואָרן — וואַרשיינליך צוליב די פאַרפאָלגונגען, וואָס האָבן זיך אָנגע־הויבן אַנטקעגן גאָדווינס פרײַנד.

** זע זײַן ווערק „די ריכטיגע ספערע פון דער רעגירונגס טעטיקייט" ("The Proper Sphere of Government"), לאָנדאָן, 1842.

ווי אין דעם בוך די „סאָציאַלע סטאַטיקס“, אַזוי אויך אין „די
פּרינציפּן פון עטיק“, האָט ספּענסער דורכגעפירט יענעם גרונט־גע־
דאַנק, אַז דער מענש, פּונקט אַזוי ווי די חיות, איז בכח איבערצולעבן
אומענדליכע ענדערונגען דורך דעם מיטל פון צופּאַסן זיך צו די אויס־
סערליכע באַדינגונגען פון לעבן. אַ דאַנק דעם גייט דער מענש
אַריבער פון דעם פּרימיטיוון צושטאַנד, וואָס איז צוגעפּאַסט צו אַ
ווילדן לעבן, אין אַ צושטאַנד פון אַ באַזעצטן און ציוויליזירטן לעבן
דורך אַ ריי פון שטופּנאַרטיגע ענדערונגען אין זיין נאַטור. דערדאָ־
זיגער פּראָצעס ווערט צושטאַנד געבראַכט דורך אַ פאַרניכטונג פון
איינינע אייגנשאַפטן און כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דעם
מענשליכן אָרגאַניזם, צום ביישפּיל די קריגערישע כאַראַקטער־
שטריכן, וועלכע ווערן אומנויטיג ביי די געענדערטע אומשטענדן
און דער אַנטוויקלונג פון פרידליכערע באַציאונגען.

שטופּנווייז, אונטער דעם איינפלוס פון די אויסערליכע באַדינ־
גונגען פון לעבן, פון דער אַנטוויקלונג פון אינערליכע אינדיווידועלע
אייגנטימליכקייטן און אונטער דעם מער קאָמפּליצירטן געזעלשאַפט־
ליכן לעבן, אַרבעטן זיך אויס אין דער מענשהייט מער קולטורעלע
פאָרמען פון לעבן און מער פרידליכע געוווינהייטן און זיטן, וואָס
פירן צו אַן ענגערער מיטאַרבעטערשאַפט. דער וויכטיגסטער פאַק־
טאָר פון אַזאַ פּראָגרעס האָט ספּענסער געהאַלטן איז דער געפיל פון
ס י מ פּ אַ ט י ע אָדער דער מ י ט ג ע פ י ל.

אַ מער אָדער ווייניגער האַרמאָנישע מיטאַרבעטערשאַפט פירט
נאַטירליך צו געוויסע באַשריינקונגען פון דער פּערזענליכער פריי־
הייט, וואָס קומט אַרויס פון אַ מיטפילענדער באַציאונג צו דער
פרייהייט פון די אַנדערע. ביסלאַכווייז אַנטוויקעלט זיך אין דער
געזעלשאַפט אַ גערעכטע פּערזענליכע אויפפירונג, עס אַנטשטייט
אַ גערעכטע געזעלשאַפטליכע אָרדענונג, וועלכע באַשטייט דערין,
וואָס דער מענש האַנדלט אין איינקלאַנג מיט דעם געזעץ פון גליי־
כער פרייהייט פאַר אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט.

אין דעם ערד, וואָס מענשן געוואוינען זיך צו לעבן אין געזעל־
שאַפט, אַנטוויקלט זיך ביי זיי אַ געגנזייטיגער מיטגעפיל, אַ געפיל
פון סימפּאַטיע, וואָס בילדעט שפּעטער דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן
אַ מאָראַלער געפיל. צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון דעמדאָזיגן
מאָראַלן געפיל, אַנטשטייען ביים מענשן אַבסטראַקטע באַגריפן וועגן

געדערכטע באציאונגען צווישן מענשן, וועלכע ווערן אלץ קלערער לפי ערך וויפיל די געזעלשאפטליכקייט אנטוויקלט זיך. אויף אט דעם אופן שטעלט זיך איין אן אויסאייניגונג צווישן די אינדיווידועלע אייגנטימליכקייטן אין דער נאטור פון דעם מענשן און די פאדערונגען פונם געזעלשאפטליכן לעבן. ספענסער האפט, אז סוף כל סוף וועט דאס געזעלשאפטליכע לעבן דערגרייכן אזא צושטאנד, ווען עס וועט ווערן מעגליך די העכסטע אנטוויקלונג פון דער פערזענליכקייט (ד. ה. די אנטוויקלונג פון דער אינדיווידואליטעט, ניט פון דעם „אינדיווידואליזם"), צוזאמען מיט דער העכסטער אנטוויקלונג פון געזעלשאפטליכקייט. ער איז איבערציינגט, אז א דאנק דער עוואלוציע און דעם פראגרעס ווערט געשאפן אזא סאציאלער גלייכגעוויכט, ווען באפרידיגנדיג די פאדערונגען פון דעם אייגענעם לעבן, וועט יעדער איינער נאטירליך און פרייוויליג מיטארבעטן פאר דער באפרידיגונג פון די פאדערונגען פון די אנדערע. *

דער ציל פון דער עטיק, ווי ספענסער האט עס פארשטאנען, איז פעסטצושטעלן די רעגעלן פון מאראלער אויפפירונג אויף א וויסנשאפטליכן באזיס; און אזא באגרינדונג פון דער מאראל-וויסנשאפט, האט ער געשריבן אין דער פארריעדע, איז ספעציעל נויטיג איצטער, ווען דער כח פון דער רעליגיע שטארבט אפ און די מאראלע לערען פארלירן אט דעם יסוד. צו דערזעלביגער צייט דארף די לערע וועגן מאראל זיין פריי פון די פאראורטיילן און דעם אסקעטיציזם פון די פרושים, וועלכע האבן שטארק געשאדט דעם אמת'ן באגריף פון מאראליטעט. פון דער אנדער זייט ווידער דארף די עטיק ניט ווערן אפגעשוואכט דורך דער מורא ארויסצוזאגן זיך פאר א פולשטענדיגער פארלייקענונג פון דעם שמאלן עגאאיזם. די וויסנשאפטליך באגרינדעטע מאראל שטעלט צופרידן די-

---

* אט די דארלייגונג פון ספענסערס געדאנקען גיב איך איבער כמעט ווערטליך, איבערזעצנדיג וואס ער האט אליין געשריבן אין דעם פארוואָרט פון יאר 1893 וועגן דעם אלגעמיינעם אינהאלט פון זיין „סאציאלע סטאטיקס" און „די פרינציפן פון עטיק". דערפון קאן מען זען, אז זיין „עוואלוציאניסטישע עטיק", וואס ער האט באשריבן אין „סאציאלע סטאטיקס", האט זיך שוין אויסגעארבעט אין זיין קאפ איידער דארווינס „די אנטשטייאונג פון די מינים" איז דערשינען. דער איינפלוס פון אגוסט קאנטס אידייען אויף ספענסערן איז אבער אויסער צווייפל.

דאָזיגע פּאָדערונג, וואָרים די מאָראַלע פּרינציפּן, וואָס ווערן אַרויס־געבראַכט וויסנשאַפטליך שטימען פולשטענדיג איין מיט די מאָראַ־לע לערען, וואָס ווערן אַרויסגעפירט אויף אַנדערע וועגן — אַ פּאַקט, וועלכן די רעליגיעזע מענשן ווילן לײדער דורכאויס ניט איינזען און באַליידיגן זיך אפילו, ווען מען וויזט זיי אָן אויף אָט דער איינ־שטימונג.

אָנמערקנדיג זיך דעמדאָזיגן ציל, איז ספּענסער צוגעקומען צו דער מאָראַלער פראַגע, אַרויסגייענדיג פון די איינפאַכסטע באָאָב־אַכטונגען.

כדי צו פאַרשטיין די מענשען׳ס האַנדלונגען און זייער אַרט לעבן, דאַרף מען זיי באַטראַכטן אין אַ געוויסן זין, האָט ער געלערנט, ווי אַ טייל פון איין אָרגאַנישן גאַנצעס. אַריבערגייענדיג פון די איינ־פאַכסטע בעלי חיים צו די קאָמפּליצירטע און די העכסטע, געפינען מיר, אַז זייערע האַנדלונגען און אַרט לעבן פּאַסן זיך אַלץ מער און מער צו צו די באַדינגונגען פון דער סביבה, וואָס רינגלט זיי אַרום; דערביי איז דער צוועק פון די צופּאַסונגען ענטוועדער אַ פאַרשטאַר־קונג פון דער פּערזענליכער לעבהאַפטיגקייט אָדער אַ פאַרשטאַרקונג פון דער לעבהאַפטיקייט פון דעם מין, וועלכער ווערט אַלץ איינגער און איינגער צונויפגעבונדן מיט דעם קיום פון יחיד, לפי ערך וואָס די וועלט פון לעבעדיגע ברואים דערגרייכט העכערע פאָרמען. פּאַקטיש פאַראייניגט שוין די זאָרג פון די על־טערן פאַר זייערע קינדער די פּערזענליכע זעלבסטדערהאַלטונג מיט דער זעלבסטדערהאַלטונג פון דעם מין; און דידאָזיגע זאָרגן וואַקסן און נעמען אָן דעם כאַראַקטער פון פּערזענליכער צוגעבונדנקייט, וואָס ווייטער מיר קומען צו די העכערע מינים.

לײדער מוז מען דאָ באַמערקן, אַז זייענדיג פאַרכאַפּט פון דער טעאָריע פון דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ, האָט ספּענסער נאָך אַלץ ניט געשאָנקען גענוג אויפמערקזאַמקייט אויף דעם פּאַקט, וואָס ביי איניגע מינים אין יעדן קלאַס חיות קומט פאָר אַן אַנטוויקלונג פון געגנזייטיגער הילף, און אין דעם ערך וואָס זי באַקומט אַ גרעסערע באַדייטונג אין דעם לעבן פון דעם מין, פאַרגרעסערט זיך די לעבנס־לייִנג פון די איינצעלנע און צוזאַמען דערמיט קומט פאָר אַן אָנ־הויבונג פון דערפאַרונג, וועלכע העלפט דעם געגעבענעם מין אין זיין קאַמף מיט זיינע שונאים.

צופּאַסן זיך אָבער צו די אויסערליכע אומשטענדן איז נאָך ניט גענוג, זאָגט ספּענסער ווייטער: לויט דעם ערך פון דער אַנטוויקלונג קומט אויך פאָר אַן אַלגעמיינע פאַרפולקאָמונג פון די פאָרמען פון לעבן. אין דער מענשהייט פאַרקלענערט זיך דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ צווישן מענשן אין דעם ערך, אויף וויפיל דער קריגעריי־שער און רויבערישער אַרט לעבן ווערט פאַרביטן אויף דאָס, וואָס מען קאָן אָנרופן אַ א י נ ד ו ס ט ר י ע ל ע מ י ט א ר ב ע ט ע ר ש א פ ט. און צוגלייך מיט דעם באַווייזן זיך שפּראָצן פון נייע מאָראַלע מיינונגען.

וואָס רופן מיר אַן גוט און וואָס שלעכט? — גוט רופן מיר אַן דאָס, וואָס אַנטשפּרעכט זיין אויפגאַבע; שלעכט רופן מיר אַן דאָס, וואָס פאַרענטפערט ניט זיין צוועק, וואָס אַנטשפּרעכט ניט די פאָדערונג. אַזוי צום ביישפּיל, איז דאָס הויז גוט, וואָס גיט אונז אַ באַשיצונג פון קעלט און שלעכטע וועטערן. דיזעלביגע מאָס ווענדן מיר אויך אָן אויף אונזערע האַנדלונגען: „איר האָט גוט געטאָן, וואָס איר האָט איבערגעביטן די דורכגענעצטע קליידער", אָדער: „נישט גוט, וואָס איר האָט זיך פאַרטרויט צו דעם און דעם" — מיר זאָגן דערמיט אַרויס, אַז אונזערע האַנדלונגען האָבן פאַרענטפערט זייער צוועק אָדער ניט. און אין דעריין באַשטייט טאַקע אויך די שטופנאַרטיגע אַנטוויקלונג פון אונזער אויפפיר (§ 8 „פּרינציפּן פון עטיק").

צילן זיינען אויך פאַראַן פאַרשיידענע, זיי קאָנען זיין ריין־פּערזענליכע, ווי אין דידאָזיגע צוויי פאַלן, אָדער זיי קאָנען זיין ברייטע, געזעלשאַפטליכע. זיי קאָנען האָבן אין אויג דאָס לעבן ניט נאָר פון דעם יחיד, נאָר אויך פון דעם מין (§ 8).

דערצו, סיי אין די, סיי אין די אַנדערע פאַלן, ווערט גענומען אין באַטראַכט ניט נאָר דאָס אויפהאַלטן פון לעבן, נאָר אויך די פאַרשטאַרקונג פון דער לעבהאַפטיקייט; אַזוי אַז די אויפגאַבע ברייטערט זיך אויס און דאָס וואוילזיין פון דער געזעלשאַפט נעמט אַריין אין זיך אַלץ מער דאָס וואוילזיין פון דעם יחיד. פאָלגליך רופן מיר אָן גוט אַזאַ סאָרט טעטיקייט, וועלכע העלפט־מיט דער פולקייט און דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון אונזער לעבן און פונם לעבן פון אַנדערע מענשן — דאָס וואָס מאַכט דאָס לעבן פול מיט

פריידן, ד. ה. פולער אין אינהאלט, שענער, אינטענסיווער. * אַט אַזוי דערקלערט ספּענסער די געבורט און די שטופּנאַרטיגע אַנטוויקלונג פון די מאָראַלע באַגריפן ביים מענשן, אַנשטאָט זיי צו זוכן אין די אַבסטראַקטע מעטאַפיזישע פאָרשטעלונגען, אָדער אין די געבאָט פון דער רעליגיע, אָדער ענדליך אין דער אָפּשאַצונג פון די פּערזענליכע באַפרידיגונגען אָדער נוצן, ווי דאָס שלאָגן פאָר די דיינקער־אוטיליטאַריסטן. די מאָראַלע באַגריפן זיינען פאַר אים, ווי פאַר אָגוסט קאָנט, פּונקט אַזאַ נויטיגע פּרוקט פון דער געזעלשאַפטליכער אַנטוויקלונג, ווי די אַנטוויקלונג פונם פאַרשטאַנד, פון קונסט, פון וויסן, פון מוזיקאַלישן געהער אָדער פון געפיל פון שיינקייט (דעם עסטעטישן געפיל). דערצו האָט מען נאָך געקאָנט מוסיף זיין, אַז די וויטערדיגע אַנטוויקלונג פון דעם געפיל פון סטאַדעשאַפט, וואָס גייט אַריבער אין דעם געפיל פון כלל־ערבות, ד. ה. פון סאָלידאַריטעט אָדער געגנזייטיגע אָפּהייגיגקייט אַלע פון יעדערן און יעדערער פון אַלעמען, שטעלט פאָר פּונקט אַזאַ אומפאַרמיידליכן רעזולטאַט פון געזעלשאַפטליכן לעבן, ווי די אַנטוויקלונג פון פאַרשטאַנד, באַאָבאַכטונגס פייאיקייט, עמפינדליכקייט און אַנדערע אייגנטימליכקייטן פון מענשן.

אַזוי, הייסט עס, איז קיין ספק ניט, אַז דעם מענשנס מאָראַלע באַגריפן האָבן זיך אַנגעקליבן אין דעם מענשליכן מין פון די גאָר וויטע ציטן אָן. א דאַנק דעם געזעלשאַפטליכן לעבן האָבן זיי שוין זיך באַוויזן ביי חיות. פאַרוואָס אָבער איז די אַנטוויקלונג געגאַנגען אין אַט דער ריכטונג און ניט אין דער געגנגעזעצטער? פאַרוואָס איז זי ניט געגאַנגען אין דער ריכטונג פון קאַמף פון יעדערן אַנטקעגן אַלעמען? דערפאַר, דאַרף נאָך אונזער מיינונג ענטפערן די עוואָלוציאָנערע עטיק, ווייל אַט די אַנטוויקלונג האָט געפירט צו דעם קיום המין, צו זיין בלייבן לעבן, בעת די אומפייאיקייט צו אַנטוויקלען דידאָזיגע אייגנשאַפט פון געזעלשאַפטליכקייט, סיי צווישן

---

* מיט איין וואָרט, זאָגט ספּענסער, די פולע צופּאַסונג פון די האַנדלונגען צו די צילן, כדי אויפצוהאַלטן דאָס פּערזענליכע לעבן און איבערלאָזן א נייעם דור, וואָס ווערט אַזוי דורכגעפירט, אַז עס זאָל ניט שטערן די אַנדערע צו דערגרייכן דיזעלביגע צילן, איז שוין משער אין עצם פון דער זאַך גופא א פאַרקלענערונג און אַן אָפּהאַלט פון דעם קריג צווישן די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט.

חיות, סיי צווישן די מענשליכע פעלקער, האָט אויף אַ פאַטאַלן אופן געפירט צו דער אוממעגליכקייט צו בלייבן לעבן אין דעם אַלגעמיי־נעם קאַמף מיט דער נאַטור פאַר דער עקזיסטענץ, ד. ה. צום אונטער־גאַנג. אָדער ווי עס ענטפערט ספּענסער צוזאַמען מיט אַלע איידע־מאָניסטן: „דערפאַר וואָס אין די האַנדלונגען, וועלכע האָבן גע־פירט צו דעם וואוילזיין פון דער געזעלשאַפט, האָט דער מענש גע־פונען זיין צופרידענשטעלונג". דערביי האָט ער אָנגעוויזן פאַר די מענשן, וואָס שטייען אויף אַ רעליגיעזן שטאַנדפּונקט, אַז אין די ווערטער גופא פון דעם עוואַנגעליום „געבענשט זיינען די בארמהאר־ציגע", „געבענשט זיינען די שלום-מאַכער", „געבענשט איז דער, וואָס זאָרגט פאַר די אָרימע", רעדט זיך שוין וועגן אַ צושטאַנד פון גליקזעליקייט, ד. ה. פון צופרידענשטעלונג דורך באַגיין אַזוינע מעשים. אָבער אַזאַ ענטפער שליסט, פאַרשטייט זיך, נים אויס אַ ווידערלייגונג מצד דער אינטואיטיווער עטיק. זי קאָן זאָגן און זאָגט: „דאָס באַווייזט, אַז דער רצון פון די געטער אָדער פון דעם באַשעפער איז געווען, דער מענש זאָל באַזונדערס שטאַרק פילן אַ צופרידנשטעלונג, ווען זיינע האַנדלונגען גייען צום וואוילזיין פון אַנדערע, אָדער פשוט ווען מענשן זיינען מקיים די געבאָט פון דער גאָטהייט".

וואָס פאַר אַ מאַסשטאַב מיר זאָלן נים אָננעמען אין דעם אור־טייל פון האַנדלונגען — די הויכע פולקאָמענהייט פונם כאַראַקטער פון דער האַנדלונג, אָדער די אויפריכטיקייט פון די מאָטיוון — וועלן מיר זען, זאָגט ספּענסער ווייטער, אַז „די פונדאַמענטאַלע אי־דייע, צו וועלכער די פולקומענהייט, אויפריכטיקייט און טוגענד ברייננען אונז, איז סוף כל סוף די באַפרידיגונג און גליקליכקייט, וואָס ווערט דורכגעלעבט פון וועמען עס איז, ווען עס איז, אין וועל־כער עס איז פאָרם". אַזוי אַז קיין שולע, זאָגט ער ווייטער, קאָן נים אויסמיידען אייינצוזען, אַז דער ענדציל פון מאָראַל איז אַ געוויסער געוואונשענער גייסטעס צושטאַנד — רופט עס אָן פאַרגעניגען, גע־נוס אָדער גליק. * דאָך אָבער קאָן די עטיק, וואָס איז געבויט אויף עוואָלוציע, ד. ה. אויף דער שטופנאַרטיגער אַנטוויקלונג פון דער מענשהייט, נים זיין גאָר אינגאַנצן אייינשטימיג מיט אַזאַ דערקלע־רונג, וואָרים זי קאָן נים צוגעבן, אַז דער מאָראַלער פּרינציפּ זאָל האָבן

* די פּרינציפּן פון עטיק (דאַטאַ און עטיקס) ערשטער טייל, § 16.

פֿאַרגעשטעלט בלויז די צופֿעליגע אָנהויפֿונג פֿון געוווינהייטן, וואָס האָבן געהאָלפֿן דעם מין אין קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ. פֿאַרוואָס, פֿרעגט דער פֿילאָסאָף־עוואָלוציאָניסט, פֿאַרשאַפֿן ניט די עגאָאיסטישע, נאָר גראָד די אַלטרואיסטישע געוווינהייטן דעם מענשן די גרעסטע צופֿרידנהייט? צי שטעלן ניט פֿאַר די געזעלשאַפֿטליכקייט, וואָס מיר זעהען אין דער גאַנצער נאַטור, און די געגנזייטיגע הילף, וואָס אַנטוויקלט זיך דורך דעם געזעלשאַפֿטליכן לעבן, אַזאַ אַלגעמיינעם מיטל אין דעם קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ, אַז די פּערזענליכע, עגאָאיסטישע זעלבסטבאַהויפּטונג און פֿאַרגוואַלטיגונג ווייזן זיך אַרויס לגבי זיי שוואַכע און אומזיכערע מיטלען? און בכן, שטעלן דען ניט פֿאַר דער געפֿיל פֿון געזעלשאַפֿטליכקייט און די געגנזייטיגע שטיצע, פֿון וועלכע עס האָבן אומפֿאַרמיידליך זיך געמוזט ביסלאַכווייז אַרויסאַרבעטן אין אונז די באַגריפֿן פֿון מאָראַל, פּונקט אַזאַ גרונט־איינגנשאַפֿט פֿון דער מענשליכער און אַפֿילו פֿון דער חיה'שער נאַטור, ווי די פֿאָדערונג פֿון דערנערונג?

אין דעם טעאָרעטישן טייל פֿון אָט דעם ווערק וועל איך געני אַנאַליזירן די צוויי פֿראַגן, וואָרים איך האַלט זיי פֿאַר פֿונדאַמענטאַלע פֿראַגן אין דער עטיק. איצטער וועל איך נאָר באַמערקן, אַז ספּענסער האָט אויף די פֿונדאַמענטאַלע פֿראַגן ניט געגעבן קיין ענטפֿער. ערשט שפּעטער האָט ער זיי געשאָנקען אַ געוויסע אויפֿמערקזאַמקייט; אַזוי איז די מחלוקה צווישן דער נאַטירליכער, עוואָלוציאָנערער עטיק און דער אינטיאַוטיווער (ד. ה. וואָס קומט דורך דעם איינפֿלוס פֿון אויבן) געבליבן ביי אים ניט אַנטשלאָסן. דערפֿאַר אָבער האָט ספּענסער פֿולשטענדיג באַוויזן די נויט פֿון אַ וויסנשאַפֿטליכער באַגרינדונג פֿון די יסודות פֿון מאָראַל, און אַז אַזאַ באַגרינדונג פֿעלט אין די סיסטעמען, וואָס זיינען פֿריער פֿאָרגעשלאָגן געוואָרן.

שטודירנדיג די פֿאַרשיידענע סיסטעמען פֿון דער וויסנשאַפֿט וועגן מאָראַל, וואונדערט איר זיך, זאָגט ספּענסער, וואָס עס פֿעלט זיי דער באַגריף פֿון אורזאַכליכקייט אויף דעם געביט פֿון מאָראַל. די אַלטע דיינקער האָבן אָנדערקענט, אַז דאָס מאָראַלע באַוואוסטזיין איז אַריינגעלייגט געוואָרן אינם מענשן דורך גאָט אָדער דורך די געטער; זיי האָבן אָבער דערביי פֿאַרגעסן, אַז אויב די האַנדלונגען, וועלכע מיר רופֿן אַן שלעכטע, ווייל זיי ווידערשפּרעכן דעם

װילן פון דער גאָטהײט, װאָלטן פאַר זיך אַלײן ניט גע־האַט קײן שלעכטע פאָלגן, װאָלטן מיר דאָך גאָר ניט געװאוסט, אַז דאָס ניט פאָלגן דעם װילן פון דער גאָטהײט האָט שלעכטע פאָלגן פאַר דער געזעלשאַפט, און אַז מקיים זײַן גאָטס געבאָט פירט צו גוטס.

אָבער פונקט אַזױ פאַלש דײַנקען אױך יענע דײַנקער, װעלכע נאָכפאָלגנדיק פלאַטאָ׳ן, אַריסטאָטעלן און האָבבס׳ן, האַלטן פאַר דעם קװאַל פון גוטס און שלעכטס די געזעצן, װאָס זײַנען אײַנגעשטעלט געװאָרן דורך דער צװאַנג־הערשאַפט אָדער דורך אַ געזעלשאַפטליכן אָפּמאַך. אױב דאָס װאָלט אַזױ געװען אין דער װירקליכקײט, װאָלטן מיר דאָך געמוזט אָנדערקענען, אַז פאַר זיך אַלײן איז ניטאָ קײן חילוק צװישן די פאָלגן פון גוטע און שלעכטע האַנדלונגען, װאָרים די אײַנטײלונג אין גוטע און שלעכטע האַנדלונגען מאַכן די רעגי־רונגען אָדער די מענשן אַלײן בעת זײ שליסן אַ געזעלשאַפטליכן אָפּמאַך.

פונקט אַזױ אױך, זאָגט ספּענסער, װען די פילאָסאָפן דערקלערן דאָס מאָראַלע אינם מענשן דורך אַז אײַנפלוס פון אױבן „גיבן זײ צו דערמיט אַלײן, אַז צװישן דעם מענשנס האַנדלונגען און זײערע פאָלגן איז ניטאָ אַזאַ אומפאַרמײַדליכע נאַטירליכע שײַכות צװישן אורזאַך און פאָלגע, װעלכע מיר האָבן בכח צו װיסן, און װעלכע װאָלט געקאָנט פאַרבײַטן דעם אױסערליכן אײַנפלוס“.

אַפילו די אוטיליטאַריסטן, זאָגט ספּענסער, האָבן זיך ניט אינ־גאַנצן באַפרײַט פון דעמזעלביקן טעות, היות װי זײ אָנדערקענען נאָר טײלװײַז די אָפּשטאַמונג פון די מאָראַלע באַגריפן פון נאַטיר־ליכע אורזאַכן; און כּדי צו דערקלערן זײַן געדאַנק, ברענגט ספּענ־סער אַזאַ בײַשפּיל: יעדע װיסנשאַפט הױבט זיך אָן פון אָנגע־זאַמלטע באָאָבאַכטונגען. אַ סך פריער פאַר דער אַנטדעקונג פון דעם געזעץ פון דער אַלװעלטליכער גראַװיטאַציע האָבן די אַלטע גריכן און עגיפּטיאַנער באַשטימט די פּלענער װאו אַ געװיסע פּלאַ־נעטע װעט זיך געפינען אין אַ באַשטימטן טאָג. צו דעמדאָזיגן װיסן זײַנען זײ דאָמאָלסט דערגאַנגען דורך באָאָבאַכטונגען, ניט האָבנדיק קײן באַגריף װעגן די אורזאַכן דערפון. און ערשט נאָך דער אַנט־דעקונג פון דעם געזעץ פון גראַװיטאַציע, נאָכדעם װי מיר האָבן זיך דערװאוסט די אורזאַך און די געזעצן פון דער באַװעגונג פון די

פּלאַנעטן, האָט אונזער באַשטימונג פון זייער באַוועגונג אויפגע־הערט צו זיין אַן עמפּירישע און איז געוואָרן אַ וויסנשאַפטליכע, אַ ראַציאָנעלע. דאָס אייגענע דאַרף מען זאָגן וועגן דער אוטילי־טאַרישער עטיק. געוויס פאַרשטייען די אוטיליטאַריסטן, אַז עס איז דאָ אַן אורזאַכליכע פאַרבינדונג פאַרוואָס מיר האַלטן די האַנד־לונגען פאַר גוטע און אַנדערע פאַר שלעכטע; אָבער אין וואָס באַ־שטייט די־דאָזיגע פאַרבינדונג—דאָס האָבן זיי ניט דערקלערט. עס איז אָבער ניט גענוג צו זאָגן, אַז געוויסע האַנדלונגען זיינען ניצליך פאַר דער געזעלשאַפט און אַנדערע זיינען שעדליך: דאָס איז אַן איינפאַכע קאָנסטאַטירונג פון אַ פאַקט. אונז ווילט זיך דאָך וויסן די אַלגעמיינע אורזאַך פון דאָס מאָראַלע — אַן אַלגעמיינעם סימן, לויט וועלכן מיר זאָלן קאָנען אונטערשיידן דאָס גוטע פון דאָס שלעכטע. מיר זוכן אַ ראַציאָנעלע גענעראַליזאַציע, כדי אַרויסצו־ברייינגען אַלגעמיינע לעבנסרעגעלן פון אַ קלאָר באַשטימטער אַל־געמיינער אורזאַך. אָט דאָס איז די אויפגאַבע פון דער מאָראַל־לערע, פון עטיק.

די אַנטוויקלונג פון די אַנדערע וויסנשאַפטן האָט, פאַרשטייט זיך, צוגעגרייט דעם באָדן אויך פאַר דער עטיק. איצטער אָבער שטרעבן מיר פעסטצושטעלן די מאָראַלע פּרינציפּן ווי דערשיי־נונגען פון עוואָלוציע, וואָס שטימען מיט די פיזישע, ביאָלאָגישע און סאָציאַלע געזעצן.

בכלל האָט ספּענסער גאַנץ באַשטימט זיך געשטעלט אויפ׳ן שטאַנדפּונקט פון דער אוטיליטאַרישער מאָראַל און האָט באַהויפּ־טעט, אַז וויבאַלד דאָס גוטע אין לעבן איז דאָס, וואָס פאַרגרעסערט פריידן, און דאָס שלעכטע איז דאָס, וואָס פאַרקלענערט זיי, איז דעריבער דאָס מאָראַלע אין דער מענשהייט בלי ספק דאָס, וואָס פאַרגרעסערט די פריידן פון לעבן. וויפיל די רעליגיעזע און פּאָלי־טישע פאָראורטיילן, זאָגט ער, זאָלן ניט פאַרשטעלן דעמדאָזיגן גע־דאַנק, האָבן זיך אין דער ווירקליכקייט די פאַרשיידענע מאָראַל־סיסטעמען אַלעמאָל געבויט אויף אָט דער פונדאַמענטאַלער אי־דייע. (§ 11).

די קאַפּיטלען, וואָס ספּענסער האָט געווידמעט דער אָפּשאַצונג פון האַנדלונגען פון אַ פיזישן און אַ ביאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, זייי־

נען זייער לערדייך, ווארים אין זיי איז קלאָר באַוויזן געוואָרן מיט ביישפּילן, וואָס זיינען גענומען געוואָרן פון לעבן, ווי אַזוי די וויסנשאַפט, וואָס איז געבויט אויף דער טעאָריע פון עוואָלוציע דאַרף זיך באַציען צו די דערקלערונגען וועגן דאָס מאָראַלע. *

אין אַט די צוויי קאַפּיטלען גיט ספּענסער אַ דערקלערונג פון דער נאַטירליכער אָפּשטאַמונג פון יענע פונדאַמענטאַלע פאַקטן, וועלכע גייען אַריין אין יעדער לערע וועגן מאָראַל. מיר ווייסן, צום ביישפּיל, אַז אַ געוויסע לאָגישע פאָלגערונג אין האַנדלונגען, ד. ה. אַ פאַרבינדונג איינע מיט די אַנדערע (coherence) איז איינע פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון מאָראַל ביים מענטשן, און אַזוי אויך זייער פּרעציזקייט (ביי מענטשן מיט אַ שוואַכן, ניט קיין אַנטשלאָסענעם ווילן, ווייסן מיר קיינמאָל ניט ווי זיי וועלן האַנדלען); דערצו אויך אַ באַלאַנסירטקייט אין די האַנדלונגען (פון אַ מענטשן, וואָס איז מאָראַליש אַנטוויקלט, דערוואַרטן מיר ניט קיין מטורפדיגן, ניט־באַלאַנסירטן אויפפיר, וואָס זיין פאַרגאַנגן לעבן באַרעכטיגט ניט), און צוזאַמען דערמיט אַ צוגעפּאַסטקייט צו אַ פאַרשיידענער סביבה. ענדליך איז אויך נויטיג אַ געוויסע פאַרשיידנאַרטיקייט און אַ פולקייט פון לעבן. אַט דאָס אַלץ דערוואַרטן מיר פון אַן אַנטוויקלטן מענטשן. די אַנוועזנהייט פון אַט די אייגנשאַפטן דינט אונז פאַר אַ מאַסשטאַב פון דער מאָראַלער אָפּשאַצונג פון מענטשן.

פונקט אַט די אייגנשאַפטן גרייכן ביי חיות אַלץ אַ גרעסערע און גרעסערע אַנטוויקלונג, וואָס ווייטער מיר גייען אַריבער פון די איינפאַכסטע אָרגאַניזמען ביז צו די אַלץ מער פולקאָמענע, און ענדליך צום מענטשן. אייגנשאַפטן, וואָס זיינען בלי ספק מאָראַלע, אַרבעטן זיך אויף דעם אופן אויס לויט דעם ערך פון דער פאַרפולקאָמענונג פון דער חיה. פונקט אַזוי איז אויך ביי דער מענטשהייט, אין דעם ערך וואָס די מענטשן גייען אַריבער פון דעם ווילדן פּרימיטיוון צושטאַנד צו מער קאָמפּליצירטע פאָרמען פון געזעלשאַפטלאַכן לעבן, אַרבעט זיך ביסלאַכווייז אויס אַ העכערער טיפּ פון אַ מענטשן. אַבער

---

* ספּענסערס עטיק האָט מען שוין לאַנג געדאַרפט דאַרלייגן בקיצור, אַלגעמיין פאַרשטענדליך און מיט אַ גוטער איינלייטונג, וואָס זאָל אויך אָנווייזן אירע פעלערן.

א העכערער טיפּ מענש קאָן זיך אַנטוויקלען נאָר אין אַ געזעלשאַפט פון הויך־אַנטוויקלטע מענשן. אַ פול, פאַרשיידנאַרטיג רייך לעבן פון אַ יחיד וועט זיך קאָנען דערוויזן נאָר אין אַ פולן, רייכן לעבן פון דער געזעלשאַפט.

צו אָט אַזוינע שלוסן קומט ספּענסער, באַטראַכטנדיג די אייגנ־שאַפטן, וואָס מיר רופן מאָראַלע, פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער גרעסטער פולקייט פון לעבן, ד. ה. פון דעם ביאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. און דאָ אויך פירן אים די פאַקטן צו דעם שלוס, אַז עס עקזיסטירט גאָר אַהן צווייפל אַ אינערליכע נאַטירליכע פאַרבינדונג צווישן דאָס, אין וואָס מיר געפינען אַ באַפרידיגונג, און דער פאַרשטאַרקונג פון דער לעבהאַפטיקייט, און ממילא פון דער קראַפט פון די איבערלעבונגען און פון דער דויערהאַפטיקייט פונם לעבן. און אַזאַ שלוס גייט, פאַרשטייט זיך, דירעקט להיפך צו די אָנגענומענע מיינונגען וועגן דער איבערנאַטירליכער אָפּשטאַ־מונג פון דער מאָראַל.

דערנאָך ווייזט ספּענסער צו, אַז עס זיינען פאַראַן באַפרידיגונ־גען, וואָס אַרבעטן זיך אויס אונטער דער מיליטערישער אָרדענונג פון די מענשליכע געזעלשאַפטן; מיט דעם אַריבערגאַנג פון דער מיליטערישער אָרדענונג צו דער אינדוסטריעלער און פרידליכער בייט זיך בּיסלאַכווייז איבער די אָפּשאַצונג פון דאָס אָנגענעמע און אומאָנגענעמע. מיר געפינען שוין ניט מער דאָס פאַרגעניגען אין אַ געשלעג, אין מיליטערישער שלויקייט און הריגות, וואָס דער ווילד־דער געפינט אין זיי.

בכלל איז ספּענסערן ניט שווער געווען צו באַווייזן אויף וויפיל צופרידנקייט און לעבנספרייידיקייט פאַרשטאַרקן דעם עצם פון לעבן, די שאַפונג און די פּראָדוקטיוויטעט פון לעבן און פאַלגליך די פריידן פון לעבן, און פאַרקערט, ווי יסורים און ליידן פאַרקלענערן די לע־בעדיקייט; הגם עס איז פאַרשטענדליך, אַז אַן איבערפלוס פון פאַרגעניגנס קאָן אויף אַ קורצער אָדער לאַנגער צייט אַרונטערזעצן די לעבנסקראַפט, די אַרבעטספייאיקייט און די שאַפונג.

דאָס ניט־איינזעהעניש פון אָט דער לעצטער וואַרהייט, אין וואָס די טעאָלאָגיע איז שולדיג (און אויך דער מיליטערישער גייסט פון די פּרימיטיווע געזעלשאַפטן) שאַדט ניט נאָר אַלע חקירות וועגן

מאָראַל, ווייל עס גיט זיי א פאַלשע ריכטונג, נאָר עס שאַדט אויך דעם לעבן גופא. די נאַטור פרעגט ניט אויס וועלכע מאָטיוון א מענש האָט געפירט א פיזיש ניט רעגלמעסיגן לעבן; זי שטראָפט דעם געלערטן, וואָס האָט זיך איבערגעאַרבעט, פונקט אזוי ווי דעם פאַרפאַלענעם שכור.

פון דעם אַלעם קאָן מען זען, אַז ספּענסער איז אינגאַנצן גע־שטאַנען אויף דער זייט פון די „איידעמאָניסטן", ד. ה. פון די, וועל־כע זעהען אין דער מאָראַל־אַנטוויקלונג א שטרעבונג צו דעם גרעסטן גליק, צו דער גרעסטער פולקייט פון לעבן. אָבער פאַרוואָס געפינט דער מענש די גרעסטע צופרידנשטעלונג אין דעם לעבן, וואָס מען רופט אָן מאָראַליש — בלייבט אַלץ ניט קלאָר. עס שטעלט זיך א פראַגע: געפינט זיך ניט אין דעם מענשנס נאַטור גופא עפּעס אַזוינס וואָס זאָל געבן אָן איבערוואָג יענע צופרידנשטעלונגען, וואָס נעמען זיך פון א „מאָראַלער" באַציאונג צו אַנדערע מענשן? אויף אָט דער פראַגע גיט נאָך ספּענסער ניט קיין ענטפער.

דער תוך און עצם פון ספּענסער'ס עטיק אָבער איז אַנטהאַלטן אין זיין קאַפּיטל וועגן דער פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ע, וועגן די גייסטיגע איבערלעבונגען, וועלכע האָבן געפירט די מענשן אין פאַרלויף פון דער שטופנאַרטיגער אַנטוויקלונג פון דער מענשהייט, אויסצואַר־בעטן געוויסע באַגריפן, וואָס ווערן אָנגערופן „מאָראַלע".

ווי תמיד הויבט ספּענסער אָן פון דעם איינפאַכסטן פאַל. א וואַסער עס איז באַשעפעניש, וואָס לעבט אין וואַסער, האָט דערפילט, אַז עפּעס א זאַך דערנעהענטערט זיך צו אים. דערדאָזיגער איינדרוק האָט דערוועקט אין דעם באַשעפעניש די איינפאַכסטע עמפּינדונג און די עמפּינדונג איז אַריבערגעגאַנגען אין א וועלכער עס איז באַ־וועגונג. דאָס באַשעפעניש באַהאַלט זיך אָדער פאַלט אָן אויף דער דאָזיגער זאַך לויט דעם צי עס נעמט אָן דידאָזיגע זאַך פאַר א שונא, אָדער עס זעט אין דער זאַך עפּעס וואָס מען קאָן פאַרצוקן.

דאָ האָבן מיר די איינפאַכסטע פאָרם פון דאָס, וואָס פילט אָן אונזער גאַנצן לעבן. עפּעס אויסערליכעס רופט אַרויס אין אונז א געוויסע עמפּינדונג, און מיר ענטפערן אויף דעם מיט א טאַט, א האַנדלונג. צום ביישפּיל, מיר לייענען אין צייטונג, אַז עס פאַר־דינגט זיך א קוואַרטיר. אין דער אַנאָנס ווערן באַשריבן די מעלות פון דער קוואַרטיר און מיר באַקומען וועגן איר א פאָרשטעלונג,

וואָס רופט אין אונז אַרויס אַ געוויסע עמפּינדונג, און נאָך דעם אַז אָפּענטפער: אָדער מיר זוכן מער פּרטים וועגן דער קוואַרטיר, אָדער מיר זאָגן זיך אָפּ פון דעם געדאנק זי צו דינגען.

די זאַך אָבער קאָן זיין מער קאָמפּליצירט. אין דער אמת'ן, אונזער מוח אדער שכל (Mind) איז אַ סקלאַד פון פאַרשיידענע עמפּינדונגען און פון געגנזייטיגע באַציאונגען צווישן דידאָזיגע עמפּינדונגען. פון דעם חבור פון דידאָזיגע שייכותן און פון די געדאַנקען וועגן זיי ווערט געשאַפן אונזער פאַרנונפט (Intelligence) און פון דעם חבור פון די עמפּינדונגען גופא און די געדאַנקען וועגן זיי ווערט צוזאַמענגעשטעלט אונזער געמיט-צושטאַנד (Emotion) בעת די נידעריגע חיה און דער ניט-אַנטוויקלטער ווילדער וואַרפן זיך ניט איבערגעטראַכטערהייט אויף זייער קרבן, קלערט איבער דער מער אַנטוויקלטער מענש אָדער די מער ערפאַרענע חיה די פאָלגען פון זייערע האַנדלונגען. און אַט דעם זעלבן שטריך געפינען מיר אויך אין די מאָראַלע האַנדלונגען. דער גנב באַטראַכט ניט אַלע מעגליכע פאָלגן פון זיין האַנדלונג; דער געוויסנהאַפטיגער מענש אָבער באַטראַכט די פאָלגן ניט נאָר פאַר אים פערזענליך, נאָר אויך פאַר דעם אַנדערן, און אָפטמאָל אויך פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט. און ענדליך זיינען ביי דעם געבילדעטן מענשן די האַנדלונגען, וועלכע מיר רופן אַן איבערלייגטע, אָפט באַדינגט פון זייער קאָמפּליצירטע אויסרעכענונגען וועגן גאַנץ ווייטע צוועקן, און אין דעם פאַל זיינען די אויסרעכענונגען אַלץ מער און מער אידעאַלישע.

פאַרשטייט זיך, אין אַלץ קאָן זיין איבערטרייבונגען. מען קאָן דערפירן די אייגענע געדאַנקען צו פאַלשע שלוסן. אַזוי טוען די, וועלכע פאַרוואַרפן די פריידן פון דעם היינטיגן טאָג צוליב דעם צוקינפטיגן וואוילזיין: זיי דערגייען ביז צו דעם אַסקעטיזם און פאַרלירן די פּייאַקייט גופא צו פירן אַ טעטיגן לעבן. די זאַך איז אָבער ניט אין די איבערטרייבונגען. וויכטיג איז דאָס, וואָס די דערמאָנטע פאַלן גיבן אונז אַ באַגריף וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די מאָראַלע אורטיילן און וועגן זייער אַנטוויקלונג איינצייטיג מיט דער אַנטוויקלונג פון געזעלשאַפטליכן לעבן. זיי באַווייזן ווי די מער צונויפגעזעצטע און פאָלגליך די ברייטערע אורטיילן נעמען די אויבערהאַנט איבער די איינפאַכערע און מער פּרימיטיווע.

אין לעבן פון די מענשליכע געזעלשאַפטן פאָדערט זיך געוויס
אַ זייער לאַנגע צייט איידער די מערסטע מיטגלידער פון דער גע־
זעלשאַפט געוואוינען זיך איין אונטערצואוואַרפען זייערע ערשטע
דירעקטע טריבן צו די אויסרעכענונגען וועגן זייערע מער אָדער ווײ־
ניגער ווייטע פאָלגן. צוערשט באַווייזט זיך די געוווינהייט ביי
איינצעלנע מענשן אונטערצואוואַרפען זייערע אומבאַוואוסטזיניגע
נייגונגען צו די געזעלשאַפטליכע אויסרעכענונגען אויפ'ן גרונט פון
דער פערזענליכער ערפאַרונג; שפּעטער פאָרמירט זיך אַ מענגע
פון אַזוינע שלוסן אין אַ שטאַם־מאָראַל, וואָס ווערט באַפעסטיגט
דורך דער טראַדיציע און ווערט איבערגעגעבן פון דור צו דור. צו־
ערשט ווערט געשאַפן ביי מענשן אַ מורא פאַר דעם צאָרן פון זייערע
שטאַם־ברידער; דערנאָך אַ מורא פאַר דעם הויפּטמאַן (געוויינליך
פאַר דעם מיליטערישן הויפּטמאַן) צו וועמען מען מוז זיך אונטער־
וואַרפן בעת עס קומט פאַר אַ מלחמה מיט די נאָכבאַרן, און ענדליך
— אַ מורא פאַר גייסטער, ד. ה. פאַר די געשטאַלטן פון די געשטאָר־
בענע און פון זייערע גייסטער, וועלכע מישן זיך תמיד, לויט זייער
מיינונג, אין די געשעפטן פון די לעבעדיגע. און אָט די דריי סאָרטן
פאַקטן האַלטן איין אין דעם ווילדן די שטרעבונג גלייך צו באַ־
פרידיגן די פאַרלאַנגען, וואָס דערוועקן זיך אין אים; שפּעטער
פאָרמירן זיי זיך אין באַזונדערע ערשיינונגען פון סאָציאַלן לעבן,
וועלכע מיר רופן אָן די געזעלשאַפטליכע מיינונג, פּאָליטישע מאַכט
און אויטאָריטעט פון דער קירך. מען דאַרף אָבער מאַכן אַ חילוק
צווישן די נאָר־וואָס דערמאָנטע אָפּהאַלטנדיגע אויסרעכענונגען און
די אייגנטליכע נאָרמאַלע געפילן און געוויינהייטן, וואָס אַנטוויקלען
זיך פון זיי; ווארים דאָס מאָראַלע באַוואוסטזיין און געפיל האָט
שוין אין אויג ניט די אויסערליכע פאָלגן פון די האַנדלונגען פאַר
אַנדערע, נאָר די אינערליכע פאָלגן פאַר דעם מענשן גופא.

מיט אַנדערע ווערטער — ווי ספּענסער האָט געשריבן צו מילל'ן
— איז דער מענשליכער ראַסע איז דער פונדאַמענטאַלער מאָראַלער
געפיל, די אינטואיציע, אַ רעזולטאַט פון דער אָנגעקליבענער און
פאַרערבטער דערפאַרונג בנוגע דער ניצליכקייט פון אַ געוויסן
סאָרט געגנזייטיגע באַציאונגען. ערשט בּיסלאַכ־
ווייז איז דער געפיל געוואָרן אומאָפּהענגיק פון דער דערפאַרונג.
מען זעט דערפון, אַז ווען ספּענסער האָט געשריבן אָט דעם טייל

און זיין „עטיק" (אין יאר 1879), האט ער נאך ניט געזען קיין אי־
ערליכע אורזאך פון דאס מאראלע אין דעם מענשן. דעם ערשטן
טריט אין אט דער ריכטונג האט ער געמאכט ערשט שפעטער, אין
יאר 1890, ווען ער האט געשריבן אין דעם זשורנאל „ניינטינטה
סענטשורי" די צוויי ארטיקלען וועגן געגנזייטיגער הילף, און דערנאך
האט ער געבראכט נאך איניגע דאטן וועגן דעם מאראלן געפיל
ביי איינינע חיות.

באטראכטנדיג שפעטער די אנטוויקלונג פון די מאראלע באַ־
גריפן פון דעם סאציאלאגישן שטאנדפונקט, ד. ה. פון דעם שטאנד־
פונקט פון דער אנטוויקלונג פון די געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס,
האט ספענסער קודם אנגעוויזן אויף דעם פונקט, אז וויבאלד מענשן
לעבן אין געזעלשאפטן, איבערצייגן זיי זיך נויטיגערווייז, אז עס
איז אין די אינטערעסן פון יעדן מיטגליד פון דער געזעלשאפט אויפ־
צוהאלטן דאס געמיינשאפטליכע לעבן, אפילו ווען עס שטערט אמאל
זיינע פערזענליכע טריבן און גענוסן. ליידער אבער איז ער נאך
אלץ ארויסגעגאנגען פון דעם פאלשן באגריף, וואס האט זיך באפעס־
טיגט זינט האבבס'עס צייטן, אז די פרימיטיווע מענשן האבן ניט
געלעבט אין געזעלשאפטן, נאר איינציגווייז אדער אין קליינע גרופן.
וואס איז שייך דער שפעטערדיגער עוואלוציע אין דער מענשהייט,
האט ער זיך געהאלטן אן דער איינפאכער מיינונג, וואס איז פעסט־
געשטעלט געווארן פון קאנטן, וועגן דעם שטופנארטיגן איבערגאנג,
וואס די מאדערנע געזעלשאפטן מאכן דורך פון א מיליטערישן, קריי־
גערישן צושטאנד צו א פרידליכן, אינדוסטריעלן צושטאנד.

ווי א פאלגע פון דעם, — האט ער געשריבן — זעהען מיר אין
דער מאדערנער מענשהייט צוויי מאראלן: „הרג'ע דעם שונא, פאר־
ניכט" און „האב ליב דיין נאענטן, העלף אים". „ווארף זיך אונ־
טער דער מיליטערישער ארדענונג" און „זיי א זעלבסטשטענדיגער
בירגער, שטרעב צו באגרעניצן די מאכט פון דער רעגירונג".

אפילו אין דעם הויזליכן לעבן פון די היינטיגע ציוויליזירטע
פעלקער ווערט דערלויבט די אונטערוואָרפנקייט פון די פרויען און
קינדער, אבוואויל עס הערן זיך אין דערזעלבער צייט פראטעסטן
און א פאדערונג פון גלייכבארעכטיגונג פון דיביידע געשלעכטער
פארן געזעץ. דאס אלץ צוזאמען גענומען פירט צו א צווייפאכקייט,
צו א האלביגער מאראל, וואס באשטייט פון א ריי קאמפראמיסן

און פּשרות מיט'ן געוויסן. אין דערזועלביגער צייט איז די מאָראַל פון דער פרידליכער געזעלשאַפטליכער אָרדענונג, אין תּוך גענומען, אין העכסטן גראַד איינפאַך; מען קאָן אפילו זאָגן, אַז זי באַשטייט פון אויבענאויפיגע כּללים. עס איז קלאָר, אַז ווען מען רעדט פון דאָס, וואָס איז שעדליך פאַר דער געזעלשאַפט, שליסט מען דערמיט אויס אַלע געוואַלט־טאַטן פון איין מיטגליד פון דער געזעלשאַפט איבער אַלע אַנדערע מיטגלידער, וואָרים אויב מען זאָל דאָס דערלאָזן, ווערט געמינערט די שטאַרקייט פון דעם געזעלשאַפטליכן פאַרבאַנד. עס איז אויך קלאָר פון אויבען־אויף, אַז דער בליאונג־צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט פאָדערט אַ געגנזייטיגע מיטאַרבעטערשאַפט פון מענשן. נאָך מער, אויב עס איז ניטאָ קיין געגנזייטיגע שטיצע פאַר דער באַשיצונג פון דער אייגענער גרופּע, וועט אויך פעלן אַזאַ שטיצע פאַר דער באַפרידיגונג פון די נויטיגסטע פאָדערונגען, ווי שפּייז, וואוינונג, געציג א. אַז. וו. עס וועט זיך פאַרלירן יעדער געדאַנק וועגן דער ניצליכקייט פון דער געזעלשאַפט (§ 51).

ווי קנאַפּ עס זאָלן ניט זיין די פאָדערונגען פון דער געזעלשאַפט, ווי שלעכט עס זאָלן ניט זיין די מיטלען פון זייער באַפרידיגונג, איז אַלץ נויטיג אַ מיטאַרבעטערשאַפט; און זי באַווייזט זיך שוין ביי די פּרימיטיווע פעלקער אין דעם געזעלשאַפטליכן געציג, אין דער געמיינשאַפטליכער באַאַרבעטונג פון דער ערד א. ד. ג. דערנאָך ביי אַ העכערער אַנטוויקלונג פון געזעלשאַפטליכן לעבן, באַווייזט זיך אַזאַ מיטאַרבעטערשאַפט, וואו די אַרבעט פון די פאַרשיידענע מיטגלי־דער פון דער געזעלשאַפט איז ניט אַ איינאַרטיגע, נאָר זי פאַרפאָלגט איין אַלגעמיינעם צוועק. און ענדליך אַנטוויקלט זיך אַ מיטאַרבע־טערשאַפט, וואו סיי דער כאַראַקטער פון דער אַרבעט, סיי אירע צוועקן זיינען פאַרשיידן, אָבער וואו די אַרבעטן העלפן פונדעסטוועגן דעם אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד. דאָ געפינען מיר שוין אַ צעטיי־לונג פון דער אַרבעט, און עס אַנטשטייט די פראַגע: „ווי אַזוי צו צעטיילן די פּראָדוקטן פון דער אַרבעט“ — אַ פראַגע, אויף וועלכער עס איז מעגליך נאָר איין ענטפער: לויט דער געגנזייטיגער איינ־שטימונג מיט'ן גוטן ווילן, אַזוי אַז אין דער באַלוינונג פון דער אַר־בעט זאָל זיין די מעגליכקייט ווידער הערצושטעלן די פאַרשוועג־דעטע קרעפטן, ווי דאָס קומט פאַר אין דער נאַטור. דערצו דאַרפן מיר נאָך זאָגן: „עס זאָל אויך זיין אַ מעגליכקייט צו פאַרברייטערן

געוויסע כחות אויף אַן אַרבעט, וואָס מעג נאָך ניט זיין אַנדערקענט פאַר נויטיג, וואָס פאַרשאַפט נאָר אַ פאַרגעניגן אַן איינצעלנעם מיט־גליד, אָבער וואָס קאָן מיט דער צייט צוניץ קומען אויך דער גאַנצער געזעלשאַפט".

„אָבער דאָס איז נאָך ווייניג — זאָגט ווייטער ספּענסער — עס קאָן עקזיסטירן אַזאַ אינדוסטריעלע געזעלשאַפט, וואו מענשן פירן אַ פרידליך לעבן, וואו זיי היטן אָפּ אַלע אָפּמאַכן, אָבער וואו עס איז ניטאָ קיין מיטאַרבעטערשאַפט לטובת הכלל, וואו קיינער זאָרגט זיך ניט וועגן די געזעלשאַפטליכע אינטערעסן. אין אַזאַ געזעלשאַפט, הייסט עס, איז דער העכסטער גרעניץ פון אַנטוויקלונג נאָך ניט דערגרייכט, ווארים מען קאָן דערווייזן, אַז דאָס איינלעבן זיך אין געזעלשאַפטליכן צושטאַנד איז אַזאַ פאָרם פון אַנטוויקלונג, וואו אַ חוץ גערעכטיקייט ווערט אויך צוגעגעבן וואוילטעטיקייט". (באַנד 1, § 54).

דער סאָציאָלאָגישער שטאַנדפּונקט מאַכט אויף דעם אופן פאָרלער יענער באַגרינדונג פון דער עטיק, וואָס באַקומט זיך פון דעם שטאַנדפּונקט פון די פיזישע, ביאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע וויסנשאַפטן. אויפשטעלנדיג אָט אַזוי די גרונטפּרינציפּן פון דער עטיק פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער טעאָריע פון עוואָלוציע, האָט ספּענסער דערנאָך געגעבן אַ ריי קאַפּיטלען, אין וועלכע ער האָט געענטפערט אויף די קריטישע באַמערקונגען געגן דעם אוטיליטאַריזם, און צווישן אַנדערעם האָט ער אַנאַליזירט די ראָליע פון גערעכטיקייט אין דער אויסאַרבעטונג פון די מאָראַלע באַגריפן. *

* סידזשוויק אין זיין אַרגומענטאַציע געגן דעם העדאָניזם, ד. ה. געגן דער לערע, וואָס דערקלערט די אויסאַרבעטונג פון די מאָראַלע באַגריפן דורך דער פאַרנינפטיגער שטרעבונג צו גליק, סיי פּערזענליכן, סיי געזעלשאַפטליכן גליק, האָט אָנגעוויזן אויף דער אוממעגליכקייט אויסצומעסטן דעם פאַרגעניגן אָדער די אומצופרידנקייט, וואָס מען קאָן דערוואַרטן פון אַ געוויסער האַנדלונג, ווי דאָס האָט דערקלערט מילל. ענטפערנדיג סידזשוויק'ן איז ספּענסער געקומען צום שלום, אַז דער אוטיליטאַריזם, וואָס קלייבט פאַנאַנדער אין איינצעלנע פאַלן, וועלכע אויפפירונג פירט צו דער גרעסטער סומע אָנגענעמע עמפּינדונגען, ד. ה. עמפּיריש אינדיווידועלע, איז ניט מער ווי אַן אַיינליטונג צו דעם ראַציאָנעלן, דורכגעטראַכטן אוטיליטאַריזם. דאָס, וואָס האָט געדינט ווי אַ מיטל, כדי צו דערגרייכן אַ וואוילשטאַנד, איז אין דער מענשהייט

אַרגומענטירנדיג געגן דעם באַגריף פון גערעכטיקייט ווי אַ יסוד פון מאָראַל, האָט דער אוטיליטאַריסט בענטאַם געשריבן: „גערעכטיקייט — אָבער וואָס דאַרף מען פאַרשטיין אונטער גערעכטיקייט? און פאַרוואָס עפּעס גערעכטיקייט און ניט גליק?“ וואָס אַזוינס גליק איז, ווייסן מיר אַלע, אָבער מכח גערעכטיקייט קריגן מיר זיך אייביג אַרום — האָט ער צוגעלייגט. „אָבער וואָס דער זין פון דעם וואָרט גערעכטיקייט זאָל ניט זיין — וואָס פאַר אַ רעכט האָט דידאָזיגע גערעכטיקייט צו ווערן געאַכטעט, אויב ניט דערפאַר וואָס זי איז אַ מיטל צו דערגרייכן גליק? *

ספּענסער האָט געענטפערט אויף אָט דער פראַגע און געזאָגט: אַלע מענשליכע געזעלשאַפטן — די נאָמאַדישע (וואַנדערנדע), די איינגעזעסענע און די אינדוסטריעלע — שטרעבן צו דערגרייכן גליק, הגם זיי גייען דערצו דורך פאַרשיידענע מיטלען. עס זיינען אָבער פאַראַן איניגע נויטיגע באַדינגונגען, וואָס זיינען גילטיג פאַר זיי אַלעמען, און דאָס זיינען—איינגעשטימטע מיטאַרבעטערשאַפט, די אָפּוועזנהייט פון דירעקטער פאַרגוואַלטיגונג פון דער פערזאָן. און פון אינדירעקטער פאַרגוואַלטיגונג אין דער פאָרם פון עובר זיין אויף אָפּמאַכן. און אָט די אַלע דריי באַדינגונגען זיינען איינס: אָפּהיטן ערליכע גלייכהייטליכע באַציאונגען (§ 61). אַזאַ באַהויפּטונג ספּענסער׳ס איז זייער באַדייטונגספול, וואָרים עס קומט אויס, אַז אין דער אָנדערקענונג פון גלייכבאַרעכטיגונג קומען זיך צונויף די פאַרשיידענסטע טעאָריעס פון מאָראַל, סיי די רעליגיעזע, סיי די ניט-רעליגיעזע, אַזוי גוט אויך ווי די אַנטוויקלונגס טעאָריע. אַלע שטימען איין דערמיט, אַז דער צוועק פון געזעלשאַפטליכקייט איז דאָס וואוילזיין פון יעדערן און פון אַלעמען, און דער נויטווענדיגער מיטל צו דערגרייכן דאָסדאָזיגע וואוילזיין איז די

ביסלאַכווייז געוואָרן אַ צוועק. געוויסע אָפּענטפערונגען אויף די נאָכפראַגן פון לעבן פאַרוואַנדלען זיך אין אַ געוויינהייט, און דער מענש מוז שוין ניט איבערוועגן אין יעדן באַזונדערן פאַל: „וואָס וועט מיר געבן אַ גרעסערן פאַרגעניגן — זיך אַ לאָז טאָן ראַטעווען אַ מענשן, וואָס שטייט אין סכנה, אָדער ניט. ענטפערן גראָב אויף אַ גראָבקייט, אָדער ניט?“ אַ געוויסע אַרט האַנדלונג ווערט שוין אַ געוויינהייט.

* Constitutional Code קאַפּ. 16, אָפּטייל 6.

גליכבארעכטיגונג, און איך וואלט נאך צולייגן: וויפיל מען זאל ניט האבן אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט עובר געווען אויף אט דער גלייכבארעכטיגונג, וויפיל עס זאלן זי ניט האבן אויסגעמיטן ביז אויף היינטיגן טאג די געזעצגעבער, און וויפיל עס זאלן זי ניט האבן פארשוויגן די באגרינדער פון מאראל־טעאריעס— אין דער טיפעניש פון אלע מאראלע באגריפן און אפילו פון אלע מאראלע לערען ליגט די אנדערקענונג פון גלייכבארעכטיגונג.

אפענטפערנדיג דעם אוטיליטאריסט בענטאמען, איז ספענסער, הייסט עס, דערגאנגען צו דעם תוך פון אונזער באגריף פון גערעכטיקייט. זי באשטייט אין אנדערקענונג פון גלייכבארעכטיגונג. אזוי האט שוין געדיינקט אריסטאטעל, ווען ער האט געשריבן, אז „דאס גערעכטע וועט אויף דעם אופן זיין דאס געזעצליכע און גלייכע, און דאס אומגערעכטע — דאס אומגעזעצליכע און אומגלייכע". פונקט אזוי אויך האט זיך ביי די רוימער גערעכטיקייט אידענטיפיצירט מיט גלייכבארעכטיגונג (Equity) וואס איז ארויסגעקומען פון דעם ווארט Aequus ד. ה. גלייכע, און אין איין זין האט דאס ווארט אויך באטייט גערעכטע און אומפארטייאישע. * אט דער זין פונם ווארט גערעכטיקייט איז אינגאנצן אריבער אין דער מאדערנער געזעצגעבונג, וואס פארבאט אי די דירעקטע פארגוואלטיגונג אי די אינדירעקטע, אין דער פארם פון ברעכן אן אפמאך, ווייל זיי ביידע וואלטן געווען אן אומגלייכקייט, און דאס אלץ, שליסט ספענסער, אידענטיפיצירט די גערעכטיקייט מיט גלייכהייט. (Equalness)

איבערהויפט לעררייך זיינען די קאפיטלען, וואס ספענסער האט געווידמעט דעם אנאליז פון עגאאיזם און אלטרואיזם. אין דידאזיגע קאפיטלען ווערן דארגעלייגט די סאמע יסודות פון זיין עטיק. **

ער הויבט אן דערפון, וואס ביי פארשיידענע ראסן מענשן זיינען פארגעניגנס און ליידן פארשטאנען געווארן פארשיידן אין פארשיי־

---

* ספענסער באציט זיך דא אויך אויף דעם פסוק ב׳, קאפיטל י"ז פון תהלים: „מלפניך משפטי יצא, עיניך תחזינה מישרים", ד. ה. משפט און מישרים גייען צוזאמען.

** די נעמען פון די קאפיטלען זיינען: — די רעלאטיוויטעט פון שמערצן און פארגעניגן, עגאאיזם געגן אלטרואיזם, אלטרואיזם געגן עגאאיזם, משפט און פשרה, דער אויסגלייך.

דענע צייטן. דאָס, וואָס פריער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ פאַרגע־ניגן, האָט עס שפּעטער אויפגעהערט אַזוי באַטראַכט צו ווערן; און פאַרקערט, דאָס, וואָס פריער וואָלט זיך גערעכנט פאַר אומעטיגן צייט פאַרטרייב, איז אונטער די נייע אומשטענדן פון לעבן געוואָרן אַ פאַרגעניגן. איצטער, צום ביישפּיל, געפינען מיר אַ פאַרגעניגן אין שיפן זיך אויף אַ לאָדקע און האַלטן ניט פאַר קיין פאַרגעניגן אָפּצו־שניידן די תבואה פון פעלד. עס בייטן זיך די באַדינגונגען פון דער אַרבעט און מיר הויבן אָן געפינען אַ פאַרגעניגן אין דאָס, וואָס מיר האָבן פריער געהאַלטן פאַר אַן אָפּקומעניש. בכלל קאָן מען זאָגן, אַז יעדע אַרבעט, וואָס פאָדערט זיך פון די אומשטענדן פון לעבן, קאָן און וועט מיט דער צייט זיין באַגלייט פון פאַרגעניגן.

וואָס אַזוינס איז אַלטרואיזם — ד. ה. אויב נאָך ניט קיין ליבע צו אַנדערע, איז לכל הפּחות טראַכטן וועגן זייערע נויטן — און וואָס איז עגאָאיזם, ד. ה. איינגליבע?

איידער מען קאָן זיין טעטיג, מוז מען לעבן. איז דעריבער די אויפהאַלטונג פון דעם אייגענעם לעבן די ערשטע זאָרג פון יעדער לעבעדיגער באַשעפעניש. דער עגאָאיזם שטייט אָפּריער פאַר דעם אַלטרואיזם, בכן זאָגט ספּענסער, „זיינען די האַנדלונגען, וואָס זיי־נען נויטיג פאַר דער זעלבסטדערהאַלטונג, אַריינרעכענענדיג דער־ריין אויך די געניסן און נוצן, וואָס די דאָזיגע האַנדלונגען ברייני־גען, די נויטיגע תנאים פאַר דעם אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד". פּונקט אַזאַ אומפאַרמיידליכע איבערוואָג פון דעם עגאָאיזם איבער דעם אַלטרואיזם קומט פאָר, זאָגט ער, אויך אין דעם פּראָצעס פון דער שטופנאַרטיגער אַנטוויקלונג פון דער מענשהייט (§ 68). אַזוי ווערט דער געדאַנק אַלץ מער און מער פאַרשטאַרקט, אַז יעדערער דאַרף געוויינען אָדער פאַרלירן, לויט די אייגנשאַפטן פון זיין אייגע־נער נאַטור, סיי ער האָט זיי גע'ירשנ'ט פון זיינע אורעלטערן, סיי ער האָט זיי אַליין דערוואָרבן. — „אָבער דאָס הייסט מודה זיין, אַז די עגאָאיסטישע פאָדערונגען דאַרפן אַריבערוועגן די אַלטרואיסטישע". אָט דאָס איז ספּענסער'ס שלוס (§§ 68 און 69). אָבער דאָס איז ניט ריכטיג, שוין דערפאַר, וואָס די גאַנצע היינטיגע אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט גייט דערצו, אַז יעדערער פון אונז קאָן זיך באַ־נוצן ניט נאָר מיט די פּערזענליכע גיטער, נאָר אויך אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס מיט די געזעלשאַפטליכע גיטער.

אונזערע קליידער, אונזערע הייזער און זייערע מאָדערנע באַ־
קוועמליכקייטן זיינען די פּראָדוקטן פון דער וועלט־אינדוסטריע.
אונזערע שטעט, זייערע גאַסן, זייערע שולן, קונסט־גאַלעריעס און
טעאַטערס זיינען די פּראָדוקטן פון דער וועלט־אַנטוויקלונג אין פאַר־
לויף פון אַ סך יאָרהונדערטן. מיר אַלע באַנוצן זיך מיט די באַ־
קוועמליכקייטן פון די אייזנבאַנען; זעט נאָר ווי טייער עס האַלט
זיי דער פּויער, וועלכער האָט צום ערשטן מאָל זיך אַריינגעזעצט אין
וואַגאָן נאָכדעם ווי ער איז אַ צייט געגאַנגען צופוס אין רעגן: אָבער
ניט ער האָט זיי באַשאַפן. דאָס אייגענע אויך אויפ'ן דאַמף־שיף:
עס פרייט זיך אָהן אַ סוף דער אומגליקליכער גאַליציאַנער פּויער,
וועלכער עמיגרירט צו זיינע קרובים אין אַמעריקאַ. אָבער דאָס אַלץ
איז ניט קיין פּראָדוקט פון דער פּערזענליכער שאַפונג, נאָר פון דעם
קאָלעקטיוון שאַפן, און בכן גייט דאָס געזעץ פון לעבן להיפך ספּענ־
סער'ס שלום־אויספיר.

דאָס דאָזיגע געזעץ זאָגט אונז, אַז אין דעם ערד וואָס די ציוו־
ווילי‍זאַציע אַנטוויקלט זיך, געווינט זיך דער מענש אַלץ מער און
מער צו באַנוצן זיך מיט די גיטער, וואָס ניט ער האָט ערוואָרבן, נאָר
די מענשהייט בכלל. און דער מענש האָט דאָס אָנגעהויבן זיך אויס־
לערנען פון די גאַנץ פריעסטע צייטן אָן פון דעם שטאַם־לעבן. טוט
אַ קוק אויפ'ן דערפל פון דעם גאָר פּרימיטיוון אינזל־באַוואוינער פון
שטילן אָקעאַן, מיט זיין גרויסן באַלאַע (קהל'שן הויז), מיט זיינע
אָנגעזעצטע בוימער, מיט זיינע לאָדקעס, זיינע געיעג־רעגעלן, זיינע
רעגעלן פון אָנשטענדיגן פאַרקער מיט זיינע נאָכבאַרן, א. אַז. וו.
אפילו ביי די איבערגעבליבענע מענשן פון דעם אייז־פּעריאָד, ביי
די עסקימאָסן, איז שוין פאַראַן זייערע אייגענע ציוויליזאַציע און
אַן אייגן וויסן, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבעט פון אַלעמען, און ניט
פון יחידים. אַזוי אַז אַפילו ספּענסער איז געווען געצוואונגען אויס־
צודריקן דעם גרונט־רעגל פון לעבן מיט אַזוינע באַגרענצונגען, ווי
„די פאַרפאַלגונג פון פּערזענליכן גליק אין די גרענעצן
וואָס ווערן פאָרגעשריבן פון די געזעלשאַפט־
ליכע באַדינגונגען" (ז. 190). אין דער ווירקליכקייט,
אין דעם שטאַם־לעבן — און קיין פאַראיינצלט לעבן האָט קיינמאָל
ניט עקזיסטירט — לערנט מען דעם ווילדן שוין פון קינדהייט אָן,
אַז אַ לעבן פאַר זיך און אַן אָפּגעזונדערטער געגנוס איז אַן אוממעג־

ליבקייט. אויף אָט דעם יסוד, און ניט אויף דעם יסוד פון עגאָאיזם, שטעלט זיך צוזאַמען זייער גאַנצעס לעבן, פּונקט ווי אין אַ קאָלאָניע פון קראָהען אָדער אין דעם נעסט פון מוראַשקעס.

בכלל איז דער גאַנצער טייל, וואָס ספּענסער האָט אָפּגעגעבן פאַר דער פאַרטיידיגונג פון דעם עגאָאיזם, זייער אַ שוואַכער. די פאַרטיידיגונג פון דעם עגאָאיזם איז גאַנץ געוויס געווען נויטיג, דערהויפּט, ווי ספּענסער האָט געשריבן אין אָנהויב פון זיין פאַר־שונג, ווייל די רעליגיעזע מאָראַליסטן האָבן שוין צופיל אומפאַרנינפ־טיגעס געפאָדערט פון דעם יחיד. אָבער די באַווייזן, וואָס ער האָט געבראַכט, האָבן גיכער געפירט צו באַרעכטיגן די ניטצשעאַנישע „בלאָנדע בעסטיע“, איידער צו פאַרטיידיגן „דעם געזונטן גייסט אין דעם געזונטן קערפּער“. צוליב דעם איז ער געקומען צו אַזאַ שלום: „און בכן איז קלאָר באַוויזן געוואָרן, אַז אין דעם זין פון געצוואונ־גענער נויטווענדיקייט (ווי אַן אימפּעראַטיוו) גייט דער עגאָאיזם פריער פאַר דעם אַלטרואיזם“ — אַ שלום, וואָס איז פול מיט אומ־באַשטימטקייט, וואָס ענטוועדער ער זאָגט גאָרנישט, אָדער ער פירט צו אומבאַגרינדעטע שלוסן.

אמת, אין דעם נעקסטן קאַפּיטל „אַלטרואיזם געגן עגאָאיזם“ האָט ספּענסער, האַלטנדיג זיך אָן דעם סיסטעם פון באַשולדיגונג און פאַרטיידיגונג רעדעס אין געריכט, געזוכט אַרויסצושטעלן די גרויסע באַדייטונג פון אַלטרואיזם אין לעבן פון דער נאַטור. שוין אין דעם לעבן פון די פויגלען, בעת אויף זייערע קינדער לויערט אַ געפאַר, זעט זיך אַרויס אין זייערע אָנשטריינגונגען אָפּצואווענדן די געפאַר, ריזיקירנדיג מיט זייער אייגענעם לעבן, אַן אמת׳ער אַל־טרואיזם, ווען אַפילו נאָך אַ האַלב־באַוואוסטזיניגער. אָבער צי באַ־וואוסטזיניג, צי ניט, די ריזיקע איז אין ביידע פאַלן דיזעלביגע: די פויגל ריזיקירט מיט איר לעבן. אַזוי אַז ספּענסער האָט געמוזט אָנ־דערקענען, אַז די זעלבסטאָפּפערונג ווייזט זיך אַרויס פּונקט אַזאַ גרונט־פאַקט פון דער נאַ־טור, ווי די זעלבסטדערהאַלטונג (§ 75).

און שפּעטער, אין דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון די חיות און דעם מענשן, ווערט אַלץ פולער דורכגעפירט דער איבערגאַנג פון דעם אומבאַוואוסטזיניגן עלטערנס אַלטרואיזם צו דעם באַוואוסטזי־ניגן, און עס באַווייזן זיך אַלץ מער נייע פאָרמען פון דער אידענ־

טיפיצירונג פון די פערזענליכע נוצן מיט די נוצן פון דעם נעקסטן און דערנאך פון דער גאנצער געזעלשאפט.

אפילו אין די אלטרואיסטישע טעטיגקייטן ווערט מעגליך אן עגאאיסטישער פארגעניגן, ווי מען קאן עס זען אין די קונסטווערק, וועלכע שטרעבן צו פאראייניגן אלעמען אין אן אלגעמיינעם גענוס. אבער אפילו גאר אין אנהויב פון לעבן איז דער עגאאיזם אפהייננגיג פון דעם אלטרואיזם, פונקט ווי דער אלטרואיזם איז אפגעהאנגען פון דעם עגאאיזם (§ 81).

אט די באמערקונג ספענסערס איז פולשטענדיג ריכטיג. אבער אויב מען זאל שוין אננעמען דאס ווארט אלטרואיזם, וואס אוגוסט קאנט האט ארייננעפירט, ווי א היפך פון עגאאיזם, ד. ה. פון אייגנליבע — איז וואס איז אזוינס עטיק? צו וואס שטרעבט, און האט אלעמאל געשטרעבט, די מאראל, וואס האט זיך אויסגעארבעט אין די געזעלשאפטן פון חיות און מענשן, אויב ניט דערצו, כדי צו קעמפן אנטקעגן די איינגע טריבן פון עגאאיזם און דערציען די מענשהייט אין דעם זין פון דער אנטוויקלונג אין איר פון אלטרואיזם? די אויסדריקן „עגאאיזם" און „אלטרואיזם" גופא זיינען ניט ריכטיג, ווארים עס איז ניטא קיין ריינער אלטרואיזם אהן א פערזענליכן פארגעניגן אין דעם, ממילא הייסט עס, אהן עגאאיזם. און דעריבער וואלט געווען ריכטיגער צו זאגן, אז די מאראלע לערען, ד. ה. די עטיק, האבן אין אויג די אנטוויקלונג פון די געזעלשאפטליכע געוווינהייטן און די אפשוואכונג פון די איינג-פערזענליכע געוווינהייטן, וועלכע זעהען ניט די געזעלשאפט צוליב זייער פערזענליכקייט, און דעריבער גרייכן זיי ניט אפילו זייער אייגענעם ציל, ד. ה. דעם וואוילזיין פון דער פערזאן: בעת די אנטוויקלונגען פון די געוווינהייטן צו געזעלשאפטליכער ארבעט און פון געגנזייטיגער הילף בכלל פירט צו א ריי וואוילטעטיגע פאלגן אי אין דער פאמיליע, אי אין דער געזעלשאפט.

נאכדעם ווי ספענסער האט אין דעם ערשטן טייל („די דאטן פון דער עטיק") באטראכט די אנטשטייאונג פון דאס מאראלע אין מענשן פון א פיזישן שטאנדפונקט, פון דעם שטאנדפונקט פון דער אנטוויקלונג פון לעבן (ביאלאגיש), פון גייסטיקייט (פסיכאלאגיש) און פון געזעלשאפטליכקייט (סאציאלאגיש), האט ער שפעטער אנא־

ליזירט דעם עצם פון דער מאָראַל. אין דעם מענשן און אין דער געזעלשאַפט בכלל, האָט ער געשריבן, קומט שטענדיק פאָר אַ קאַמף צווישן עגאָאיזם און אַלטרואיזם, און דער צוועק פון דער מאָראַל באַשטייט אין אַ איינשטימונג צווישן אָט די צוויי געגנגעזעצטע שטרעמונגען. די מענשן קומען צו אַזאַ איינשטימונג און אַפילו צו דעם נצחון פון די געזעלשאַפטליכע טריבן איבער די טריבן פון דער פּערזענליכער אייגנליבע צוליב די שטופּנאַרטיגע ענדערונגען פון די גרינדליכסטע פּרינציפּן פון זייערע געזעלשאַפטן.

וואָס איז שייך דער אַנטשטייאונג פון דערדאָזיגער איינשטימונג, האָט ספּענסער ליידער נאָך אַלץ זיך געהאַלטען אָן דער מיינונג, וואָס האָבבס האָט אַרויסגעזאָגט. מענשן, האָט ער געדיינקט, האָבן אַמאָל געלעבט ווי געוויסע ווילדע חיות, אַ שטייגער די טיגערן, (זייער ווייניגע טיגערן, מוז מען זאָגן, לעבן אַזוי איצטער), אייביג גרייט אָנצופאַלן איינע אויף די אַנדערע און דער׳הרג׳ענען איינע די אַנדערע. דערנאָך, אין איין שיינעם טאָג האָבן די מענשן באַשלאָסן זיך צו פאַראייניגן אין אַ געזעלשאַפט, און פון יענער צייט אָן האָט זיך זייער געזעלשאַפטליכקייט אַלץ מער און מער אַנטוויקלט.

גאָר אין אָנהויב איז די געזעלשאַפטליכע אָרדענונג געווען אַ מיליטערישע אָדער אַ קריגערישע. אַלץ איז אין איר אונטערוואָרפן געוואָרן צו די פאָדערונגען פון מלחמה און קאַמף. קריגערישע טאַפּפערקייט האָט זיך גערעכנט פאַר דער העכסטער טוגנד, די פייאיקייט אָפּצונעמען ביי די נאָכבאַרן ווייבער אָדער וועלכע עס איז רייכטימער, איז געלויבט געוואָרן ווי די העכסטע פאַרדינסט, און צוליב דעם האָט זיך די גאַנצע מאָראַל איינגעשטעלט אין איינקלאַנג מיט אָט דעם אידעאַל. ערשט ביסלאַכווייז האָט אָנגעהויבן זיך פאָרמירן אַ נייע אָרדענונג — די אינדוסטריעלע — אין וועלכער מיר געפינען זיך איצטער, הגם אַפילו ביי אונז זיינען נאָך ווייט ניט פאַרשוואונדן די כאַראַקטערשטריכן פון דעם מיליטערישן לעבן. אָבער איצטער אַרבעטן זיך שוין אויס די שטריכן פון דעם אינדוסטריעלן לעבן, און צוזאַמען מיט זיי וואַקסט אויס אַ נייע מאָראַל, אין וועלכער עס נעמען די אויבערהאַנט אַזוינע שטריכן פון אַ פרידליכער געזעלשאַפטליכקייט, ווי די געגנזייטיגע סימפּאַטיע, און צוזאַמען דערמיט באַווייזט זיך אויך אַ גאַנצע ריי וואוילטאַטן, וואָס זיינען געווען אומבאַקאַנט אין דער פריערדיגער לעבנס־אָרדענונג.

אויף וויפיל ספּענסער׳ס פאַרשטעלונג וועגן די פּרימיטיווע פעלקער איז ניט ריכטיג און זאָגאר פאַנטאַסטיש, קאָן דער לעזער זיך דערוויסן פון די פילע ווערק פון היינטיגע און פריערדיגע פאָר־שער, וועלכע איך האָב דערמאַנט אין מיין ווערק „געגנזייטיגע הילף״. נאָר ניט אום דעם גייט עס. אונז איז דער עיקר וויכטיג צו וויסן ווי אַזוי עס האָבן זיך שפּעטער אַנטוויקלט ביים מענשן מאָראַלע באַגריפן.

צוערשט איז די איינשטעלונג פון די לעבנס־רעגעלן געווען די זאַך פון די רעליגיעס. זיי האָבן דערהויבן און געלויבט דעם קריג און די קריגערישע טוגענדן: מוט, געהאָרכזאַמקייט צו די עלטסטע, באַרמלאַזיקייט א. אז. וו. אָבער צוגלייך מיט דער רעליגיעזער עטיק איז שוין געבוירן געוואָרן די אוטיליטאַרישע עטיק. אירע שפּורן זעהען זיך שוין אין אַלטן עגיפּטן. שפּעטער, ביי סאָקראַטעסן און אַריסטאָטעלן טיילט זיך אָפּ די מאָראַל פון רעליגיע און ווי א מאָס אָפּצושאַצן דעם מענשנס אויפפיר ווערט שוין איינגעפירט די גע־זעלשאַפטליכע נ י צ ל י כ ק י י ט, ד. ה. דער פּרינציפּ פון אוטיליטאַ־ריזם. אָט דער פּרינציפּ קעמפט אין פאַרלויף פון גאַנצן מיטלאַל־טער מיט דעם רעליגיעזן פּרינציפּ, און דערנאָך, אָנהויבנדיג, ווי מיר האָבן געזען, פון די צייטן פון דער רענעסאַנס, טרעט דער אוטיליטאַרישער פּרינציפּ אַרויס פון דאָס ניי און פאַרשטאַרקט זיך דערהויפּט אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י. ה. אין 19טן י. ה., זינט די צייטן פון בענטאַם און מילל, זאָגט ספּענסער, „איז דער פּרינציפּ פון ניצליכקייט פעסט אָוועקגעשטעלט ווי די איינציגע מאָס פון אויפפירונג״ (§ 116) — וואָס איז אָבער אינגאַנצן ניט ריכטיג, היות ווי ספּענסער׳ס עטיק טרעט שוין אַ ביסל אָפּ פון אַזאַ שמאָלן באַגריף פון מאָראַל. די געוויינהייט זיך צו רעכענען מיט געוויסע רעגעלן פון אויפפיר, ווי אויך די רעליגיע און די אָפּשאַצונג פון דער ניצליכקייט פון די אָדער יענע מנהגים, האָבן אַרויסגערופן באַ־גריפן און געפילן, וואָס זיינען געווען צוגעפּאַסט צו געוויסע מאָראַ־לע רעגעלן, און אויף דעם אופן האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ פאַרצוג פאַר אַזאַ אויפפירונג, וואָס פירט צו דעם געזעלשאַפטליכן וואויל־שטאַנד, און אַן אַנטיפּאַטיע אָדער אפילו אַ טאַדלונג פון אַ האַנדלונג, וואָס פירט צו פאַרקערטע פאָלגן. אויף צו באַשטעטיגן זיין מיי־נונג האָט ספּענסער געבראַכט (§ 117) אַ ביישפּיל פון די ביכער

פון דער אוראַלטער אינדיע און פון קאָנפוציוס, וואו מען קאָן זען ווי די מאָראַל האָט זיך אַנטוויקלט אָהן די פאַרשפּרעכונגען פון באַ־לוינונג פון אויבן. אַזאַ אַנטוויקלונג איז לויט ספּענסערס מיינונג אַרויסגעקומען דערפון, וואָס די, וועלכע זיינען געווען בעסער צו־געפּאַסט צו אַ פרידליכן געזעלשאַפטליכן לעבן, האָבן איבערגעלעבט די אַנדערע.

אין דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון די מאָראַלע געפילן האָט אָבער ספּענסער, געזען נישט מער ווי נוצליכקייט. קיין פירענדיגן פּרינציפּ, אַ גייסטיגן, אָדער אַזעלכן וואָס נעמט זיך פון אַ געפיל, האָט ער ניט באַמערקט. אין איין לעבנס־פאָרם איז פאַר מענשן געווען ניצליך צו פירן מלחמות און רויבן, האָבן זיך ביי זיי אַנטוויקלט רעגעלן פון לעבן, וואָס האָבן פון פאַרגוואַלטיגונג און רויבעריי געמאַכט מאָ־ראַלע פּרינציפּן. האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַ אינדוסטריעל־האַנדלס לעבן, האָבן זיך אומגעביטן די באַגריפן און געפילן, און מיט זיי אויך די רעגעלן פון לעבן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן בילדן אַ נייע רעליגיע און אַ נייע עטיק. מיט זיי צוזאַמען האָט זיך אַנטוויקלט אויך דאָס, וואָס ספּענסער רופט אָן אַן אונטער־שפּאַר פון מאָראַלער לערע (אַ פאַר־עטיק, אַ „במקום עטיק”) ד. ה. אַ ריי לעבנס רעגעלן און געזעצן, אָפטמאָל אומזיניגע, ווי דער דועל, און אָפטמאָל פון גאַנץ אומבאַשטימטער אָפּשטאַמונג.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז ספּענסער האָט שוין אַליין, מיט זיין אייגנטימליכער געוויסנהאַפטיקייט, אָנגעמערקט אייניגע פּונקטן, וואָס לאָזן זיך ניט דערקלערן פון זיין שטאַנדפּונקט פון דער אויס־שליסליך אוטיליטאַרישער אַנטוויקלונג פון דער מאָראַל.

עס איז באַקאַנט, אַז אין משך פון גאַנצע נייַנצן יאָרהונדערטן, זינט עס איז אויפגעקומען די קריסטליכע לערע, האָט די מיליטערי־שע רויבעריי ניט אויפגעהערט זיך אַרויסצושטעלן ווי אַ גרויסע טוגנד. אַלכסנדר מוקדן, קאַרל דער גרויסער, פּעטר דער 1סטער, פרידריך דער 2טער, נאַפּאָלעאָן, רעכענען זיך נאָך ביז היינטיגן טאָג פאַר העלדן. אָבער שוין אין דער אינדישער מאַהאַבהאַראַטאַ, דער־הויפּט אין איר צווייטן טייל, געפינט זיך שוין אַן אַנדער לערע. דאָרט שטייט געשריבן: — „זיי זיך נוהג מיט אַנדערע אַזוי, ווי דו וואָלסט געוואָלט מען זאָל זיך נוהג זיין מיט דיר. טו ניט דיין נאָכ־

באר קיין זאך ניט אזוינס, וואס דו וואלסט שפעטער זיך אליין ניט
געוואונשן. קוק אויף דיין נאכבאר ווי אויף זיך אליין". דער כי־
נע[illegible]ער לאא־צזע האט אויך געלערנט, אז „פרידן איז דער העכסטער
צוועק". די פערסישע דיינקער און דער אידישער ספר ויקרא האבן
געלערנט דאסזעלביגע א צייט פריער איידער עס האט זיך באוויזן
דער בודדיזם און דאס קריסטנטום. מער ווי אלץ אבער ווידער־
שפרעכט די ספענסערישע טעאריע דאס, וואס ער האט אליין גע־
וויסנהאפטיג באמערקט וועגן די פרידליכע זייטן פון אזוינע „ווילדע"
פעלקער ווי צום ביישפיל די פרימיטיווע איינוואוינער פון סומאט־
רא, אדער ווי די טהארוסן אין די הימאלאיען, דער פארבאנד פון
די איראקיזן, וואס מארגאן האט באשריבן, א. אז. וו. אט די פאקטן,
ווי אויך די מאסן פון פונקט אזוינע פאקטן, וואס איך האב גע־
בראכט אין דער „געגנזייטיגער הילף" בנוגע די ווילדע, און פון דער
מענשהייט אין דעם אזוי אנגערופענעם פעריאד פון „בארבאריי",
ד. ה. אין דעם „שטאם"־פעריאד, און א מאסע אנדערע פאקטן, וואס
געפינען זיך שוין אין די ווערק איבער אנטראפאלאגיע, זיינען פול־
שטענדיג פעסטגעשטעלט און זיי באווייזן, אז אויב אין אנהויב פון
דער געבורט פונם שטאט און אין די שוין פארמירטע שטאטן האט
די עטיק פון רויב, פארגוואלטיגונג און קנעכטשאפט געהאט די אויי־
בערהאנט אין די רעגירנדע קרייזן, האט אין די פאלקס מאסן עק־
זיסטירט זינט די צייטן פון די גאר פרימיטיווע ווילדע אן אנדער
עטיק: *די עטיק פון גלייכבארעכטיגונג* און
פאלגליך פון *געגנזייטיגן וואוילוויל*. אזא עטיק איז
שוין געפריידיגט און פראקטיצירט געווארן אפילו אין דעם גאר
פרימיטיוון טירישן עפאס, ווי איך האב דארויף אנגעוויזן אין צווייטן
קאפיטל פון אט דעם בוך.

אין דעם צווייטן טייל פון „די פרינציפן פון עטיק", אין דעם
אפטייל „די אינדוקציעס פון דער עטיק", איז ספענסער געקומען
צום שלום, אז די מאראלע דערשיינונגען זיינען אויסערגעוויינליך
קאמפליצירט און עס איז שווער ארויסצופירן פון זיי א גענעראלי־
זאציע. אין דער ווירקליכקייט זיינען זיינע שלוסן טאקע ניט קלאר,
און ער האט נאר איין זאך געשטרעבט באשטימט צו באווייזן, דאס
איז, אז דער איבערגאנג פון דעם קריגערישן לעבן צו דעם פרידליכן
אינדוסטריעלן פירט, ווי אוגוסט קאנט האט שוין דארויף אנגע־

וויזן, צו דער אנטוויקלונג פון א ריי געזעלשאפטליכע פרידליכע טוגנדן. „דערפון פאלגט, האט ער געשריבן, אז די לערע פון מיטגעבוירענע מאראלע געפילן איז ניט ריכטיג אין איר אורשפרינגליכער פארם, אבער זי מערקט אן אין *אלגעמיינע שטריכן* א פיל העכערע ווארהייט, און דאס איז, אז די געפילן און אידייען, וואס שטעלן זיך איין אין יעדער געזעלשאפט, זיינען צוגעפאסט צו די טעטיקייטן, וואס הערשן פאר אין איר" (§ 191).

יעדער לעזער האט געווים באמערקט ווי אומדערווארטעט עס איז אזא כמעט־באנאלער שלום. אויף אן אמת האט מען די פאקטן, וואס ספענסער האט געבראכט, און די מאסע פונקט אזוינע פאקטן, וואס די פארשונג פון די פרימיטיווע פעלקער גיט אונז, געדארפט ריכטיגער פארשטעלן אין אזא פארם: — *דער פונדאמענט פון יעדער מאראל איז: דער געפיל פון געזעלשאפטליכקייט, וואס איז איינגעטימליך פאר דער גאנצער וועלט, און דער אורטייל פון גלייכבארעכטיגונג, וועלכער איז איינער פון די פונדאמענטאלע פרימערע אורטיילן פון דעם מענשליכן פארשטאנד.* צום באדויערן שטערן נאך עד היום די רויבערישע אינסטינקטן, וואס זיינען פארבליבן אין די מענשן זינט די פרימיטיווע שטופן פון זייער אנטוויקלונג, אנצודערקענען דעם געפיל פון געזעלשאפטליכקייט און דעם באוואוסטזיין פון גלייכבארעכטיגונג פאר די גרונט־יסודות פון די מאראלע אורטיילן. דידאזיגע אינסטינקטן זיינען ניט נאר פארבליבן, נאר זיינען שטארק אנטוויקלט געווארן אין פארשיידענע צייטן פון דער געשיכטע, אין דעם ערך וואס עס זיינען געשאפן געווארן נייע וועגן ווי רייך צו ווערן; ווי די ערד־ארבעט האט זיך אנטוויקלט אנשטאט דעם געיעג, ווי עס האט זיך אנטוויקלט דער האנדל, די שטאטישע אינדוסטריע, די באנק־געשעפטן, די אייזנבאנען און שיפן־פארקער, און ענדליך די ערפינדונגען אין די מיליטערישע עסקים ווי אן אומפארמיידליכע פאלגע פון דער ערפינדערישקייט אין דער אינדוסטריע, — מיט אייןווארט, אלץ וואס האט געגעבן א מעגליכקייט איניגע געזעלשאפטן, וועלכע האבן אריבערגעיאגט די אנדערע, צו ווערן רייך אויפ'ן חשבון פון זייערע אפגעשטאנענע שכנים. דעם לעצטן אקט פון אט דער

אנטוויקלונג האבן מיר געזען אין דער שרעקליכער מלחמה, וואס האט זיך אנגעהויבן אין יאר 1914.

ספענסער האט געווידמעט דעם צווייטן באנד פון זיין עטיק צו די צוויי גרונט־באגריפן פון מאראל — צו דער גערעכטיגקייט און צו דאס, וואס גייט ווייטער איידער די איינפאכע גערעכטיקייט, וואס ער האט אנגערופן „וואוילטעטיקייט: נעגאטיווע און פאזי־טיווע", ד. ה. דאס, וואס מיר וואלטן אנגערופן גרויסמוטיקייט, הגם אט דער נאמען איז אויך ניט אינגאנצן צופרידנשטעלנד. שוין אין די געזעלשאפטן פון חיות — האט ספענסער געשריבן אין יענע קאפיטלען, וועלכע ער האט ארייננגעשטעלט אין זיין עטיק אין יאר 1890 — קאן מען אונטערשיידן גוטע און שלעכטע האנדלונגען, און דערביי רופן מיר אן די גוטע, ד. ה. די אלטרואיסטישע, יענע האנד־לונגען, וועלכע זיינען ניצליך ניט אזויפיל פאר'ן יחיד, וויפיל פאר דער באטרעפנדער געזעלשאפט, און וועלכע העלפן דער אויפהאל־טונג פון אנדערע איינצעלנע אדער פון דעם מין בכלל. פון דעם אר־בעט זיך אויס דאס, וואס מען קאן אנרופן „די אונטערמענשליכע גערעכטיקייט", וועלכע דערגרייכט ביסלאכוויז אלץ א גרעסער־ע אנטוויקלונג. אין דער געזעלשאפט ווערן די איינגוויליגע זיטן גע־מעסיגט, די שטארקערע הויבן אן צו פארטיידיגן די שוואכע, די אינדיווידועלע אייגנטימליכקייטן באקומען א גרעסערע באדייטונג און עס פארמירן זיך בכלל די נויטיגע כאראקטערן פאר דעם גע־זעלשאפטליכן לעבן. עס ארבייטן זיך אויס אויף דעם אופן ביי די חיות די פארמען פון געזעלשאפטליכקייט. עס זיינען, פארשטייט זיך, פאראן אויסנאמען, אבער זיי ווערן ביסלאכוויז פארשוואונדן.

דערנאך, אין די צוויי קאפיטלען, וואס זיינען געווידמעט דער גערעכטיקייט, האט ספענסער באוויזן ווי אין אנהויב האט זיך דערדאזיגער געפיל אויסגעארבעט פון די פערזענליכע עגאאיסטישע טריבן (די מורא פאר דער נקמה פון דעם באליידיגטן אדער פון זיינע חברים, אדער פון די פארשטארבענע מיטגלידער פון דעם שטאם), און ווי אזוי עס איז ביסלאכוויז באשאפן געווארן, צוזא־מען מיט דער גייסטיגער אנטוויקלונג פון די מענשן, דער געפיל פון נעגנזייטיגער סימפאטיע. און דערנאך האט זיך אויך אויסגע־ארבייט דער גייסטיגער באגריף וועגן גערעכטיקייט, הגם די מלחמות האבן, פארשטייט זיך, געשטערט זיין אנטוויקלונג: צוערשט די

מלחמות צווישן די שטאַמען און שפּעטער — צווישן די פעלקער. ביי די גריכן, ווי מען קאָן עס זען פון די שריפטן פון זייערע דיינ־קער, איז דער באַגריף וועגן גערעכטיקייט געווען זייער אומבאַ־שטימט. דאָס אייגענע אויך אין מיטלאַלטער, ווען פאַר אַ באַשע־דיגונג אָדער פאַר אַ מאָרד האָט געקומט די גאַליטענע ניט קיין גליי־כע באַלוינונג, וואָס איז אָפּגעהאַנגען פון דעם צו וועלכן קלאַס זיי האָבן געהערט. און ערשט ביים סוף 18טן און אָנהויב 19טן י. ה. געפינען מיר ביי בענטאַם און מילל, אַז „יעדערער דאַרף ווערן גע־רעכנט פאַר איינעם און קיינער דאַרף ניט ווערן גערעכנט פאַר מער ווי איינעם" (Everybody to count for one and nobody for more than one). אין דעמזעלביגן באַגריף פון גלייכבאַרעכטיגונג האַלטן זיך איצטער די סאָציאַליסטן. אָבער פון אָט דעם נייעם פּרינציפּ פון גלייכהייט, וועלכן — איך וואָלט צולייגן — מען האָט אָנגע־הויבן אָנצוערקענען ערשט זינט די צייטן פון דער ערשטער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע, האַלט ספּענסער ניט: ער זעט אין אים אַ מענגליכן אונטערגאַנג פון דעם מין. ניט אַפּלייקענענדיג דעמדאָזיגן פּרינציפּ, זוכט ער דעריבער אַ קאָמפּראָמיס, ווי ער האָט דאָס שוין געטאָן פריער אויף די פאַרשיידענע געביטן פון זיין סינטעטישער פילאָסאָפיע.

אין טעאָריע אָנדערקענט ער פולשטענדיג די רעכטליכע גלייכ־הייט; נאָר דיינקענדיג אין דעם פאַל ווי ער האָט געדיינקט בעת ער האָט געשריבן וועגן דער טעאָריע פון אַסאָציאַציע און דער טראַנסצענדענטאַלער טעאָריע פון פאַרשטאַנד, זוכט ער אין דעם לעבן אַן אויסאייניגונג צווישן דער געוואונשענער גלייכבאַרעכטיגונג און די ניט־גלייכרעכטליכע פאָדערונגען פון די מענשן. פון דור צו דור, זאָגט ער, איז אָנגעגאַנגען אַ צופּאַסונג פון אונזערע געפילן צו די פאָדערונגען פון אונזער לעבן און דער פועל יוצא דערפון איז געווען אַן אויסאייניגונג צווישן דער אינטואיטיווער און דער או־טיליטאַרישער טעאָריע פון מאָראַל.

בכלל פאַרשטייט ספּענסער די גערעכטיקייט ווי פאָלגט: יעדע־רער האָט אַ רעכט צו טאָן אַלץ וואָס ער וויל, בתנאי אַז ער שטערט ניט די דיזעלביגע פרייהייט פון יעדן אַנדערן מענשן. יעדן איינעמס פרייהייט איז באַשריינקט בלויז דורך דערזעלבער פרייהייט פון אַלע אַנדערע.

„לאמיר געדיינקען. זאגט ספענסער, אז אונזער צוועק (אויב ניט דער אוממיטלבארער, איז יעדנפאלס דער צוועק, צו וועלכן מיר שטרעבן) — די גרעסטע סומע גליקליכקייט — האט געוויסע גרעניצן, ווארים אויף דער אנדער זייט פון אירע גרעניצן ליגן די געביטן פון די טעטיגקייטן פון אנדערע מענשן” (§ 728). אט די לעצטע קארעקציע, האט ספענסער געשריבן, ווערט אריינגעטראגן דורך די באציאונגען צווישן די מענשליכע פעלקער און אויך אין יעדן פאלק; און אין דעם ערד, וואס זי ווערט א הרגל אין לעבן, אנטוויקלט זיך דער אויבענדערמאנטער באגריף פון גערעכטיגקייט.

איניגע פרימיטיווע פעלקער, וואס שטייען אויף א זייער נידעריגער שטופע פון אנטוויקלונג, פארשטייען פונדעסטוועגן גערעכטיקייט בעסער איידער די מער אנטוויקלטע פעלקער, ביי וועלכע עס האלטן זיך נאך די געוויינהייטן פון דער פריערדיגער מיליטערישער ארדענונג סיי אין לעבן, סיי אין דיינקען. עס איז קיין ספק ניט, אויב מען נעמט אן די היפאטעזע פון עוואלוציע, אז אזא נאטירליך־פארמירטער באגריף פון גערעכטיקייט, ווירקנדיג אויפ'ן מענשליכן פארשטאנד אין משך פון א לאנגען פעריאד, האט ארויסגעבראכט דירעקט אדער אינדירעקט א באשטימטע ארגאניזאציע פון אונזער נערוון־סיסטעם און ווי א פועל יוצא דערפון געשאפן א באשטימטן ארט דיינקען, וואס דעריבער זיינען די שלוסן פון אונזער שכל, וועלכע האבן זיך באקומען פון דעם לעבן פון א גרויסער צאל מענשן, פונקט אזוי ריכטיג ווי די שלוסן פון איין מענשן, וואס ער באקומט פון זיינע פערזענליכע באאבאכטונגען. אויב זיי זיינען ניט ריכטיג אין בוכשטעבליכן זין פונם ווארט, קאנען זיי פונדעסטוועגן דינען פעסטצושטעלן די ווארהייט. *

* **אט דעם פאראגראף, דעם 278טן, ווען ער וואלט ניט געווען אזוי** לאנג, וואלט כדאי געווען בריינגען אינגאנצן. די פאלגנדע צוויי פאראגראפן זיינען אויך וויכטיג אויף צו פארשטיין ספענסער'ס עטיק אין דער פראגע פון גערעכטיגקייט. וועגן דערזעלביגער פראגע האט ער אויך געשריבן פריהער, אין דעם נייניטן קאפיטל „קריטיקן און דערקלערונגען”, ענטפערנדיג אויף סידזשוויקס טענות געגן דעם העדאניזם, ד. ה. געגן דער טעאריע פון מאראל, וואס איז געבויט אויף זוכן גליק. ער האט איינגעשטימט מיט סידזשוויקן, אז די אפוועגונגען פון די פארגעניגנס און ליידן, וואס די אוטיליטאריסטן מאכן, וואלט מען געדארפט באשטעטיגן אדער אויספרובירן דורך א וועלכן עס איז אנדער מיטל.

דערמיט האט ספענסער פארענדיגט דעם אנאליז פון די יסודות פון דער עטיק און איז אריבערגעגאנגען דערנאך צו זייערע אנווענדונגען אין דעם לעבן פון די געזעלשאפטן, סיי פון דעם שטאנדפונקט פון דער אבסאלוטער עטיק, סיי פון דער רעלאטיווער, ד. ה. פון דער עטיק, וואס שטעלט זיך איין אין ווירקליכן לעבן (קאפיטלען 8 ביז 21). נאכדעם האט ער אפגעגעבן זיבן קאפיטלען פאר דעם אנאליז פון דעם שטאט, פון זיין עצם און זיינע פונקציעס. אין אט די קאפיטלען איז ער ארויסגעטראטן ווי זיין פארגייער גאדווין מיט א שטרייניגער קריטיק אויף די מאדערנע טעאריעס וועגן רעגירונג און געגן דעם אונטערווארפן פון דאס גאנצע געזעלשאפטליכע לעבן צום שטאט.

ארייגפירנדיג אין דער עטיק אן אנאליז פון דער פארם, אין וועלכער די געזעלשאפט האט זיך אויסגעבילדעט — א ענין, וועלכן מען האט פריער כמעט ניט געשאנקען קיין אויפמערקזאמקייט — האט ספענסער געהאנדלט פולשטענדיג ריכטיג. אונזערע באגריפן וועגן דער מאראל פון מענשן הייגנט אינגאנצן אפ דערפון, אין וואס

ער מאכט דערביי אויפמערקזאם, אז וואס מער דער מענש אנטוויקלט זיך, אלץ קאמפליצירטער ווערן די מיטלען פון באפרידיגן זיינע פארלאנגען. זייער אפט פארפאלגט דער מענש ניט דעם צוועק גופא, צום ביישפיעל געוויסע געניסן אדער רייכטימער בכלל, נאר די מיטלען, וואס פירן דערצו. בכלל ארבעט זיך אט אזוי אוים ביסלאכווייז א ראציאנעלער, פארנינפטיגער אוטיליטאריזם פון די אוממיטלבארע שטרעבונגען צו דאס אנגענעמע. און אט דער פארנינפטיגער אוטיליטאריזם שטרעבט צו א לעבן, וואס איז איינשטימיג מיט געוויסע גרונט־פרינציפן פון מאראל. באהויפטן, אז די גערעכטיקייט ווי א צוועק אין לעבן איז פאר אונז אומבאגרייפליך, בעת דאס גליק איז יא באגרייפליך (אזוי האט געדוינקט בענטאם) — איז ניט ריכטיג. די פרימיטיווע פעלקער האבן ניט קיין ווארט אויסצודריקן גליק, בעת זיי האבן א פולשטענדיג באשטימטן באגריף וועגן גערעכטיקייט, וועלכער אריסטאטעל האט שוין דעפינירט אזוי צו זאגן: „אומגערעכט איז אויך דער, וואס נעמט מער וויפיל זיין חלק“, און איך קאן דערצו מוסיף זיין, אז אט דער רעגל ווערט בפועל ממש זייער שטרייגג אפגעהיט ביי די גאר פרימיטיווע פון אלע ווילדע, וועלכע זיינען אונז באקאנט. בכלל איז ספענסער געווען גערעכט מיט זיין באהויפטונג, אז די גערעכטיקייט ווי א רעגל פון לעבן איז מער באגרייפליך איידער דאס גליק, וואס ווערט ארויסגעשטעלט ווי אט אזא רעגל.

פאר א פארם עס האט זיך אויסגעבילדעט זייער געמיינשאפטליך לעבן אין א געוויסער צייט און אין א געוויסן פלאץ. איז זייער געזעלשאפט געבויט אויף א פולשטענדיגער אונטערטעניגקייט צו א צענטראלער מאכט — א גייסטיגער אדער א וועלטלאכער — אויף אן אויטאקראטיע אדער א רעפרעזענטאטיווער רעגירונג, אויף צענטראליזאציע אדער אויף אפמאכן פון פרייע שטעט און דארפישע געמיינדען; איז דאס עקאנאמישע לעבן געבויט אויף דער מאכט פון קאפיטאל אדער אויף אן ארבעטס-פרינציפ — דאס אלץ שפיגלט זיך אפ אין די מענשנס מאראלע באגריפן און אין די לערען וועגן מאראל פון דער געגעבענער עפאכע.

כדי זיך צו איבערצייגן אין דעם, איז גענוג זיך צוצוקוקן צו די עטישע באגריפן פון אונזער צייט. מיט דער אויסבילדונג פון גרויסע מלוכות און מיט דער שנעלער אנטוויקלונג פון דער פאבריקן-אינדוסטריע און באנק-געשעפטן, און דורך זיי מיט די נייע מעגליכקייטן רייך צו ווערן, האט זיך אויך אנטוויקלט א קאמף פאר הערשאפט פון איינציגע פעלקער איבער אנדערע כדי רייך צו ווערן פון פרעמדער ארבעט. וואס צוליב דעם זיינען אין די לעצטע הונדערט און דרייסיג יאר אומאויפהערליך געפירט געווארן בלוטיגע מלחמות. ווי א פועל יוצא דערפון זיינען די פראגן וועגן דער שטאטליכער מאכט, וועגן פארשטארקן אדער פארקלענערן זיין מאכט, וועגן צענטראליזאציע, וועגן דעם פאלקס רעכט אויף דעם לאנד און באדן, וועגן דער מאכט פון קאפיטאל און אזוי ווייטער, געווארן די ביטערע פראגן פון טאג. און פון זייער פארענטפערונג אין דער אדער יענער ריכטונג הייננגט אומפארמיידליך אפ אויך די פארענטפערונג פון די מאראלע פראגן. די עטיק פון יעדער געזעלשאפט איז אן אפשפיגלונג פון די פארמען פון געזעלשאפטליכן לעבן, וואס האבן זיך איינגעשטעלט אין איר.

ספענסער, הייסט עס, איז געווען גערעכט, ווען ער האט אריינגעפירט אין דער עטיק די פארשונג וועגן שטאט.

קודם כל האט ער פעסטגעשטעלט, אז די פארמען פון רעגירונג, ד. ה. דער צונויפשטעל פון פאליטישן לעבן, ווי יעדע אנדער זאך אין דער נאטור, זיינען פארענדערליך. אין דער ווירקליכקייט ווייסן מיר פון היסטאריע ווי עס האבן זיך געביטן די פארשיידענע פארמען פון די מענשליכע געזעלשאפטן און פון דעם שטאם-לעבן, די

פעדעראַציעס פון געמײנדן און די צענטראַליזירטע שטאַטן. דערנאָך, נאָכפאָלגנדיג אָגוסט קאָנטן, האָט ספּענסער אָנגעוויזן, אַז אין דער היסטאָריע ווייזן זיך אַרויס צוויי טיפּן פון געזעלשאַפטליכקייט: אַ קריגערישע אָדער אַ מיליטערישע פאָרם פון מלוכה, וואָס האָט פאַרגעהערשט לויט ספּענסער׳ס מיינונג אין די פּרימיטיווע געזעלשאַפטען, און אַ פרידליכע אינדוסטריעלע פאָרם, צו וועלכער עס גייט איצט ביסלאַכוויין אַריבער דער געבילדעטער טייל פון דער מענשהייט.

ווען עס איז אָנדערקענט געוואָרן די גלייכע פרייהייט פון אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, האָבן מענשן געמוזט אָנדערקענען די פּאָליטישע גלייכבארעכטיגונג, ד. ה. דאָס רעכט אַליין אויסצוקלייבן זייער רעגירונג. אין דער פּראַקטיק אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, באַמערקט ספּענסער, אַז דאָס אַליין איז נאָך ניט גענוג, וואָרים דערמיט זיינען נאָך ניט אָפּגעשאַפט געוואָרן די אַנטאַגאָניסטישע אינטערעסן פון די באַזונדערע קלאַסן, און דעריבער איז ספּענסער געקומען צום שלוס, אַז די היינטיגע מענשהייט, באַנוצנדיג זיך מיט דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיגונג, פאַרזיכערט נאָך לאַנג ניט די מענשן קיין אמת׳ע גלייכהייט פון רעכט (§ 352).

איך וועל דאָ זיך ניט נעמען פאַנאַנדערקלייבן ספּענסער׳ס באַגריף וועגן די רעכט פון די בירגער אין דעם שטאַט; ער האָט זיי פאַרשטאַנען ווי עס האָבן זיי פאַרשטאַנען די דורכשניט־מענשן פון דעם מיטלקלאַס אין די 40־יגער יאָרן, און דעריבער איז ער געווען לחלוטין דאַגעגן צו געבן, צום ביישפּיל, פּאָליטישע רעכט צו פרויען. עס איז אָבער נויטיג צו ציען אויפמערזאַמקייט אויף ספּענסערס אַלגעמיינע פאַרשטעלונג וועגן שטאַט. דעם שטאַט, באַהויפּטעט ער, איז באַשאַפן געוואָרן דורך מלחמה. „וואו ס׳איז ניטאָ און קיינמאָל ניט געווען קיין מלחמה, דאָרט איז ניטאָ קיין רעגירונג" (§ 356). יעדע רעגירונג, יעדע מאַכט איז אַנטשטאַנען פון מלחמה. עס פאַרשטייט זיך, אין דער אויסבילדונג פון דער שטאַטליכער מאַכט האָט געהאַט אַ באַדייטונג ניט נאָר די נויט פון אַ פירער אין פאַל פון אַ מלחמה, נאָר אויך דאָס באַדערפעניש פון אַ ריכטער פאַנאַנדערצוקלייבן די מחלוקות צווישן איין שטאַם און אַן אַנדערן. דאָס דאָזיגע באַדערפעניש האָט ספּענסער איינגעזען, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער די

הויפט אורזאַך פון דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון רעגירונג געזעץ אין דער נויט צו האָבן אַן אָנפירער אין דער צייט פון מלחמה.* עס פאָדערט זיך אַ פאַרלייִנגערטע מלחמה כדי צו פאַרוואַנדלען די רעגירונגס מאַכט אין אַ מיליטערישער דיקטאַטור.

ספּענסער׳ס באַגריפן האַלטן מיר, פאַרשטייט זיך, אין פיל פּרטים פאַר רעאַקציאָנער אַפילו פון דעם שטאַנדפונקט פון די שטאַט-אָנהייִנגער פון אונזער צייט. אין איין פונקט אָבער איז ער נעגאַנגען אַ סך ווייטער אַפילו איידער מערערע פּראָגרעסיווע שטאַט-אָנהייִנגער, איינשליסנדיג אויך די שטאַט-קאָמוניסטן — און דאָס איז, ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט אַנטקעגן דעם אומבאַשרייִנקטן רעכט פונ׳ם שטאַט צו באַלעבאַטעווען איבער דער פּערזענליכקייט און פרייהייט פון די בירגער. אין זיין „עטיק" האָט ספּענסער געווידמעט דערצו איניגע זייטן, וואָס זיינען פול מיט טיפע געדאַנקען וועגן דער ראָליע און באַדייטונג פון דעם שטאַט. אין דעם איז ספּענסער אַ פאָרטזעצער פון גאָדווינען, דעם ערשטן פריידיגער פון דער אַנטי-שטאַטליכער לערע, וואָס רופט זיך איצטער אַנאַרכיזם.

---

* בכלל האָט ספּענסער, ווי אַ סך אַנדערע, געברויכט דאָס וואָרט „שטאַט" גאַנץ גלייך פאַר פאַרשיידענע פאָרמען פון געזעלשאַפטליכקייט, בעת מען האָט געדאַרפט באַנוצן דאָס וואָרט שטאַט נאָר פאַר יענע געזעלשאַפטן מיט אַ יעראַרכישער אָרדענונג און אַ צענטראַליזאַציע, וועלכע האָבן זיך פאָרמירט אין אַלטן גריכנלאַנד זינט די צייטן פון דער אימפּעריע פון פיליפּ׳ן און אַלכסנדר מוקדון, אין רוים ביים ענד פון דער רעפּובליק און אין דער צייט פון דער אימפּעריע, און אין אייראָפּאַ זינט דעם 15טן און 16טן יאָרהונדערט.

די פעדעראַציע, ווידער, פון פעלקער אין די פרייע מיטעלאַלטערליכע שטעט מיט זייערע פאַרבאַנדן (ליגעס), וואָס זיינען ענטשטאַנען אין דעם עלפטן און צוועלפטן י. ה. און האָבן זיך געהאַלטן ביז עס האָבן זיך פאָרמירט די שטאַטן אין ריכטיגן זין פון וואָרט מיט זייער צענטראַליזירטער מאַכט — זוי האָט מען בעסער געדאַרפט אָנרופן „פרייע שטעט", „שטעט-פאַרבאַנדן", „פעלקער-פעדעראַציעס" א. ד. ג. אין דער אמת׳ן, אָנרופן גאַליען פון די צייטן פון די מעראָווינגען, אָדער די מאָנגאָלישע פעדעראַציעס פון צינגיז-כאַנ׳ס צייטן, אָדער גאָר די מיטלאַלטערליכע פרייע שטעט און זייערע פרייע פאַרבאַנדן, מיט׳ן נאָמען שטאַאַט, פירט צו אַ גאַנץ פאַלשער פאָרשטעלונג וועגן דעם לעבן פון יענער צייט. זע מיין „געגנזייטיגע הילף", קאַפּיטלען 5, 6 און 7.

„בן זמן די פעלקער פון אייראפא — האט ספענסער געשריבן — צעטיילן זיך צווישן זיך יענע טיילן פון דעם ערדקוגל וואו עס וואוינען די נידעריגע ראסן, מיט א ציניזמער גלייכגילטיקייט צו די פאָדערונגען פון די דאָזיגע פעלקער, איז נאריש צו דערוואַרטן פון די אייראָפּייאישע רעגירונגען, זיי זאָלן האָבן אזא איידעלן געפיל פאר די רעכט פון די בירגער, וואָס זאָל זיי אָפּהאַלטן פון דער אָדער יענער כלומר'שט־פּאָליטישער אונטערנעמונג. כל זמן מען וועט האַלטן, אז די מאכט צו קאָנען מאכן עראָבערונגען אין פרעמדע לענדער שאפט א רעכט אויף די פארכאפטע לענדער, וועט אין דעם אייגענעם לאנד נאטירליך זיך אָנהאַלטן די לערע, אז אן אקט פון פּארלאמענט איז אלמעכטיג — אז דער קאָלעקטיווער ווילן קאָן מיט רעכט זיך אָנזעצן אויף די אינדיווידועלע ווילנס אָהן קיין באשריינ־קונג" (§ 364).

אָבער אזא באציאונג צו דער מענשליכער פערזענליכקייט איז דאָך נישט מער ווי אן איבערבלייב פון די פריערדיגע צייטן. די שטרעבונג פון די געבילדעטע געזעלשאפטן גייט איצטער דערצו, אז יעדערער זאָל קאָנען באפרידיגן זיינע נויטן, ניט שטערנדיג די אנדערע צו טאָן דאָס אייגענע (§ 365). און אָנאַליזירנדיג אָט דעם צושטאנד, איז ספענסער געקומען צום שלום, אז די ראָליע פון שטאט דאַרף זיך באשריינקען אויסשליסליך אויף אויפצוהאַלטן די גערעכטיקייט. יעדע אַנדער טעטיקייט א חוץ דעם וועט שוין זיין א פארגוואלטיגונג פון גערעכ־טיקייט.

„עס פארשטייט זיך אָבער,—האָט ספענסער געענדיגט,—אז עס עס וועט נאָך אוועקגיין א לאנגע צייט איידער מען וועט קאָנען דער־וואַרטן, אז די פּאָליטיקער, וואָס זאָגן צו דעם פאָלק אַלערליי גליקן אין נאָמען פון זייער פּארטיי, זאָלן שיינקען וויפיל עס איז אויפ־מערקזאמקייט צו די וואָס פאָדערן א קלענערע אריינמישונג מצד די רעגירונגען אין לעבן פון די פעלקער." פונדעסטוועגן האָט ספענ־סער אָפּגעגעבן דריי קאַפּיטלען פאר דעם אנאליז פון „די גרעניצן צו די פליכטן פונ'ם שטאט"; און צום שלום פון אָט די קאפּיטלען האָט ער זיך געמיעט צו באווייזן, ווי אומזיניג עס איז די שטרעבונג פון די געזעצגעבער אויסצוראָטן דורך די געזעצן די פארשיידנאר־טיקייט פון די מענשליכע כאראקטערן. צוליב אָט דעם צוועק ווי־

דערהאַלטן זיי נאָך דערצו ביז היינטיגן טאָג די פאַרברעכערישע אומזיניקייטן, וואָס זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן אין די אַמאָליגע צייטן, כדי ארונטערצופירן אַלע מענשן אונטער איין גלויבן — וואָס שטערט ניט, אגב, די קריסטליכע פעלקער מיט זייערע אומצייליגע קירכן און גייסטליכע צו זיין פונקט אזוי ראכע־דורשטיג און קריגעריש ווי די ווילדע. אין דערזעלביגער צייט פירט דאָס לעבן אליין, מיט אכטענדיג אויף די רעגירונגען, צו דער אויסארבייטונג פון א נייעם און בעסערן טיפ מענשן.

ליידער האָט ספּענסער ניט אָנגעוויזן אין זיין עטיק, וואָס הויפּטזעכליך האַלט אויף אין דער היינטיגער געזעלשאַפט דעם היים־דורשט נאָך פּראָפיטן אויפ׳ן חשבון פון די אָפּגעשטאַנענע שטאַמען און פעלקער. ער איז לייכט פארבייגעגאנגען דעם פונדאַמענטאַלן פאַקט, אז אין די היינטיגע ציוויליזירטע געזעלשאַפטן עקזיסטירט א ברייטע מעגליכקייט ביי זיך אין דער היים אויסצונוצן די ארבעט פון הילפלאָזע מענשן, וואָס זיינען געצוואונגען צו פארקויפן זייער ארבעט און זיך אליין, כדי צו ערהאַלטן זייער לעבן און דאָס לעבן פון זייערע קינדער. און דעריבער, צוליב דער דאָזיגער מעגליכקייט, וואָס מאכט אויס דעם גאנצן תוך פון דער היינטיגער געזעלשאַפט, איז די מענשליכע ארבעט אזוי שלעכט אָרגאַניזירט און מען באנוצט זיך מיט איר אזוי ניט־אויסגערעכנטערהייט, אז די פּראָדוקטיוויטעט פון דער מענשליכער ארבעט, ווי אין דער אַגריקולטור, אזוי אויך אין דער אינדוסטריע, פארבלייבט ביז היינטיגן טאָג אומפארגלייכליך קלענער ווי זי האָט געקאָנט און געדארפט זיין.

אזוי ווייניג שעצט מען היינטיגן טאָג די ארבעט און אפילו דאָס לעבן פון די ארבעטער און פויערים, אז די ארבעטער האָבן געמוזט קעמפן לאנגע יאָרן בלויז דערפאר, אז זייערע הערשער זאָלן זיי באַווילגן א פאבריק־אינספעקציע און א באשיצונג אנטקעגן באשעדיגונג דורך די מאשינען און פארגיפטונג פון דערוואקסענע און קינדער דורך אלערליי שעדליכע גאזן.

ארויסטרעטנדיג ווי א גאנץ געוואגטער קריטיקער פון דער פּאָליטישער מאכט אינ׳ם שטאַט, און ניט קוקנדיג וואָס ער האָט געהאַט גענוג פאַרגיינגער אויפ׳ן עקאָנאָמישן געביט, איז ספּענסער פונדעסטוועגן געבליבן פּאַסיוו אויף דעמדאָזיגן געביט, און אזוי

ווי זיינע פריינט פון דעם ליבעראלן לאגער, האָט ער זיך נאָר גע־שטעלט אנטקעגן דעם מאָנאָפּאָל אויפ׳ן גרונט און באָדן. אויס מורא פאר דער רעוואָלוציע האָט ער זיך ניט אויסגעלאָזן ארויסצו־טרעטן אָפן און מוטיג אנטקעגן דער אינדוסטריעלער עקספּלואטא־ציע פון ארבעט.

די לעצטע צוויי טיילן פון זיין „עטיק" האָט ספּענסער געוויד־מעט דער „עטיק פון געזעלשאפטליכן לעבן", איינטיילנדיג עס אין צוויי טיילן: „די נעגאטיווע וואוילטעטיקייט און די פּאָזיטיווע".

שוין אין אָנהויב פון זיין ארבעט (§ 54) האָט ספּענסער באַ־מערקט, אז די גערעכטיקייט אליין וואָלט ניט געווען גענוג פאר דעם לעבן פון דער געזעלשאפט, אז צו דער גערעכטיקייט מוז מען נאָך צוגעבן אזוינע האנדלונגען לטובת אנדערע אָדער לטובת דער גאנ־צער געזעלשאפט, פאר וועלכע דער מענש דער־ווארט ניט קיין באלוינונג. אָט דעם קלאס האנד־לונגען האָט ער אָנגערופן „וואוילטעטיקייטן", „וואוילטואונגען", אָדער „גרויסמוטיקייט" (Beneficence, Generosity); און ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם אינטערעסאנטן פאקט, אז ביי די איצטיגע ענדערונגען, וואָס קומען פאר אין געזעלשאפטליכן לעבן, הערן פילע אויף אָנצורעכענען א פאנאנדערטיילענדע ליניע צווישן דאס, וואָס „מען מעג פאָדערן פון מענשן" און דאָס, וואָס מען דארף רעכענען פאר „וואוילטעטיקייטן" (Benefaction).*

אזא „צונויפמישונג" האָט באזונדערס געשראָקן ספּענסער׳ן, און ער האָט געדרען געשריבן געגען די היינטיגע פאָדערונגען פון די ארביי־טענדע מאסן, וועלכע פירן, לויט זיין מיינונג, „צו א דעגענעראציע" און וואָס איז נאָך ערגער — „צו קאָמוניזם און אנארכיזם". גלייכ־הייט אין דער באלוינונג פאר ארבעט פירט צום קאָמוניזם, האָט ער געשריבן, און גלייך נאָכדעם קומט ראוואשאָל׳ס טעאָריע, וואָס באשטייט דעריין, „אז יעדערער מעג פארכאפּן אלץ וואָס אים גע־פעלט, און אָפּראמען יעדערן, ווי ראוואשאָל האָט זיך אויסגעדריקט, וועלכער שטייט אים אין וועג. דאָ הויבט זיך שוין אָן אנארכיזם און א קאמף פאר׳ן לעבן, וואָס איז פון קיין זאך ניט באשרענקט, ווי ביי די חיות". דאָס אלץ קומט דערפון, זאָגט ספּענסער, וואָס מען מאכט ניט קיין חילוק צווישן גערעכטיקייט און וואוילטעטי־קייט (§ 390).

* זע §§ 269 און 389.

מילדערן דעם געזעץ פון אויסראָטונג פון די וויניגער צוגע־פּאַסטע, וואָס עקזיסטירט, לויט ספּענסער'ס מיינונג, אין דער נאַ־טור — איז נויטיג; אָבער די דאָזיגע מילדערונג דאַרף זיין די אויפגאַבע פון דער פּריוואַטער וואוילטעטיקייט און ניט פון דעם שטאַט.

נאָך מער, ספּענסער הערט דאָ אויף צו זיין א דיינקער און גייט אריבער אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון א גאַנץ געוויינליכן בשר ודם. ער פאַרגעסט גאָר אינגאַנצן, אז דאָס, וואָס מאַסן מענשן זיינען ניט בכח צו פאַרדינען דאָס נויטיגע צום לעבן, איז געשאַפן געוואָרן אין אונזערע געזעלשאַפטן דורך דעם פאַרכאַפּן פון דער מאַכט און דורך דער קלאַסן־געזעצגעבונג — הגם ער אליין טאַקע, אין אנאַנדער אָרט, רעדט זייער קלוג געגן דעם, וואָס די איצטיגע באַלעבאַטים אין ענגלאַנד האָבן פאַרכאַפּט די ערד. אים אָבער מאַטערט דער געדאַנק, אז אין דער היינטיגער איירָאָפּאַ פאַרלאַנגט מען צופיל פון דער געזעצגעבונג לטובת די ארבעטענדע מאַסן, און מיענדיג זיך אָפּצוטיילן דאָס, וואָס די מאַסן קומט על פּי רעכט, פון דאָס, וואָס מען מעג זיי געבן בלויז אוים דעם געפיל פון וואוילטעטיקייט, פאַר־געסט ער, אז די אורזאַכן פון דער אָרימקייט פון דער באַפעלקערונג און איר שוואַכער פּראָדוקטיוויטעט ליגן פּונקט אין דער רויבערי־שער ווירטשאַפט, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן דורך פאַרכאַפּונג און געזעצגעבונג; אזוי אז איצטער קומט אוים צו פאַרניכטן דאָס שלעכטס, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן דורך דעם שטאַט און זיינע גע־זעצן.

עס איז אויך קיין ספק ניט, אז ספּענסער'ן האָט א סך געשאַדט זיין פאַלשער באַגריף וועגן דעם „קאַמף פאַר עקזיסטענץ." ער האָט אין דעם געזעץ בלויז אַן אויסראָטונג פון די וויניגער צוגעפּאַסטע, בעת מען מוז איינזען, אז דער הויפּט שטריך פון דעם קאַמף איז דאָס איבערלעבן פון די, וואָס פּאַסן זיך צו צו די פאַרענדערליכע נאַטירליכע באַדינגונגען פון לעבן. דער אונטערשייד צווישן אָט די צוויי באַגריפן, ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן אויף דעם אין אַן אַנדער אָרט,* איז אַן אומגעהויערער; אין איין פאַל זעט דער

* זע „געגנזייטיגע הילף ביי חיות און מענשן ווי אַ פאַקטאָר פון עוואָלוציע", ד. ה. ווי אַן אַקטיווע קראַפט פון אַנטוויקלונג.

פאַרשער א קאמף, וואָס ווערט געפירט צווישן די איינצעלנע פון דערזעלביגער גרופע פון איינעם אנטקעגן דעם אנדערן — אָדער ריכטיגער געזאָגט, אז ער זעט ניט, נאָר ער שטעלט זיך פאָר אין געדאנק אזא קאמף. אין דעם אנדער פאל, ווידער, זעט ער א קאמף מיט די פײנדליכע כחות פון דער נאטור, אָדער מיט אנדערע מינים חיות, וואָס ווערט געפירט פון גרופן חיות געמיינשאפטליך דורך געגנזייטיגע הילף. און יעדערער וואָס וועט פועל'ן זי צוצוקוקן צו דעם ווירקליכן לעבן פון חיות (ווי דאָס האָט, צום ביישפיל, געטאָן ברעם, וועמען דארווין האָט מיט רעכט אנערקענט פאר א גרויסן נאטור-פאָרשער), דער וועט דערזען, וואָס פאר אן אומגעהויער גרויסע ראָליע די געזעלשאפטליכקייט שפּילט אין דעם קאמף פאר עקזיסטענץ. ער וועט אומבאדינגט מודה זיין, אז צווישן די אומצייליגע מינים חיות לעבן בעסער איבער יענע מינים אָדער יענע גרופן, וועלכע זיינען מער עמפינדליך צו די פאָדערונגען פון די פארענדערליכע באדינגונגען פון לעבן, יענע, וועלכע זיינען פיזיאָלאָגיש מער עמפינדליך און מער פארענדערליך, און יענע מינים, אין וועלכע עס איז מער אנטוויקעלט די סטאדעשאפט, די געזעלשאפטליכקייט, וואָס פירט, ווי דאָס האָט שוין דארווין ריכטיג אָנגעוויזן,* קודם כל צו א בעסערער אנטוויקלונג פון די גייסטיגע פייאיקייטן.

דאָס האָט, צום באדויערן, ספּענסער ניט באמערקט; און הגם אין די צוויי ארטיקלען, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין דעם זשורנאל „ניינטינטה סענטשורי", אין יאָר 1890, האָט ער ענדליך טייל-ווייז פארריכט דעמדאָזיגן פעלער, אָנווייזנדיג אויף דער געזעל-שאפטליכקייט ביי חיות און אויף דער באדייטונג דערפון (אָט די ביידע ארטיקלען זיינען אריינגעגאנגען אין דעם צווייטן באנד פון זיין „עטיק"), פונדעסטוועגן האָט זיין גאנצער געבוי פון דער עטיק, וואָס איז אויסגעארבעט געוואָרן פריער, געליטן פון דער ניט-ריכטיגער השערה.

* אין דעם ווערק „די אָפּשטאַמונג פון מענשן", וואו ער האָט שטאַרק געביטן זיינע אורשפּרינגליכע מיינונגען וועגן דעם קאמף פאר עקזיסטענץ, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין „די אַנטשטייאונג פון די מינים".

דרייצענטער קאַפּיטל

די אַנטוויקלונג פון די מאָראַל־לערע

(דער 19טער יאָרהונדערט—פּאָרטגעזעצט)

די טעאָריע וועגן מאָראַל פון מאַרק גיאָ — מאָראַל אָהן אָב־ליגאַציעס און אָהן סאַנקציעס — „מאָראַלע פּרוכטבאַרקייט".
— די פראַגע וועגן זעלבסטאָפּפּערונג אין גיאָ'ס מאָראַל־טעאָריע. — די „פולקייט" פון לעבן און דער פאַרלאַנג נאָך ריזיקע און קאַמף. — דער אינדיווידואַליסטישער כאַראַקטער פון גיאָ'ס מאָראַל. — די נויט צו באַגרינדן די עטיק פון אַ סאָציאַלען שטאַנדפּונקט.

פון אַלע צאָלרייכע פּרובן צו בויען די עטיק אויף ריין וויסנשאַפטליכע יסודות, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון די פילאָסאָפן און דיינקער אין דער צווייטער העלפט פון'ם 19טן י. ה., מוזן מיר זיך אָפּשטעלן אויף דער פּראָבע פון דעם טאַלאַנטפולן—ליידער צו־פרי פאַרשטאָרבענעם — פראַנצויזישן דיינקער מ א ר ק ג י אָ (געב. 1854, געשט. 1888). גיאָ האָט געשטרעבט צו באַגרינדן די מאָראַל פון איין זייט אָהן וועלכן עס איז מיסטישן, איבער נאַטירליכן געבאָט פון אַ גאָטהייט, אָהן קיין אויסערליכן צוואַנג און פליכט, און פון דער אַנדער זייט האָט ער אויך געוואָלט באַזייטיגן פון דעם מאָראַלן געביט דעם פערזענליכן מאַטעריעלן אינטערעס אָדער די שטרעבונג צו גליק, אויף וועלכער די אוטיליטאַריסטן האָבן באַגרינדעט די מאָראַל.

גיאָ האָט זיין לערע וועגן מאָראַל אַזוי גוט דורכגעטראַכט און האָט זי באַשריבן אין אַזאַ פולקאָמענער פאָרם, אַז מען קאָן זי לייכט איבערגעבן אין איייניגע ווערטער. נאָך אין זיינע זייער יונגע יאָרן (ער איז אינגאַנצן געווען 19 יאָר אַלט) האָט גיאָ אָנגעשריבן אַ גאַנץ

פאָלשטענדיגן ווערק וועגן דער מאָראַל לערע פון עפּיקורוס.* פינף יאָר נאָך דער ערשיינונג פון דעם בוך וועגן עפּיקורוס'עס מאָראַל, האָט גיאָ פאַרעפענטליכט (אין 1879) זיין צווייטן, אין העכסטן גראַד וויכטיגן ווערק „די געשיכטע און קריטיק פון די מאָדערנע ענגלישע לערען וועגן מאָראַל".

אין דערדאָזיגער פאָרשונג האָט גיאָ באַשריבן און קריטיקירט די מאָראַל-לערען פון בענטאַם, מילל (דעם פאָטער און זון), דאַרווין, ספּענסער און בעין. און ענדליך, אין יאָר 1884 האָט ער אַרויסגעגעבן זיין מערקווירדיג ווערק „עסקיז פון אַ מאָראַל אָהן אַבליגאַציעס און אָהן סאַנקציעס", וואָס האָט אַלעמען איבעראַשט מיט זיינע אָריגינעלע און גערעכטע שלוסן, ווי אויך מיט דער קינסטלערישער שיינקייט פון זיין דאַרלייגונג. דאָס בוך האָט אויסגעהאַלטן אין פראַנקרייך אַכט אויפלאַגן און איז איבערזעצט געוואָרן אויף אַלע אייראָפּייאישע שפּראַכן.**)

גיאָ לייגט אַוועק אין דעם פונדאַמענט פון זיין עטיק דעם באַגריף פון לעבן אין דעם ברייטסטן זין פון וואָרט. דאָס לעבן ווייזט זיך אַרויס אין וואוקס, אין פאַרמערונג און אין פאַנאַנדערשפּרייטונג. די עטיק, לויט גיאָ'ס מיינונג, דאַרף זיין די לערע וועגן די מיטלען, וואָס מיט זייער הילף באַקומט זיך דער צוועק, וואָס די נאַטור אַליין האָט אַוועקגעשטעלט — דער וואוקס און די אַנטוויקלונג פון לעבן. דאָס מאָראַלע אין'ם מענשן נויטיגט זיך דעריבער ניט אין קיין צוואַנג, ניט אין אַ צווינגענדע התחיבות, ניט אין אַ סאַנקציע פון אויבן. זי אַנטוויקלט זיך אין אונז אין דעם כח פון דער נויט גופא צו לעבן אַ פולן, אינטענסיוון און פּרוכטבאַרן לעבן. דער מענש באַנוגנט זיך ניט מיט דעם עלנדן וואָכעדיגן לעבן, ער

---

* „עפּיקורוס'עס מאָראַל און איר שייכות צו די מאָדערנע מאָראַל-טעאָריעס". דאָס דאָזיגע ווערק איז ערשינען אין יאָר 1874 און האָט באַקומען אַ פּרייז פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע פון די מאָראַלע און פּאָליטישע וויסנשאַפטן.

** ווי אַלפרעד פוליע האָט באַוויזן אין זיין בוך „ניטצשע און דער אימאָראַליזם" האָט ניטשע זיך שטאַרק באַנוצט מיט גיאָס ווערק און דאָס בוך איז שטענדיג געלעגן ביי אים אויפ'ן טיש. וועגן גיאָ'ס פילאָסאָפיע זע פוליעס ווערק „מאָראַל פון אידייען קרעפטן" און אַנדערע.

זוכט מעגליכקייטן אויסצוברייטן די גרעניצן פון לעבן, פארשטארקן זיין אימפעט, אנפילן אים מיט אלערליי איינדרוקן און איבערלעבונ־גען. און וויבאלד ער פילט אין זיך די פייאיקייט דאס צו טאן, ווארט ער ניט אויף קיין צוואנג און קיין באפעל פון דרויסן. „פליכט — זאגט גיא — איז דאס באוואוסטזיין פון א אינערליכן כח, פון א פייאיקייט עפעס ארויסצובריינגען מיט דער גרעסטער קראפט. זיך פילן פייאיק צו אנטוויקלען די גרעסטע קראפט דורכפירנדיג א געוויסע טאט, הייסט זיך האלטן פארפליכטעט דורכצופירן די דאזיגע טאט.“*

מיר פילן, דערהויפט איז א געוויסן עלטער, אז מיר האבן מער כחות וויפיל מיר דארפן פאר אונזער פערזענליכן לעבן, און מיר גיבן אפ גערן דידאזיגע כחות פאר די נוצן פון אנדערע. פון אט דעם באוואוסטזיין פון איבעריגע לעבנס־קרעפטן, וואס שטרעבן זיך ארויסצו־ווייזן אין טעטיקייט, באקומט זיך דאס, וואס מען רופט אן געווינלאך, זעלבסטאפפערונג. מיר פילן אז מיר האבן מער ענערגיע איידער עס איז נויטיג פאר אונזער אלטעגליכן לעבן, און מיר גיבן אפ דידאזיגע ענערגיע פאר אנדערע. מיר לאזן זיך אוועק אויף א וויטע נסיעה. מיר נעמען אונטער א ענין פון בילדונג, אדער מיר גיבן אפ אונזער מוט, אונזער אונטערנעמונגס־גייסט, אונ־זער איינגעשפארטקייט און ארבעטס־פייאיקייט אויף א וועלכער עס איז קהלה׳שער זאך.

דאס אייגענע קומט אויך פאר מיט אונזער געפיל פון מיטלייד מיט דעם צער פון אנדערע מענשן. מיר זעהען איין, ווי גיא דריקט זיך אויס, אז מיר האבן אין קאפ מער געדאנקען און אין הארצן מער מיטגעפיל אדער אפילו מער ליבע, מער פריידן און מער טרערן איי־דער עס איז נויטיג פאר אונזער זעלבסטדערהאלטונג; און מיר גיבן זיי אפ פאר אנדערע, ניט שטעלנדיג קיין פראגעס וואס דער־פון וועט ארויסקומען. דאס פאדערט אונזער נאטור — גאנץ גלייך ווי א פלאנץ מוז בליען, מעג נאכ׳ן בליען קומען דער טויט.

דער מענש באזיצט א „מאראלע פרוכטבארקייט“. עס איז נוי־טיג, אז דאס אינדיווידועלע לעבן זאל אויסגעגעבן ווערן פאר אנדע־

* „עסקיז פון א מאראל אחן אבליגאציעס און אחן סאנקציעס“, ז. 78.

רע, לטובת אנדערע מענשן, און אין פאַל פון נויט זאָל דאָס לעבן אינגאַנצן אוועקגעגעבן ווערן . . . דאָס איז די אויסברייטערונג פון לעבן, זיין אינטענסיוויטעט, דער נויטיגער באַדינג פון אַן אמת לעבן . . . דאָס לעבן האָט צוויי זייטן, זאָגט גיאָ; פון איין זייט איז עס דערנערונג און אַסימילירונג, פון דער אַנדער זייט איז עס פּראָדוקטיוויטעט און פרוכטבאַרקייט. וואָס מער דער אָרגאַניזם נעמט אריין, אַלץ מער דאַרף ער אויסגעבן: דאָס איז אַ געזעץ פון לעבן.

דאָס פיזישע אויסגעבן איז איינע פון די מאַניפעסטאַציעס פון לעבן. דאָס איז דאָס אַרויסאָטעמען, וואָס קומט נאָך דעם אריינ־אָטעמען . . . דאָס לעבן, וואָס פליצט איבער די ברעגעס — דאָס איז די אמת'ע עקזיסטענץ. עס עקזיסטירט אַ געוויסע פרייגעבי־קייט, וואָס קאָן ניט אָפּגעטיילט ווערן פונ'ם לעבן פון דעם אָרגאַ־ניזם, און וואָס אָהן איר שטאַרבט מען אָפּ, מען טריקנט אויס אינ־נערליך. מען מוז בליען; מאָראַל, אומאייגננוציקייט — דאָס איז די בלום פון מענשליכן לעבן. *

דערנאָך ווייזט גיאָ אָן, אַז דער קאַמף און די ריזיקע איז אויך אַנציענד. און אין דער אמת'ן, עס איז גענוג צו דערמאָנען די טוי־זענטער פאַלן, ווען אַ מענש גייט אין קאַמף און נעמט אַ ריזיקע, אָפטמאָל טאַקע גאָר אַ גרויסע ריזיקע, אין יעדן עלטער, אַמאָל אפילו אין גרויען עלטער, צוליב דעם צויבער אַליין פון דעם קאַמף און דער ריזיקע. ניט נאָר דער יונג מ י ר י אַליין קאָן זאָגן, דער־מאָנענדיג זיך וועגן אייניגע שטונדן פון לעבן אין פרייהייט און קאַמף: . . . „איך האָב געלעבט, אַלטער, און מיין לעבן אָהן אָט די דריי גליקליכע טעג וואָלט געווען טרויעריגער און פינסטערער איי־דער די שוואַכע יאָרן פון דיין עלטער“. **

אַלע גרויסע אַנטדעקונגען און אויספאָרשונגען פון דער ערד און פון דער נאַטור בכלל, אַלע געוואַגטע פּרובן אריינצודרינגען אין די סודות פון דער נאַטור און פון דער גאַנצער וועלט־שאַפונג, אָדער אויסצונוצן אויף אַ נייעם אופן די נאַטור־קרעפטן, סיי אין די ווייטע רייזן איבער די ימים אין 16טן י. י., סיי איצטער אין דער לופט־פליערײ — אַלע פּרובן איבערצובויען די געזעלשאַפט אויף נייע

* דאָרט גופא, ז. 86.
** אין לערמאָנטאָוו'ס פּאָעמע.

יסודות, וואָס ווערן אונטערגענומען ריזיקירנדיג מיט'ן לעבן, אַלע נייע אָנהויבן אויפ'ן געביט פון קונסט זיינען ארויסגעקומען טאַקע פון אַט דעם דורשט נאָך קאַמף און ריזיקע, וואָס האָט זיך אָנגעצונדען אַמאָל אין איינצעלנע מענשן, אַמאָל אפילו אין גאַנצע געזעלשאַפטליכע קלאַסן און אַמאָל גאָר אין אַ גאַנצן פאָלק. דורך זיי איז צושטאַנד געקומען דער גאַנצער פּראָגרעס פון דער מענשהייט.

און לסוף, ליגט צו גיאָ — איז אויך פאַראַן אַ מעטאַפיזישע (אַ גייסטיגע) ריזיקע, בעת עס ווערט ארויסגעזאָגט אַ נייע היפּאָטעזע, אַ נייע השערה, סיי אין וויסנשאַפטליכן דיינקען און פאַרשן אָדער אין געזעלשאַפטליכן, סיי אויך אין פּערזענליכער און גרופּן טעטיקייט.

אָט ווי אַזוי עס ווערט אויפגעהאַלטן אין דער געזעלשאַפט די מאָראַלע אָרדענונג און דער פּראָגרעס פון מאָראַל: דורך דער געוואַגטער אונטערנעמונג „ניט נאָר אין שלאַכט און קאַמף", נאָר אויך אין די פּרובן פון געוואַגטן דיינקען און געוואַגטן איבערבוי, סיי פון דעם אייגענעם פּערזענליכן לעבן, סיי פון דעם געזעלשאַפטליכן לעבן.

וואָס איז שייך די סאַנקציעס פון די מאָראַלע באַגריפן און שטרעבונגען, וואָס ווערן געבוירן אין אונז—ד. ה. דאָס דאָזיגע, וואָס גיט זיי צו אַ כאַראַקטער פון פּאַרפליכטונג — האָבן מענשן, ווי באַקאַנט, ביז היינטיגן טאָג געזוכט אַ באַשטעטיגונג און אַ פאַרהייליגונג פאַר דעם אין דער רעליגיע, ד. ה. אין באַפעלן, וואָס זיינען געקומען פון דרויסן און פאַרפעסטיגט געוואָרן דורך דער מורא פון באַשטראָפונג אָדער דעם צוזאָג פון באַלוינונג אויף יענער וועלט. גיאָ אָבער האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געזען קיין נויטיקייט אין דעם, און האָט געווידמעט אין זיין בוך אַ צאָל קאַפּיטלען, וואו ער האָט דערקלערט פונוואַנען עס נעמט זיך דער באַגריף פון געצוואונגענקייט אין די רעגעלן פון מאָראַל. די דאָזיגע קאַפּיטלען זיינען אַזוי שיין געשריבן, אַז מען וואָלט זיי געדאַרפט לייענען אין אָריגינאַל. זייערע גרונט־געדאַנקען זיינען ווי פאָלגט:

קודם כל האָט גיאָ אָנגעוויזן, אַז אין אונז גופא עקזיסטירט אַ אינערליכע גוטהייסונג פון מאָראַלע האַנדלונגען און אַ טאַדלונג פון אונזערע געגן־געזעלשאַפטליכע טאַטן. דאָס האָט זיך אַנטוויקלט אין די גאַנץ אַלטע צייטן אַ דאַנק דעם לעבן אין געזעלשאַפ־

טען. „די מאָראַלע גוטהייסונג אָדער טאַדלונג איז נאַטירליכערהייט אריינגעגעבן געוואָרן אין מענשן דורך דער אינסטינקטיווער גערעכטיקייט“, האָט גיאָ געשריבן. און ענדליך האָט אויך געווירקט אין דערזעלביגער ריכטונג דער געפיל פון ליבע און ברידערליכקייט, וואָס איז איינגעבוירן אינ׳ם מענשן.*

בכלל עקזיסטירן אַלעמאָל אין מענשן צוויי סאָרטן שטרעמונגען: איינינגע פון זיי זיינען נאָך ניט קיין באַוואוסטזיניגע שטרעמונגען, אינסטינקטן און געוויינהייטן, און פון זיי אנטשטייען געדאנקען, וואָס זיינען נאָך ניט אינגאַנצן קלאָרע; פון דער אנדער זייט שטעלן זיך צונויף דורכגעטראַכטע געדאַנקען און שוין איבערגעדיינקטע שטרעמונגען פון ווילן, און די מאָראַל שטייט אויפ׳ן גרעניץ צווישן די און די אנדערע. איר קומט שטענדיג אויס אויסצוקלייבן צווישן זיי. ליידער האָבן די דיינקער, וואָס האָבן געשריבן וועגן מאָראַל, ניט באַמערקט אויף וויפיל דאָס באַוואוסטזיניגע אין אונז הייננגט אָפּ פון דאָס אומבאַוואוסטזיניגע.

אין דער אמת׳ן באַווייזט דאָס שטודיום פון די מנהגים אין די מענשליכע געזעלשאַפטן אויף וויפיל דאָס אומבאַוואוסטזיניגע אין דעם מענשן ווירקט אויף זיינע האַנדלונגען. און שטודירנדיג די דאָזיגע ווירקונג זעהן מיר, אַז דער אינסטינקט פון זעלבסט-דערהאַלטונג שעפּט ווייט ניט אויס אַלע שטרעבונגען פונ׳ם מענשן, ווי עס מיינען די אוטיליטאַריסטישע דיינקער. צוגלייך מיט אים עקזיסטירט אויך אַנאַנדער אינסטינקט — די שטרעבונג צו אַ וואָס מער אינטענסיוון, ד. ה., שטאַרקערן און פילפאַכיגערן לעבן, און אויסצוברייטערן זיינע גרעניצן אויסער דעם געביט פון זעלבסט-דערהאַלטונג. דאָס לעבן שעפּט זיך ניט אויס מיט דער נויט פון דערנערונג. עס דורשט נאָך אינטעלעקטועלער פּרוכטבאַרקייט און

---

* אויף וויפיל אָט די באַמערקונגען גיאָ׳ס זיינען ריכטיג — ער האָט זיי צום באַדויערן ניט גענוג אַנטוויקלט — האָבן מיר שוין געזען אין דעם צווייטן קאַפּיטל פון אָט דעם ווערק, וואו עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז אָט די שטרעבונגען פונ׳ם מענשן זיינען געווען די נאַטירליכע פּרוכט פון געזעלשאַפטליכן לעבן פון אַ סך טירישע מינים אָדער פון מענשן, און האָבן זיך אויך אַנטוויקלט אין אָט די אומשטענדן פון געזעלשאַפטליכקייט, אָהן וועלכער קיין מין פון חיות וואָלט ניט געקאָנט בלייבן לעבן אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ אַנטקעגן די בייזע כחות פון דער נאַטור.

גייסטיגער טעטיקייט, וואָס איז רייך אין שפּירונגען, געפילן און מאַניפעסטאַציעס פון ווילן.

עס פאַרשטייט זיך, אַזוינע מאַניפעסטאַציעס פון ווילן, ווי דאָס האָבן גאַנץ ריכטיג באַמערקט איינינע קריטיקער גיאָ׳ס, קאָנען וויר־קען, און ווירקן טאַקע אָפטמאָל, געגן די אינטערעסן פון דער געזעל־שאַפט. דער עיקר איז אָבער, וואָס די געגן־געזעלשאַפטליכע שטרע־בונגען, (צו וועלכע מאַנדעוויל און ניטצשע האָבן צוגעשריבן אַזאַ גרויסע באַדייטונג) שעפּן נאָך ווייט ניט אויס אַלע שטרעבונגען פונ׳ם מענשן, וואָס קומען אַרויס פון דעם געביט פון דער איינפאַכער זעלבסטדערהאַלטונג. וואָרים אינאיינעם מיט זיי עקזיסטירן אויך שטרעבונגען צו געזעלשאַפטליכקייט, צו אַ לעבן, וואָס האַרמאָנירט מיט דעם גאַנצן לעבן פון דער געזעלשאַפט, און אָט די שטרעבונגען זיינען ניט וויניגער שטאַרק איידער די געגנגעזעלשאַפטליכע שטרעבונגען. דער מענש שטרעבט צו פריינטלאַכע באַציאונגען מיט זיינע נאָכבאַרן און צו גערעכטיקייט.

לוידער האָט גיאָ ניט גענוג אַנטוויקלט בפרטיות אָט די צוויי לעצטע געדאַנקען אין זיין פונדאַמענטאַלן ווערק; שפּעטער האָט ער זיך עטוואָס מער גענוי אָפּגעשטעלט אויף אָט די אידייען אין זיין אָפּהאַנדלונג איבער „דערציאונג און פאַרערבונג״. *

גיאָ האָט באַגריפן אַז אויפ׳ן עגאָאיזם אַליין, ווי דאָס האָט גע־טאָן עפּיקורוס און נאָ אים אויך די ענגלישע אוטיליטאַריסטן, קאָן מען די מאָראַל ניט אויפבויען. ער האָט איינגעזען, אַז די אינער־ליכע האַרמאָניע אַליין, די „איינקייט פון דעם מענשליכן זיין״ אַליין איז ניט גענוג, אַז אין דער מאָראַל קומט נאָך צו דער אינ־סטינקט פון געזעלשאַפטליכקייט.** ער האָט נאָר ניט צוגעשריבן צו אים יענע נויטיגע באַדייטונג, וואָס בעיקר און נאָך אים דאַרווין

---

* אָט די הוספות זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן פון אים אין דער זיבעטער אויפלאַגע.

** מאָראַל, האָט גיאָ געשריבן, איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַן איינקייט, אַ אינערליכע האַרמאָניע פון דעם מענשליכן וועזן, בעת אומ־מאָראַליטעט איז אַ צעשפּאַלטונג אויף צוויי העלפט, אַ ווידערשפּרוך צווי־שען די פאַרשיידענע פויאיקייטן, וואָס באַגרעניצט דאָן איינע די אַנ־דערע... (מאָראַל אָהן אָבליגאַציעס א. אז. וו., ערשטעס בוך, קאַפּ. 3, ז. 109 פון דער זיבעטער אויפלאַגע).

האָבן אים צוגעגעבן, דערהויפּט דאַרווין, וועלכער האָט באַהויפּטעט, אַז ביים מענשן און ביי פיל חיות ווירקט דער דאָזיגער אינסטינקט שטאַרקער און באַשטענדיגער אײדער דער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג. און גיאָ האָט ניט אָפּגעשאַצט יענע אַנטשליסנדע באַדייטונג, וואָס עס שפּילט אין מאָראַלע ספּיקות דער באַגריף, וואָס אַנטוויקלט זיך אין דער מענשהייט וועגן גערעכטיקייט, ד. ה., די גלייכבאַרעכטיגונג פון אַלע מענשליכע באַשעפענישן.*)

דעם מאָראַלן פליכט-געפיל, וואָס מיר פילן אין זיך, בלי שום ספק, דערקלערט גיאָ אויף דעם פאָלגענדן אופן:

„מען דאַרף נאָר אַריינקוקן, האָט ער געשריבן, אין די נאָרמאַלע פונקציעס פון פּסיכישן לעבן און מיר וועלן אַלעמאָל געפינען אַ מין אינערליכן דרוק, וואָס קומט אַרויס פון אונזערע טאַטן אַליין אין דער דאָזיגער ריכטונג"... „די מאָראַלע פליכט, וואָס האָט איר יסוד אין לעבן גופא, שעפּט פון אַ טיפערן קוואַל איידער פון דעם איבערגעטראַכטן באַוואוסטזיין — זי געפינט אים אין די טונקעלע און אומבאַוואוסטזיניגע טיפענישען פון אונזער וועזן".

דער געפיל פון פליכט, זאָגט ער ווייטער, איז ניט אומבאַזיגבאַר, מען קאָן אים אונטערדריקן; אָבער, ווי דאַרווין האָט באַוויזן, גייט דער געפיל ניט אונטער, ער בלייבט לעבן און דערמאָנט וועגן זיך. ווען מיר האַנדלען געגן דעם געפיל פון פליכט, ווערט אין אונז געבוירן אַן אומצופרידנקייט מיט זיך און עס שאַפט זיך אַ באַוואוסטזיין פון מאָראַלע צילן. גיאָ האָט דאָ געגעבן איינציגע וואונדערבאַרע ביישפּילן פון דער דאָזיגער קראַפט און האָט צווישן אַנדערע געבראַכט אַן אויסצוג פון ספּענסער, וועלכער האָט פאָראויסגע-

---

* מיט איין וואָרט, מיר דיינקען וועגן אונזער מין, מיר טראַכטן וועגן די באַדינגונגען, אין וועלכע דאָס לעבן פון דעם מין איז מעגליך, מיר שטעלן זיך פאָר אַ נאָרמאַלן טיפּ פון אַ מענשן, וואָס איז צוגעפּאַסט צו דידאָזיגע באַדינגונגען; מיר שטעלן זיך אַפילו פאָר דאָס נאָרמאַלע לעבן פון אונזער גאַנצן מין, וואָס איז צוגעפּאַסט צו דעם לעבן פון דער וועלט, און ענדליך דיינקען מיר וועגן די באַדינגונגען, אונטער וועלכע דידאָזיגע צופּאַסונג קאָן מקוים ווערן (הוספה אין דער אָפּהאַנדלונג וועגן מאָראַל פון דעם בוך „דערציאונג און פאַרערבונג", דעריזעלביגער קאַפּיטל, ז. 113 פון די זיבעטע אויפלאַגע).

זען די צייט, ווען דער אלטרואיסטישער אינסטינקט וועט זיך אזוי פיל אנטוויקלען אינ'ם מענשן, אז מיר וועלן אים געהארכן גאר אהן אן אפענעם קאמף (פילע, וואלט איך באמערקן, לעבן אזוי שוין איצטער), און עס וועט קומען א צייט, ווען מענשן וועלן זיך דינגען איינע מיט די אנדערע פאר דער מעגליכקייט מקיים צו זיין א טאט פון זעלבסטאפפערונג. „זעלבסטאפפערונג, זאגט גיא, גייט אריין אין די אלגעמיינע געזעצן פון לעבן. דאס ניט אפשרעקן זיך אדער די זעלבסטפארלייקענונג איז ניט קיין ריינע פארניינונג פון דעם „איך" און פונ'ם פערזענליכן לעבן. דאס איז דאס זעלביגע לעבן נופא, נאר דערפירט ביז צו דער העכסטער הויך."

אין דער גרעסטער מערהייט פון אלע פאלן קומט די זעלבסט-אפפערונג ניט פאר אין דער פארם פון אן אומבאדינגטן אפפער, אין דער פארם פון אן אפפער פון דעם אייגענעם לעבן, נאר אין דער פארם פון א געפאר און אן אפזאגן זיך פון געוויסע פארטיילן. בעת מעשה פון קאמף און געפאר האפט א מענש אויף א נצחון; און די פאראויסזאגונג פון דעמדאזיגן נצחון גיט אים אן עמפינדונג פון פרייד און א פולקייט פון לעבן. אפילו א סך חיות האבן ליב א שפיל, וואס איז באגלייט מיט געפאר, אזוי צום ביישפיל, האבן אייניגע מאלפעס זיך ליב צו שפילן מיט קראקאדילן. ביי מענשן באגעגנט מען טאקע דעם פארלאנג צו קעמפן מיט געפארן זייער אפט; אין מענשן עקזיסטירט א פאדערונג צו פילן זיך צייטנווייז גרויס, צו דערקענען די מאכט און פרייהייט פון דעם אייגענעם ווילן. אזא דערקענטניש באקומט ער אין קאמף — אין קאמף אנטקעגן זיך און זיינע ליידנשאפטן, אדער אנטקעגן אויסערליכע שטערונגען. מיר האבן דא צו טאן מיט פיזיאלאגישע באדערפענישן, און דערביי וואקסן די געפילן, וואס ציען אונז צו א ריזיקע, אין דעמזעלביגן ערך וואס גרעסער די געפאר איז.

דער מאראלער געפיל אבער טרייבט מענשן ניט נאר צו גיין אויף ריזיקע, נאר ער באוועגט זיי אפילו צו גיין אויף א זיכערן טויט. און דא לערנט די געשיכטע די מענשן — לכל הפחות יענע מענשן, וועלכע זיינען גרייט צו באנעמען אירע לעקציעס — אז „זעלבסטאפפערונג איז איינע פון די וויכטיגסטע און מעכטיגסטע באוועגער פון פראגרעס. כדי צו מאכן א שריט פארווערטס האט די מענשהייט — אט די גרויסע פוילע קערפערשאפט — אלעמאל

באַדאַרפט האָבן שטאַרקע אויפטרייסלונגען, דורך וועלכע פילע פערזאָנען זיינען אומגעקומען." *

דאָ האָט גיאָ געגעבן א ריי פאָרטרעפליכע, קונסטפולע זייטן, כדי צו באווייזן ווי נאטירליך די זעלבסטאָפּפערונג איז אפילו דאַמאָלסט, בעת א מענש גייט אויף א זיכערן טויט און האָט דערביי קיינע האָפענונגען ניט אויף א באלוינונג אויף יענער וועלט. און צו די דאָזיגע זייטן האָט מען נאָר געדאַרפט מוסיף זיין, אז דאָס אייגענע געפינען מיר ביי אלע געזעלשאַפטליכע חיות. זעלבסטאָפּפערונג לטובת דער אייגענער פאמיליע אָדער דער אייגענער גרופּע איז א געוויינלאַכער שטריך אין דער וועלט פון חיות, און דער מענש, וואָס איז א געזעלשאפטליכע באַשעפעניש איז זיכער ניט קיין אויסנאַם.

דערנאָך האָט גיאָ אָנגעוויזן אויף נאָך אן אייגנשאַפט פון דער מענשליכער נאַטור, וואָס פארבייט אין דער מאָראַל דעם געפיל פון פליכט, וואָס זי שרייבט אונז פאָר. *דאָס איז דער פארלאַנג פון נעמען א ריזיקע אין דיינקן*, ד. ה. די פייאיקייט צו בויען א געוואַגטע *השערה*, א היפּאָטעזע, וואָס פלאַטאָ האָט שוין אויף דעם אָנגעוויזן, און אויפ'ן גרונט פון דערדאָזיגער היפּאָטעזע, פון דער דאָזיגער השערה, ארויסצוברייגען אן אייגענע מאָראַל. אלע גרויסע געזעלשאַפטליכע רעפאָרמאַטאָרן האָבן זיך געפירט לויט אזוינע אָדער אנדערע אויסרעכענונגען וועגן א מעגליכן בעסערן לעבן פאר דער מענשהייט; און הגם מען האָט ניט געקאָנט מאַטעמאַטיש באווייזן די געוואונשנקייט און די מעגליכקייט פון א געזעלשאפטליכן איבערבוי אין א געוויסער ריכטונג, דאָך האָט דער רעפאָרמאַטאָר, אין דער באַציאונג א נאָענטער קרוב צום קינסטלער, אָפּגעגעבן זיין גאנצן לעבן, אלע זיינע פייאיקייטן און זיין גאנצע טעטיקייט אויף דער ארבעט, וואָס פירט צו דעמדאָזיגן איבערבוי. „אין דעם פאַל, האָט גיאָ געשריבן, האָט די היפּאָטעזע אין דער פּראַקטיק דיזעלביגע פאָלגן, וואָס דער גלויבן; זי רופט אפילו ארויס א גלויבן, הגם ניט קיין באַפעלנדן און ניט קיין דאָגמאַטישן"…. קאָנט האָט אָנגעהויבן די רעוואָלוציע

* עסקיז פון אַ מאָראַל אָהן אָבליגאַציעס, ז. 134, זיבעטע אויפלאַגע.

אין דער מאראל, בעת ער האט געוואלט געבן דעם ווילן „אויטאָ־נאָמיע“, אנשטאט צו אונטערוואַרפן דעם ווילן צו א געזעץ, וואס באקומט זיך פון דרויסן; ער האט זיך אבער אפגעשטעלט אויפ׳ן מיטן וועג: ער האט געמיינט, אז מען קאן אייניגן די פערזענליכע פרייהייט פון דעם מאראלן געפיל מיט דער אלגעמיינקייט פון אן אומפארענדערליכן געזעץ... אן אמת׳ע „אויטאנאמיע“ דארף ארויס־רופן א פערזענליכע אריגינאליטעט און ניט קיין אוניווערסאלע איינארטיקייט.* וואס מער עס וועלן זיין פארשיידענע לערען פאר דער מענשהייט אויסצוקלייבן, אלץ גרינגער וועט זיין צו גרייכן א אייניגונג. וואס איז שייך ווידער דער ניט פארווירקליכבארקייט פון די אידעאלן, האט גיא דארויף געענטפערט אין עטליכע פאָע־טיש־באגייסטערטע שורות. וואס ווייטער א אידעאל איז פון דער ווירקליכקייט, אלץ מער איז ער געוואונשן; און אזוי ווי דער פאר־לאנג אים צו גרייכן גיט אונז דעם כח וואס איז נויטיג אים צו פאר־ווירקליכן, באזיצט דעריבער דער אידעאל דעם מאקסימום פון קראפט.

אבער דאס געוואגטע דיינקען, וואס שטעלט זיך ניט אפּ אויפ׳ן האלבן וועג, פירט אויך צו א שטארקער טעטיקייט. די רעליגיע זאגט: „איך שפיר א האפענונג דערפאר ווייל איך גלויב, און איך גלויב אין גאטס אפּנבארונג“. אין דער ווירקליכקייט אבער, האט געשריבן גיא, דארף מען זאגן: „איך גלויב, דערפאר ווייל איך האף, און האפן האף איך דעריבער, ווייל איך פיל אין זיך א אינערליכע ענערגיע, מיט וועלכער מען וועט זיך דארפן רעכענען... בלויז טעטי־קייט שאפט א גלויבן אין זיך אליין, אין אנדערע—אין דער גאנצער וועלט: בעת דאס ריינע דיינקען און דאס דיינקען ביחידות נעמט אוועק פון אונז סוף כל סוף די כחות“.

אין דעריין, הייסט עס, האט גיא געזען דעם פאקטאר, וואס פארבייט די סאנקציע, ד. ה., די באפעסטיגונג פון אויבן, וואס די פארטיידיגער פון דער קריסטליכער מאראל האבן געזוכט אין דער רעליגיע און אין דעם צוזאג פון א בעסערן לעבן אויף יענער וועלט. קודם כל געפינען מיר אין זיך אליין די גוטהייסונג פון א מאראלער טאט, ווייל אונזער מאראלער געפיל, דער געפיל פון ברידערליכקייט

* בוך 2, קאפּ. 2, § 1.

האָט זיך אנטוויקלט אינ'ם מענשען פון די גאָר עלטסטע צייטען אַז דורך דעם לעבען אין געזעלשאַפטען און דורכדעם וואָס די מענשען האָבען געזען אין דער נאַטור. דערנאָך געפינט דער מענש דיזעלביגע גוט־הייסונג אין די האַלב־באוואוסטזיניגע נייגונגען, געוויינהייטען און אינסטינקטען, וועלכע זיינען נאָך אפילו ניט קיין קלאָרע, אָבער טיף איינגעוואָרצלטע אין דער נאַטור פון דעם מענשען, ווי פון אַ געזעל־שאַפטליכער באַשעפעניש. דער גאַנצער מענשליכער מין האָט אין משך פון אַ לאַנגער ריי יאָרטויזנטער זיך דערצויגען אין דער־דאָזיגער ריכטונג, און אויב עס טרעטען אויף אַמאָל פעריאָדען אין דעם לעבען פון דער מענשהייט, ווען אָט די בעסערע אייגנשאַפטען ווערען ווי עס שיינט פאַרגעסען, גייט אַוועק אַ שטיק צייט און די מענשהייט הויבט ווידער אָן צו שטרעבען צו זיי. און ווען מיר זוכען דעם מקור פון די דאָזיגע געפילען, געפינען מיר, אַז זיי זיינען איינגעגראָבען אין דעם מענשען נאָך טיפער אפילו איידער זיין באוואוסטזיין.

דערנאָך, כדי צו דערקלערען די קראַפט פון די מאָראַלע יסודות אין דעם מענשען, האָט גיאָ אַנאַליזירט אויף וויפיל אין דעם מענשען איז אנטוויקלט די פייאיקייט פון זעלבסטאָפּפּערונג און ער האָט באוויזען ווי אייגענטימליך עס איז פאַר'ן מענשען דער פאַרלאַנג נאָך ריזיקע און קאַמף, ניט נאָר אין דעם דיינקען פון די פראָמינענטע מענשען, נאָר אויך אין דעם געוויינליכען לעבען, און דאָ האָט ער געגעבען איניגע פון די בעסטע זייטלאַך פון זיין בוך.

בכלל קאָן מען דרייסט זאָגען, אַז גיאָ האָט אין זיין פאָרשונג וועגען מאָראַל אָהן צוואַנג און אָהן פאַרהייליגונג פון רעליגיע אויס־געדריקט דעם מאָדערנעם באַגריף וועגען מאָראַל און אירע אויפגאַבען ווי ער האָט זיך פאָרמירט ביי די געבילדעטע מענשען ביים אָנהויב פון 20טען יאָרהונדערט.

פון דאָס, וואָס איז געזאָגט געוואָרען, איז קענטיג, אַז גיאָ האָט ניט געהאַט בדעה אָנצושרייבען אַ פולשטענדיגע פאָרשונג וועגען די יסודות פון מאָראַל, נאָר ער האָט געוואָלט בלויז באַווייזען, אַז די מאָראַל נויטיגט זיך ניט פאַר איר באַפעסטיגונג און אנטוויקלונג אין דעם באַגריף פון אַבליגאַציעס אָדער בכלל אין אַ וועלכער עס איז באַפעסטיגונג פון דרויסען.

דערזעלביגער פאַקט, וואָס דער מענש זוכט אין זיין לעבען אינ־טענסיוויטעט, ד. ה. פילאַרטיקייט, אויב ער פילט נאָר אין זיך דעם

כח צו לעבן אזא לעבן — אַט דערזעלביגער פאַקט ווערט ביי גיאַ א מעכטיגער צורוף צו לעבן טאַקע נאָר אַזאַ לעבן. פון דער אַנדער זייט ווידער ציען דעם מענשן אויף דעמדראָזיגן וועג דער פאַרלאַנג און די פרייד פון ריזיקע אין רעאַלן קאַמף, ווי אויך די פרייד פון ריזיקע אין דיינקען (די מעטאַפיזישע ריזיקע, ווי גיאַ האָט עס אַנגערופן). מיט אַנדערע ווערטער, עס ציט דעם מענשן אויך די צופרידנשטעלונג וואָס מיר פילן בעת מיר גייען צו דאָס היפּאָטעטישע אין אונזער אורטיילן, אין לעבן און אין טאַט... ד. ה. צו דאָס, וואָס מיר זיינען זיך ערשט נאָר משער, אַז עס איז מעגליך.

אַט דאָס איז, וואָס פאַרנעמט דעם פּלאַץ אין דער נאַטירליכער מאָראַל פון דעם געפיל פון אָבליגאַציע, וואָס עקזיסטירט אין דער רעליגיעזער מאָראַל.

וואָס איז שייך דער סאַנקציע אין דער נאַטירליכער מאָראַל, ד. ה. איר באַפעסטיגונג דורך עפּעס העכערעס, דורך עפּעס מער אַל־געמיינעס, האָבן מיר דאָ, אומאָפּהענגיק פון דער רעליגיעזער באַ־פעסטיגונג, אַ נאַטירליכע גוטהייסונג, וואָס מיר פילן בנוגע מאָראַ־לישע האַנדלונגען, און אַ אינטואיטיוון האַלב־באַוואוסטזיין, אַ מאָראַלע גוטהייסונג, וואָס קומט אַרויס פון דעם נאָך אומבאַוואוסטזיניגן, אָבער אין אונז איינגעבאַרענעם באַ־גריף פון גערעכטיקייט. און ענדליך איז פאַראַן נאָך אַ גוט־הייסונג מצד די אונז אייגנטימליכע געפילן פון ליבשאַפט און ברי־דערליכקייט, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין דער מענשהייט.

אַט דאָס איז די פאָרם. אין וועלכער עס האָבן זיך אויסגעגאָסן ביי גיאַ די באַגריפן וועגן מאָראַל. אויב זיי זיינען אַרויסגעקומען ביי אים פון עפיקורוס'ן, האָבן זיי זיך שטאַרק פאַרטיפט; און אַנ־שטאָט עפיקורוס'עס מאָראַל פון „פאַרנינפטיגער אויסרעכענונג,“ האָט זיך באַקומען אַ נאַטירליכע מאָראַל, וואָס אַנטוויקלט זיך אין מענשן דורך דער קראַפט פון זיין לעבן אין געזעלשאַפט — אַ פאַקט, וועלכן עס האָבן פאַרשטאַנען בעיקאָן, גראָציוס, ספּינאָזאַ, אָגוסט קאָנט, דאַרווין און טיילווייז ספּענסער. ביז היינטיגן טאָג אָבער ווילן נאָך דערמיט ניט איינשטימען אַלע די, וועלכע ציען פאָר צו ריידן וועגן דעם מענשן ווי וועגן אַ באַשעפעניש, וואָס איז אַפילו באַשאַפן געוואָרן „בצלם אלהים“, אָבער איז אין דער ווירקליכקייט

א שקלאַף, פאַרקויפט צום טייוול, פון וועלכן מען קאָן ארויסקריגן א באשריינקונג פון זיין איינגעבוירענער אוממאָראַלישקייט נאָר סטראַשענדיג אים מיט דער בייטש און מיט טורמע אויף דער וועלט און שרעקנדיג אים מיט'ן גיהנום אויף יענער וועלט.

שלום־וואָרט.

לאָמיר איצטער פּרובירן אונטערציען דעם סך הכל פון אונזער קורצן היסטאָרישן איבערבליק איבער די פאַרשיידענע לערען וועגן מאָראַל.

מיר האָבן געזען, אַז אָנהויבנדיג פון די צייטן פון אַלטן גריכנלאַנד ביז דער היינטיגער צייט, האָבן אין דער עטיק געהערשט הויפּטזעכליך, צוויי ריכטונגען. איינעגע מאָראַליסטן האָבן אָנדערקענט, אַז די עטישע באַגריפן זיינען געגעבן געוואָרן דעם מענשן פון אויבן, און דעריבער האָבן זיי פאַרבונדן די מאָראַל מיט רעליגיע. אַנדערע דיינקער ווידער האָבן געזען דעם מקור פון מאָראַל אין דעם מענשן גופא און האָבן געשטרעבט צו באַפרייען די עטיק פון דער רעליגיעזער סאַנקציע און צו באַשאַפן אַ רעאַליסטישע מאָראַל. איינעגע פון די דאָזיגע דיינקער האָבן באַהויפּטעט, אַז דער הויפּט באַוועגער פון'ם מענשן אין זיינע אַלע האַנדלונגען איז דאָס, וואָס איינעגע רופן אָן גענוס, אַנדערע וואוילשטאַנד אָדער גליק, מיט איין וואָרט: דאָס, וואָס פאַרשאַפט דעם מענשן די גרעסטע סומע צופרידנשטעלונג און פרייד. אַלעם אַנדערע ווערט נאָר געטאָן צוליב דעם. אַ מענש קאָן זוכן די באַפרידיגונג פון די גאָר נידעריגסטע אָדער די גאָר העכסטע פאַרלאַנגען, אָבער אַלעמאָל זוכט ער דאָס, וואָס גיט אים גליק, באַפרידיגונג, אָדער לכל הפּחות די האָפענונג אויף גליק און באַפרידיגונג אין דער צוקונפט.

עס פאַרשטייט זיך, ווי מיר זאָלן ניט האַנדלען, סיי זוכנדיג פריער ווי אַלץ פאַרגעניגן און פערזענליכע באַפרידיגונג, סיי אָפּזאָגנדיג זיך אויסגערעכנטערהייט פון גענוסן, וואָס שטייען אונז פאָר, צוליב עטוואָס בעסערס, גייען מיר אַלעמאָל אין דער ריכטונג, אין וועלכער מיר געפינען אין דער געגעבענער

מינוט די גרעסטע צופרידנשטעלונג. דער דיינקער-הערדאָניסט קאָן דעריבער זאָגן, אז די גאנצע מאָראַל ווערט צוריקגעפירט צו דעם פּרינציפּ, וואָס יעדער איינער זוכט וואָס עס איז אים אנגענעמער, ווען מיר זאָלן אפילו ווי בענטאַם זיך שטעלן צום ציל די גרעסטע טובה פון דער גרעסטער צאָל מענשן. אָבער דערפון פאָלגט נאָך ניט, אז האנדלענדיג אויף א געוויסן אופן, זאָל מיך ניט אין עטליכע מינוט ארום, אָדער אפשר גאָר אויפ'ן גאנצן לעבן ניט פארדריסן פארוואָס איך האָב געהאנדלט אזוי און ניט אנדערש.

דערפון, אויב איך האָב קיין טעות ניט, מוז מען קומען צום שלוס, אז יענע שרייבער וואָס באהויפּטן, אז „יעדערער זוכט דאָס, וואָס עס גיט אים די גרעסטע באַפרידיגונג", פאַרענטפערן דערמיט נאָך גאָרנישט, אזוי אז די גרונט-פראַגע מכח דער דערקלערונג פון די מאָראַלע יסודות, וואָס שטעלט צוזאַמען די הויפּט אויפגאַבע פון יעדער פאָרשונג וועגן מאָראַל, בלייבט אָפן ווי צופאָר.

עס פאַרענטפערן זי ניט אויך יענע, וועלכע זאָגן, ווי די היינטי־גע אוטיליטאַריסטן — בענטאַם, מילל און א סך אנדערע—: „אָפּ־האַלטנדיג זיך פון אָפּצאָלן מיט א באַליידיגונג פאַר א באַליידיגונג, האָט איר זיך בלויז באַפרייט פון אן איבעריגער אומאַנגענעמליכקייט, פון דאַרפן זיך אליין טאַדלען פאַר ניט-איינגעהאַלטנקייט, פאַר א גראָבקייט, וואָס אייך וואָלט ניט געפעלן געוועזן צו הערן פון אנדע־רע. איר זייט געגאַנגען אויפ'ן וועג, וואָס האָט אייך געגעבן די גרעסטע באַפרידיגונג; און עס קאָן זיין, אז איצטער טראַכט איר אפילו: ווי קלוג, ווי גוט איך האָב געהאנדלט". דערצו וועט נאָך אנאנדער רעאַליסט מוסיף זיין:—„רעדט צו מיר ניט, איך בעט אייך, וועגן אייער אַלטרואיזם און ליבע צום נעקסטן. איר האָט גע־האַנדלט ווי א קלוגער עגאָאיסט — מער גאָרנישט". דערוויילע אָבער איז נאָך אָט די אַלע חקירות די פראַגע וועגן מאָראַל געבליבן שטיין אויפ'ן זעלביגן אָרט. מיר האָבן גאָרנישט ניט אויסגעפונען וועגן איר אָפּשטאַמונג און אויך גאָרנישט מכח דעם, צי איז נויטיג צו האָבן א פרייגטלאַכע באַציאונג צו מענשן, און אויב יאָ, איז אין וואָס פאַר אן ערך. פאַר דעם דיינקער שטעלט זיך אויף ווי פריער די פראַגע:— צי דען איז דאָס מאָראַלע א צופעליגע דערשיינונג אין דעם לעבן פון די מענשן, און ביז וואָס פאַר א גראַד קומט עס

פאר אינ׳ם לעבן פון די געזעלשאפטלאכע חיות? צי דען האט עס ניט קיין טיפערן גרונט איידער מיין צופעליגע גוטמוטיגע נייגונג און דעם שפעטיגן שלום פון מיין שכל, אז אזא גוטמוטיקייט איז סוף כל סוף ניצליך פאר מיר אליין, ווייל זי באפרייט מיך פון אנ־דערע אומאנגעמליכקייטן? און דאס איז נאך ניט אלץ. אויב מענשן האלטן, אז ניט אויף יעדער באליידיגונג דארף מען ענטפערן מיט גוטמוטיקייט; אז עס זיינען פאראן באליידיגונגען, וועלכע קיי־נער טאר ניט דערלאזן, וועמען זיי זאלן ניט אנגרייפן — איז דען ניטא קיין מאס, לויט וועלכער מיר וואלטן געקאנט אונטערשיידן צווישן די פארשיידענע באליידיגונגען? און צי דען איז דאס אלץ ניט מער ווי א זאך פון פערזענליכער אויסרעכענונג, אדער גאר פשוט פון א מאמענטאנער אויפגעלייגטקייט, פון א צופעליקייט?

עס איז קיין שום ספק ניט, אז „דאס גרעסטע גליק פון דער געזעלשאפט״, וואס איז ארויסגעשטעלט געווארן ווי דער פונדא־מענט פון מאראל זינט די גאנץ פרימיטיווע צייטן פון דער מענש־הייט, און וואס איז פראמינענט אוועקגעשטעלט געווארן די לעצטע צייט פון די דיינקער־ראציאנאליסטן, איז ווירקליך דער ערשטער יסוד פון יעדער עטיק. אבער דער דאזיגער יסוד פאר זיך אליין איז אויך צופיל אן אבסטראקטער, צו א ווייטער, און ער וואלט ניט גע־קאנט שאפן קיין מאראלע געוויינהייטן און קיין מאראלן דיינקען. דאס דערקלערט טאקע פארוואס זינט דעם וויטן אלטערטום און האבן די דיינקער געזוכט א פעסטערן פונדאמענט פאר דער מאראל.

ביי די פרימיטיווע פעלקער האבן די געהיימע פארבאנדן פון מכשפים, שאמאנען און נביאים (ד. ה. די פארבאנדן פון די געלער־טע פון יענע צייטן) אנגעווענדט דעם מיטל פון אנשרעקן, דער־הויפט די קינדער און פרויען, מיט פארשיידענע שרעקליכע צערע־מאניעס, און אויף דעם אופן זיינען ביסלאכוויז באשאפן געווארן רעליגיעס. * און דורך דער רעליגיע זיינען פארפעסטיגט געווארן

---

* ביי א סך שבטים פון די נארד־אמעריקאנישע אינדיאנער איז א מנהג, אז אויב עס פאלט ארונטער די מאסקע פון א מאן, בעת זיי פרא־ווען זייערע רעליגיעזע צערעמאניעס, אזוי אז די פרויען וואלטן דאס געקאנט באמערקן, דער׳הרג׳נען אים גלייך די אנדערע מענער און זאגן, אז א גייסט האט אים דער׳הרג׳עט. די צערעמאני האט דעם צוועק די־רעקט אנצושרעקן די פרויען און קינדער.

די זיטן און מנהגים, וועלכע זיינען אָנדערקענט געוואָרן פאר נוץ־ליכע פאר דעם לעבן פון גאנצן פאָלק, וואָרים דורך זיי זיינען איינ־געצוימט געוואָרן די עגאָאיסטישע אינסטינקטן און אימפולסן פון איינצעלנע מענשן. שפּעטער האָבן אין אלטן גריכנלאַנד געווירקט אין דערזעלביגער ריכטונג די שולן פון די דיינקער, און נאָך שפּע־טער האָבן אין אזיע, אייראָפּא און אמעריקא אזוי געווירקט די מער־גייסטיגע רעליגיעס. אָבער אָנהויבנדיג פון דעם 17טן י. ה., ווען די אויטאָריטעט פון די איינגעפירטע רעליגיעס האָט אָנגעהויבן פאַלן אין אייראָפּא, האָט זיך באוויזן א באַדערפעניש צו זוכן אנדערע יסודות פאר די מאָראַלע באַגריפן. דאַמאָלסט האָבן איינינע, גיי־ענדיג אין די טריט פון עפּיקורוס'ן, גענומען ארויסרופן אַלץ מער און מער, אונטער דעם נאָמען הערדאָניזם אדער איידעמאָניזם, דעם פּרינציפּ פון פּערזענליכע נוצן, גענוס און גליק; אנדערע ווידער, נאָכגייענדיג דערהויפּט נאָך פּלאַטאָ'ן און די סטאָאיקער, האָבן ווייטער געזוכט א שטיצע מער אָדער ווייניגער אויך אין דער רע־ליגיע, אדער האָבן זיך געווענדעט צו דעם מיטגעפיל אָדער דער סימפּאַטיע, וואָס עקזיסטירן בלי ספק ביי אַלע געזעל־שאַפטליכע חיות און זיינען נאָך מער אנטוויקלט ביים מענשן, ווי צו א געגנווירקונג אנטקעגן די עגאָאיסטישע שטרעבונגען.

צו אָט די צוויי ריכטונגען האָט אין אונזער צייט פּאולסען נאָך צוגעגעבן דעם פּרינציפּ פון „ענערגיזם", וואָס זיינע גרונט־שטריכן זיינען — „די זעלבסטדערהאַלטונג און די דורכפירונג פון דעם איינענעם ווילן, די פרייהייט פון דעם פאַרנינפּטיגן „איך" אין אמת'ן דיינקען, די האַרמאָנישע אנטוויקלונג און ארויסוויי־זונג פון די אַלע כחות פון פּאָלקאָמענהייט.

אָבער דער ענערגיזם פאַרענטפערט אויך ניט די פראַגע, פאַר־וואָס „די האַנדלונג און דער אַרט דיינקען פון א וועלכן עס איז מענשן דערוועקן אין דעם צושויער א געפיל פון צופרידנקייט אדער אומצופרידנקייט"? פאַרוואָס די ערשטע געפילן (פון צופרידנקייט) קאָנען אריבערוועגן די צווייטע, און דאַן ווערן זיי ביי אונז גע־ווינהייטס-געפילן, וואָס רעגולירן אונזערע צוקינפטיגע האַנדלונ־גען? אויב אז דאָ שפּילט ניט א ראָליע דער פּשוט'ער צופאַל, איז פאַרוואָס איז דאָס אזוי? וואו זיינען די אורזאַכען פאַרוואָס די מאָראַלע אימפּולסן וועגן אריבער די אוממאָראַלע? איז עס

אין דעם נוצן, אין דער אויסרעכענונג, אין דעם איבערוועגן פון די פארשיידענע באפרידיגונגען און אין דעם אויסקלייבן די פעסטערע און שטארקערע באפרידיגונגען, ווי בענטאם האט געלערנט? אדער די אורזאכן דערפון געפינען זיך גאר אין דעם סאמע געבוי פונ׳ם מענשן און פון אלע געזעלשאפטליכע חיות, אין וועלכע עס איז פאראן עפעס אזוינס, וואס פירט אונז בכלל אין דער ריכטונג, וואס מיר רופן אן מאראליש, הגם צוגלייך דערמיט זיינען מיר פייאיק אפצוטאן אונטער דעם איינפלוס פון גייציקייט, צביעות און הער־שאפט־לוסט אזוינע מיאוסקייטן, ווי די אונטערדריקונג פון איין קלאס דורך אן אנדערן, אדער אזוינע מעשים, אין וועלכע די לעצ־טע מלחמה איז געווען אזוי רייך: די ניפטיגע גאזן, די סובמא־רינען, די צעפעלינען, וואס זיינען אנגעפלויגן אויף שלאפעדיגע שטעט, די פולשטענדיגע רואינירונג דורך די עראבערער פון די פארלאזענע טעריטאריעס, און דערגלייכן.

אין דער אמת׳ן, צי לערנט אונז ניט דאס לעבן און די גאנצע געשיכטע פון דער מענשהייט, אז אויב מענשן וואלטן זיך געפירט לויט די אויסרעכענונגען פון נוצן פאר זיך פערזענליך, וואלט אי־בערהויפט קיין שום געזעלשאפטליך לעבן ניט געווען מעגליך? די גאנצע געשיכטע פון דער מענשהייט זאגט, אז דער מענש איז א שרעקליכער סאפיסט, און אז זיין שכל קאן וואונדערליך פיין אויס־זוכן אלערליי מעגליכע בארעכטיגונגען פאר אלץ, צו וואס עס טרייבן אים זיינע פארלאנגען און לײדענשאפטן. אפילו פאר אזא פאר־ברעכן ווי אן עראבערנדיגע מלחמה אין צוואנציגטן יארהונדערט, פון וועלכע די וועלט האט געדארפט אויפגעציטערט ווערן — אפילו פאר אזא פארברעכן האט דער דײטשישער קייזער און מיליאנען פון זיינע אונטערטאנען, ניט אויסשליסנדיג די ראדיקאלן און די סאציאליסטן, געפונען א בארעכטיגונג אין די נוצן פון דער מלחמה פאר׳ן דײטשן פאלק; און אנדערע קונציגערע סאפיסטן האבן דעריין געזען אפילו א נוץ פאר דער גאנצער מענשהייט.

צו די פארשטייער פון דעם „ענערגיזם“ אין זיינע פארשיידע־נערליי פארמען רעכנט פאולסען צו אזוינע דיינקער ווי האבבס, ספי־נאזא, שעפטסבערי, לייבניץ, וואלף, און ער זאגט, אז דער אמת איז קלאר אויף דער זייט פון דעם ענערגיזם. „אין דער לעצטער צייט— זאגט ער ווייטער — קומט די עוואלוציאנס־פילאסאפיע צו אזא אנ־

שויאונג: אַגעוויסער לעבנס טיפ און זיין ארויסווייזן זיך אין טעטיגקייט איז דער פּאַקטישער ציל פון יעדן לעבן און פון יעדער שטרעבונג".

די חקירות, מיט וועלכע פּאולסען באַפעסטיגט זיין געדאַנק, זיינען ווערטפול דערמיט, וואָס זיי באַלייכטן גוט איייניגע זייטן פון דעם מאַראַלן לעבן פון דעם שטאַנדפּונקט פון ווילן, ווייל די שרייבער איבער עטיק האָבן אויף דער דאָזיגער אַנטוויקלונג ניט געשיינקט גענוג אויפמערקזאַמקייט. עס זעט זיך אָבער פון זיינע חקירות ניט ארויס אין וואָס עס אונטערשיידט זיך אין פראַגן פון מאַראַל די מאַניפעסטאַציע און טעטיגקייט פון א לעבנס טיפ פון דעם זוכן אין לעבן „די גרעסטע סומע געפילן פון פאַרגעניגן". דאָס ערשטע פירט אומפאַרמיידליך צו דעם צווייטען און קאָן לייכט דערגיין צו דער באַהויפּטונג „זאָלסט זיך ניט דערוועגן מיר צו גיין דאַגעגן", אויב דער מענש האָט ניט, אין די מאָמענטן פון ליידנשאַפט, א וועלכן עס איז זיך אנטוויקלענדיגן איינהאַלטנדיגן רעפלעקס, אַ שטייגער ווי אַ ווידערווילן צו אַפּנאַרעריי, אַ ווידערווילן צו באַהערשן, אָדער אַ געפיל פון גלייכהייט א. אז. וו.

באַהויפּטן און דערווייזן, אַז באַטרוג און אומערליכקייט איז אַן אונטערגאַנג פון מענשן, ווי דאָס טוט פּאולסען, איז אודאי ריכטיג און נויטווענדיג. אָבער דאָס איז נאָך ניט גענוג. פאַר דער עטיק איז ניט גענוג צו וויסן אַט דעם פאַקט, זי מוז אויך דערקלערן פאַרוואָס אַלעבן פון באַטרוג און אומערליכקייט פירט צו דעם אונטערגאַנג פונ'ם מענשן. איז עס דערפאַר, וואָס אַזוי האָט געוואָלט דער באַשעפער פון דער נאַטור, אויף וועמעס ווילן דאָס קריסטענטום בויט; אָדער דערפאַר, ווייל לייגן מיינט אַלעמאָל זיך דערנידעריגן, האַלטן זיך נידעריגער (שוואַכער איידער דער, צו וועמען מען לייגט), און ממילא פאַרלירנדיג די זעלבסט־אַכטונג, מאַכן זיך נאָך שוואַכער, און אַזוי אויך מיינט האַנדלען ניט ערלאַך, צוגעווייגען דעם אייגענעם מח צו דיינקען ניט ערליך, פאַלש, ד. ה. צעקאַלעטשען דאָס אַלערטייערסטע אין אונז — די פיאיקייט פון ריכטיגן דיינקען.

אַט אויף די פראַגן פאָדערט זיך אַן ענטפער פון דער עטיק,

וועלכע וויל פארבייטן די רעליגיעזע עטיק. און דעריבער קאן מען ניט ענטפערן אויף דער פראגע וועגן דעם געוויסן און זיין נאטור ווי פאולסען האט געענטפערט, אז דאס געוויסן איז אין זיין אפּשטאמונג מער גארנישט ווי די „זיטן־קענטעניש“, וואס איז פארגעשריבן דורך דער ערציאונג, דורך דעם אורטייל פון דער געזעלשאפט וועגן אנשטענדיג און ניט־אנשטענדיג, וועגן דעם וואס עס איז רעכט און וואס עס פארדינט א שטראף, און ענדליך דורך די „רעליגיעזע געבאטן“. פונקט אט די דערקלערונגען האבן טאקע ארויסגערופן די אויבערפלעכליכע פארלייקענונגען פון מאראל פון מאנדעוויל, שטירנער, און אנדערע. אויב אבער די זיטן ווערן געשאפן דורך דער אנטוויקלונג־געשיכטע פון א געגעבענער געזעלשאפט, דאן ציט דאס געוויסן, ווי איך וועל עס זוכן צו באווייזן, זיין אפּשטאמונג א סך טיפער אין דעם ב א וו א ו ס ט ז י ן פ ו ן ג ל י י כ ב א ר ע כ ט י ג ו נ ג, וואס אנטוויקלט זיך פיזיאלאגיש אין דעם מענשן, אזוי גוט ווי אין אלע געזעלשאפטליכע חיות...

(מיט די ווערטער ענדיגט זיך דער מאנוסקריפּט.)

נאָטיץ

די פאָלגענדע ביילאַגע אונטערן נאָמען „וועגן דעם אידעאַל פון דער צוקונפטיגער געזעלשאַפט און די מיטלען ווי אים צו פאַרווירקליכן“ איז די ערשטע סאָציאַלע שריפט פון פּ. קראַפּאָטקין, וואָס ער האָט פאַרפאַסט אַלס פּראָגראַם פון דעם רעוואָלוציאָנערן „טשייקאָווסקי קרייז“, אין וועלכן ער איז אריינגעטראָטן אַלס מיטגליד אין יאָר 1872. ער איז דאַמאָלסט געווען אַקאָרשט געקומען פון אויסלאַנד, וואו ער האָט זיך באַקענט מיט דער סאָציאַליסטישער און ארבעטער באַוועגונג אין מערב־אייראָפּא, און איז צוגעשטאַנען צו דעם באַקונישן פליגל פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. זיין אידעאַל אין דערדאָזיגער שריפט איז שוין געווען אויסגעשפּראָכן אַנאַרכיסטיש.

צוויי יאָר שפּעטער, אין 1874, איז ער ארעסטירט געוואָרן, און צווישן אַנדערע שריפטן, וואָס די פּאָליציי האָט פאַרכאַפּט אין זיין וואוינונג, איז אויך געווען אָט די ערשטע שריפט, וועלכע איז געבליבן ליגן באַהאַלטן אין די אַרכיוון פון דער „אָכראַנע“ ביז נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע. אין יאָר 1920 האָט די רעדאַקציע פון דעם זשורנאַל „בילאָע“, וועלכע האָט אונטערזוכט די מאַטעריאַלן פון דידאָזיגע אַרכיוון, אריבערגעשיקט די בראָשור צו קראַפּאָטקינען, וועלכער האָט דאַן געלעבט אין דעם דאָרף דמיטראָוו, נית ווייט פון מאָסקווע. קראַפּאָטקין האָט איבערגעקוקט מיט גרויס אינטערעס דעם דאָקומענט פון דער עפּאָכע פון זיין יוגנטליכער ארבעט און האָט פאַרשריבן אַלע ראַנדן מיט באַמערקונגען, אויסבעסערונגען און דערקלערונגען. ליידער האָט דער טויט אים ניט געלאָזט פאַרענדיגן די באַמערקונגען און דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך צוזאַמען מיטן איבעריגן נאַכלאַס אין דעם קראַפּאָטקין מוזיי אין מאָסקווע.

די איבערזעצונג, וואָס מיר דרוקן דאָ איז געמאַכט פון דעם אָריגינאַל, ווי ער איז אָפּגעדרוקט אין „בילאָע“ נומער 17, פון יאָר 1922.

מיט אָט דער אויסגאַבע פון קראָפּאָטקינס ווערק איבער עטיק און דער ביילאַגע פון אָט דער העכסט אינטערעסאַנטער שריפט גיבן מיר דעם אידישן לעזער דאָס אַלער-לעצטע און דאָס אַלער-ערשטע פון די ווערק פון דעם אומשטערבליכן גרויסן דיינקער און גרויסן רעוואָלוציאָנער.

די ארויסגעבער.

וועגן דעם אידעאַל פון דער צוקונפטיגער
געזעלשאַפט און די פּראַקטישע
מיטלען אים צו פאַרווירקליכען.

דאַרפֿן מיר זיך פֿאַרנעמען מיט חקירות וועגן דעם אידעאַל פֿון דער צוקינפֿטיגער געזעלשאַפֿט?

איך מיין, אַז מיר דאַרפֿן.

ערשטנס דערפֿאַר, ווייל אין דעם אידעאַל קאָנען מיר אויס־דריקן אונזערע האָפֿענונגען, שטרעבונגען און צילן, אומאָפּהיינגיק פֿון די פּראַקטישע באַשריינקונגען, אומאָפּהיינגיק פֿון דעם גראַד פֿאַרווירקליכונג, וואָס מיר וועלן דערגרייכן, וואָרים דערדאָזיגער גראַד פֿאַרוויקליכונג ווערט באַשטימט פֿון ריין אויסערליכע סבות.

צווייטנס דערפֿאַר, ווייל אין דעם אידעאַל קאָן זיך אַרויסווייזן אויף וויפֿיל מיר זיינען אָנגעשטעקט מיט אַלטע פֿאָראורטיילן און טענדענציעס. אויב אייניגע זייטן פֿונ׳ם לעבן וועלן, אַפֿילו בעת דער באַטראַכטונג פֿון דעם אידעאַל, אונז אַרויסווייזן זיך אַזוי הייליג, אַז מיר וועלן ניט וואַגן זיי אָנצורירן, איז, ווי גרויס וועט שוין קאָנען זיין אונזער מוט, בעת עס וועט אויסקומען צו פֿאַר־ניכטן אַלע אייגענאַרטיקייטן פֿון אונזער לעבן? מיט אַנדערע ווערטער, אויב אַפֿילו די גייסטיגע געוואַגטקייט איז נאָך ניט קיין גאַראַנטיע פֿון פּראַקטישער געוואַגטקייט, איז אָבער די גייסטיגע געדאַנקען־פּחדנות גאַנץ זיכער אַ מאַסשטאַב פֿון דער פּראַקטישער געדאַנקען־פּחדנות.

ריידנדיג וועגן אַ באַשטימונג פֿון דעם אידעאַל, האָבן מיר, פֿאַרשטייט זיך, אין זין בלויז די באַשטימונג פֿון פֿיר אָדער פֿינף הויפּט שטריכן פֿון דעמדאָזיגן אידעאַל. אַלעס איבעריגע דאַרף אומפֿאַרמיידליך פֿאַרווירקליכט ווערן אינ׳ם לעבן פֿון דידאָזיגע גרונט־פּרינציפּן. דעריבער קאָן דאָס ניט זיין קיין ענין אויף צו באַטראַכטן איצטער. די פֿאָרמען פֿון פֿאַרווירקליכונג קאָנען ניט אַרויסגעבראַכט ווערן אויף אַ וויסנשאַפֿטליכן וועג. פּראַקטיש קאָנען זיי אַרויסגעבראַכט ווערן ערשט דורך אַ פֿילפֿאַכיגער פּראַקטישער

באטראכטונג קורץ פאר און דורך דער צייט פון זייער פארווירק־ליכונג אויפן ארט גופא, אין געמיינדע, אין ארטעל, אבער ניט איצטער, ווען די זאך איז נאך ניט געבוירן געווארן.

אונטער דעם אידעאל פארשטייען מיר אזא געזעלשאפטליכע ארדנונג, וואס איר פראגרעס איז געבויט ניט אויפן קאמף פון מענשן מיט מענשן, נאר פון מענשן מיט דער נאטור.

עס איז קיין שום ספק ניט, אז צווישן די פארשיידענע סאציא־ליסטן פון אלערליי שאטירונגען איז פאראן א גאנץ פולשטענדיגע איינשטימונג בנוגע זייערע אידעאלן, ווען מען זאל זיי נעמען אין זייער גאנץ אלגעמיינער פארם. די געזעלשאפטליכע ארדנונג, וועל־כע זיי וואלטן געוואלט עס זאל זיך פארווירקליכן אין דער מער אדער ווייניגער נאענטער צוקונפט, איז בכלל איינע און דיזעלביגע, און דער חילוק צווישן זייערע אידעאלן קומט גיכער ארויס ניט פון גרינטליכע פארשיידנקייטן אין דעם אידעאל גופא, נאר פון דעם, וואס איניגע קאנצענטרירן זייער גאנצע אויפמערקזאמקייט אויף אזא אידעאל, וואס קאן לויט זייער מיינונג פארווירקליכט ווערן אין דער נאענטסטער צוקונפט, און אנדערע שטעלן זיך אפ אויף אזא אידעאל, וואס איז, לויט דער מיינונג פון די ערשטע, א פיל־ווייטערדיגער.

פאקטיש שטרעבן אלע היינטיגע סאציאליסטן צו דער מעגליכסט נרעסטער גלייכהייט אין די אומשטענדן פון די פארשיידענע באזונ־דערע איינצעלנע און געזעלשאפטן.

אלע וואלטן זיי געוואלט די פארווירקליכונג פון אזא ארדנונג, וואו יעדערער זאל האבן דיזעלביגע מעגליכקייט צו פארדינען זיינע לעבנסמיטלען דורך זיין פערזענליכער ארבעט, ד. ה. אז יעדער איינער זאל האבן דאסזעלביגע רעכט צו באנוצן זיך מיט די ארבעטס מיטלען און מיט דעם רוי־שטאף, וואס אהן זיי איז קיין ארבעט ניט מעגלאך; וואו יעדערער זאל אוועקגעשטעלט ווערן אין דער נויט־ווענדיגער לאגע צו פארדינען פאר זיך די מיטלען צום לעבן דורך איינגענער ארבעט; וואו די איינטיילונג פון די ניצליכע באשעפטי־גונגען אין דער געזעלשאפט זאל זיין אזא, עס זאל זיך ניט קאנען אויסבילדן א קלאס, וואס איז באשעפטיגט אויפן גאנצן לעבן, און אודאי ניט מיטן רעכט פון ירושה, ביי אן אויסשליסליך פריווילע־

גירטער ארבעט, ד. ה. ביי אַן ארבעט, וואָס איז אנגענעמער, לייכטער און קירצער, און גיט פונדעסטוועגן אַ רעכט אויף דעמזעלביגן וואוילשטאַנד צוגלייך מיט אנדערע, אָדער נאָך אפשר אויף אַ גרעסערן וואוילשטאַנד. דערצו נאָך: וואו יעדערער זאָל האָבן דיזעלביגע מעגליכקייט, צוגלייך מיט אַלע איבעריגע, צו באַקומען די טעאָרעטישע בילדונג, וועלכע היינט קאָנען נאָר ווייניגע גענים און וואו די באַציאונגען פון דעם יחיד צו די אַלע איבעריגע זאָלן זיין אַזוינע, אַז דער יחיד, וואָס ציט די גרעסטע סומע נוצן פון דידאָזיגע באַציאונגען, זאָל אין דערזעלביגער צייט טראָגן די קלענסטע צאָל באַשריינקונגען פון זיין פערזענליכער פרייהייט און פערזענליכער אנטוויקלונג.

מיט איין וואָרט, אויסדריקנדיג בקיצור אָט די אַלע טעזיסן קאָן מען זאָגן, אַז די היינטיגע סאָציאַליסטן שטרעבן צו גלייכהייט:

אין די רעכטן אויף ארבעט.

אין דער ארבעט (אין דער פליכט צו ארבעטן).

אין די מיטלען אויף בילדונג.

אין די געזעלשאַפטליכע רעכטן און פליכטן אונטער די העכסטמעגליכע געלעגנהייטן פאַר דער ענטוויקלונג פון די אינדיווידועלע אייגנטימליכקייטן.

אין דער אויסאיבונג פון די פיאיקייטן, וואָס זיינען ניט שעדליך פאַר דער געזעלשאַפט.

אָט דאָס איז די פּראָגראַם פון דער גרעסטער מערהייט, אויב ניט פון אַלע סאָציאַליסטן פון אונזער צייט. אפילו די, וועלכע פריידיגן דאַכט זיך גאָר אַנאַנדער אידעאַל, צום ביישפּיל, די וועלכע פריידיגן אַלס ענדציל דעם שטאַט־קאָמוניזם אָדער די היעראַרכישע אָרדנונג און דערגלייכן, ווילן סוף כל סוף דיזעלביגע זאַך. און אויב זיי קאָנצענטרירן אַ שטאַרקע מאַכט אין די הענט סיי פון אַ רעגירנדער מינאָריטעט, סיי פון אויסגעקליבענע עלטסטע, און זיינען אויף דעם אופן מקריב צום ביישפּיל די פערזענליכע אייגנאַרטיקייט, איז עס כלל ניט דערפאַר, ווייל זיי שרייבן איר ניט צו קיין וויכטיקייט אָדער האַלטן זי גאָר פאַר שעדליך, נאָר בלויז

דערפאר וואס זיי דיינקען, אז עס איז אוממעגליך צו פארווירקליכן אזא ארדנונג, אין וועלכער אלע פיר פארמען פון גלייכהייט זאלן קאנען פארווירקליכט ווערן אין א גלייכער מאס, און זיי אפפערן מיט איינער פון די פארמען, כדי צו קאנען דערגרייכן די איבעריגע. אויסער דעם דיינקט קיינער ניט פון די היינטיגע נאכפאלגער פון דידאזיגע געלערנטע סאציאליסטן, אז וועלכע עס איז געזעלשאפט־ליכע פארם זאל קאנען פארשטיינערט ווערן און ניט זיין אונטער־ווארפן א ווייטערדיגער אנטוויקלונג.

מיר וועלן איצטער באטראכטן איינציגווייז אלע אויבנדער־מאנטע פארשיידענע פארמען און באדינגונגען פון גלייכהייט, און וועלן זען אויף וויפיל זיי שטימען איינע מיט די אנדערע און אויף וויפיל עס איז נויטיג זייער אלעמעס פארווירקליכונג צוליב דעם קיום פון יעדערער. וואס איז שייך די פראקטישע מיטלען, וועלכע ווייזן זיך איצטער ארויס צו זיין ניצליך פאר דער פארווירקליכונג פון יעדערן פון דידאזיגע אידעאלן, וועלן מיר זיי באטראכטן באזונדער.

דער ערשטער תנאי פון גלייכהייט איז קלאר פאר זיך אליין און עס קאן ניט זיין וועגן אים קיין חלוקי דעות.

כדי יעדער מיטגליד פון דער געזעלשאפט זאל האבן די מעג־ליכקייט צו פארדינען פאר זיך די מיטלען צום לעבן דורך זיין אייגענער ארבעט, ניט פארקויפנדיג זיך צוליב דעם צו קיינעם ניט, ניט צו א יחיד, ניט צו א געזעלשאפט אדער אן ארטעל (אן ארבע־טער־קארפאראציע), איז קלאר, אז ער מוז צו יעדער צייט האבן די מעגליכקייט צו גיין און נעמען דעם רידל, מיט וועלכן ער וויל גראבן די ערד, די באוול, פון וועלכן ער וויל אויסארבעטן פעדים אדער מאכן א געוועב, דאס ברויט, די קליידער, די וואוינונג וואו ער דארף לעבן איידער ער קאן אויסארבעטן א זאך, וואס האט א טוישווערט פאר דער געזעלשאפט, און אויך דעם פלאץ וואו צו ארבעטן. עס פארשטייט זיך, אויב אין אמאליגע צייטן איז די פראדוקציאן געווען אזוי איינפאך, אז עס האט זיך פאר דעם אלעם ניט געפאדערט קיין גרויסע אנזאמלונג פון די פריערדיגע פרא־דוקטן פון דער אייגענער ארבעט; אויב יעדערער, וואס האט געאר־בעט אפילו בלויז מיט די ארבעט־מיטלען. וואס האבן זיך געפונען

אין דער פאַמיליע, אויף יענע רויע פּראָדוקטן, וואָס ער האָט גענומען אומזיסט ביי דער נאַטור, האָט געקאָנט פּראָדוצירן ניצליכע טויש־ווערטן — דאַרף איצטער די פריערדיגע אָנזאַמלונג פון די פּראָדוקטן פון דער אַרבעט, כדי צו באַשאַפן די פּראָדוקציאָנס מיטלען און צוגרייטן דעם רוישטאָף, זיין אַזוי גרויס, און אין דערין באַשטייט דער פּראָגרעס פון דער געזעלשאַפט, אַז דאָס קאָן ניט זיין דער עסק פון אַ באַזונדער יחיד אָדער פון אַ באַזונדער גרופּע פון איינצעלנע. עס איז פאָלגליך קלאָר, אַז אויב מיר ווילן, אַז דער יחיד, וואָס נעמט זיך טאָן אַרבעט, זאָל ניט דאַרפן זיך פאַרקויפן, זאָל ניט דאַרפן אָפּגעבן אַ טייל פון זיין אַרבעט, פון זיינע כחות און פון זיין זעלבסטשטענדיקייט, ניט שטענדיג, ניט צייטווייליג, צו קיינע באַזונדערע פּערזאָנען, איז נויטיג, אַז ניט די אַרבעט־מיטלען (געציג, מאַשינען און פאַבריקן), ניט די ערטער וואו עס ווערן אויסגעאַרבעט די רויע פּראָדוקטן (די ערד), ניט די פריער אָנגעקליבענע רויע פּראָדוקטן, ניט די מיטלען זיי אָנצוקלייבן און אַריבערפירן אויף אַ געוויסן פּלאַץ (פאַרקערס־מיטלען, סקלאַדן, מאַגאַזינען אַ. ד. ג.), ניט די עקזיסטענץ־מיטלען אין דער צייט פון דער אַרבעט (שפּייז און הייזער) זאָלן זיך ניט געפינען אין רשות פון איינצעלנע פּערזאָנען.

אויף אַט דעם אופן קומען מיר צו אַ פאַרלייקענונג פאַר דער צוקינפטיגער געזעלשאַפט, וואָס מיר ווילן פאַרווירקליכן, פון יעדן פּריוואַט אייגנטום, פון יעדן אייגנטום פון אַקציען־געזעלשאַפטן, אַרטעלן און דערגלייכן.

יענע שרייבער פון אַ פריערדיגער צייט, וועלכע זיינען געקומען צו דעמזעלביגן שלום, האָבן ניט געזען קיין אַנדער אויסוועג ווי נאָר איבערצוגעבן דעם גאַנצן געזעלשאַפטליכן קאַפּיטאַל צו דער רעגירונג, ד. ה. צו אַ שטאַרקער אָרגאַניזאַציע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט און פירט אָן אַלע עסקים, וואָס זיינען נוגע דער גאַנצער געזעלשאַפט בכלל. זי דאַרף פאַרזיכערן יעדן מיטגליד פון דער געזעלשאַפט די מעגליכקייט צו באַקומען אַלע נויטיגע אַרבעט־מיטלען און די אַנדערע זאַכן, און זי דאַרף אויך פאַנאַנדערטיילן צווישן די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט די פּראָדוקטן, וואָס זיי האָבן אויסגעאַרבעט.

אבער די גלענצענדע חלומות פון די נאכפאלגער פון דידאזיגע לערן האבן על כל פנים ניט געפונען געגוג אנהייגגער צווישן די, וועלכע האבן געדארפט פארווירקליכן דידאזיגע חלומות. אין דעם עצם אידעאל פון דידאזיגע לערן האט זיך אויסגעדריקט בלויז איין זייט פון לעבן — די עקאנאמישע. די אבער וועלכע זיינען געוויינט צו דיינקען אין קאנקרעטע פארמען, האבן גאנץ גוט פאר־שטאנען, אז וואסערע צונויפטרעפנדיגע אומשטענדן מען זאל ניט אויסקלערן, כדי אז אזא רעגירונג זאל אויסדריקן מיט זיך דעם ארט דיינקען פון דער מאיאריטעט; ווי באוועגליך, ענדערליך און פארענדערבאר איר צונויפשטעל זאל ניט זיין, וועט אלעמאל יענער קרייז פערזאנען, צו וועמען די געזעלשאפט גיט איבער אירע רעכט, זיין א מאכט, אפגעזונדערט פון דער געזעלשאפט, וואס שטרעבט אויסצוברייטערן איר איינפלוס, איר ארייננמישן זיך אין די עסקים פון יעדן יחיד און פון יעדער גרופע. און וואס ברייטער עס וועט זיין דער טעטיקייט־קרייז פון אזא רעגירונג, אלץ מער וואַרשיינ־ליכקייט, אז זי וועט אויפהערן צו זיין דער אויסדרוק פון די נוצן און פארלאנגען פון דער מערהייט.

דעריבער האבן די מאסן, אזוי גוט ווי פילע באזונדערע דיינקער שוין לאנג פארשטאנען, אז איבערגעבן אזא העכסט וויכטיגן יסוד פון געזעלשאפטליכן לעבן אין די הענט פון א וועלכער עס איז אויסגעקליבענער רעגירונג, וואלט געווען א קוואל פון די גרעסטע אומבאקוועמליכקייטן, אויב ניט פשוט דער זעלבסטמארד פון דער געזעלשאפט.

דער נאטירליכסטער איבערגאנג פון דעם דאזיגן באגריף מוז זיכער זיין צו דעם געדאנק, אז דער גאנצער קאפיטאל, וואס האט זיך אנגעקליבן אין איין פארם אדער אנאנדערער דורך די פאריגע דורות, דארף ווערן דאס אייגנטום פון אלעמען, פון דער גאנצער געזעלשאפט, וועלכע דארף טאקע אליין זיין די פולמעכטיגע פארוואלטעריין פון אים.

די נעענטסטע, דירעקטע אויסדרוק־פארם פון דעמדאזיגן אידעאל אנטהאלט:

„די אנדערקענונג, אז דער גאנצער גרייטער קאפיטאל, וואס ווערט באארבעט אדער ניט, איז דאס אייגנטום פון אלע מיטגלידער

פון יענער טעריטאָריעלער איינהייט (גרופּע, קרייז, לאַנד) וואו די סאָציאַלע רעוואָלוציע קומט פאָר.

„די אָנדערקענונג, אז דער גאַנצער געזעלשאַפטליכער קאַפּיטאַל, וואָס ווערט באַארבעט (די געאַקערטע ערד, די וועלדער, די ארבעטענדע מינעס, פאבריקן, אקטיווע אייזנבאַנען אָדער די וואָס בויען זיך, די באַוואוינטע הייזער א. ד. ג.) ווערט אָפּגעגעבן פארן געברויך (אויף א געוויסער צייט) צו די, וועלכע ווענדן אָן אויף אים זייער ארבעט.

„די איינפירונג פון די נויטיגע מיטלען צוליב דעם, אז דער אויסגלייך פון די באַדינגונגען, אין וועלכע עס געפינען זיך די באַזונדערע ארבעטנדיגע גרופּן, זאָל פאָרקומען אין פארשיידענע קליינע טעריטאָריעלע איינהייטן (שטעט, באַצירקן) דורך א געגנזייטיגער איינשטימונג פון דידאָזיגע גרופּן, ניט אויסשליסנדיג די מעגליכקייט פון ווייטערדיגע איבערטיילונגען כדי אויסצוגלייכן די סומע ארבעט, וואָס זיי האַלטן פאַר נויטיג.“

דער אומגעהייערער אונטערשייד צווישן אזא לאַגע און דער היינטיגער איז קלאָר צו זען דערפון, וואָס איצטער האָט א קליינע צאָל מענשן, וועלכע האָט פארכאַפּט די מאַכט איבער פרעמדער ארבעט, דאָס רעכט צו פאַרטאָן עס אויף דער באַפרידיגונג פון אלע אירע פאָדערונגען אָהן א שום קאָנטראָל, און זי באַצאָלט אויף דעם אופן מיט אלעמענס ארבעט פאַר דער פּראָדוקציע אָדער די האַנדלונגען, וואָס זיינען נויטיג בלויז פאַר איר אליין. אָט דער איבל ווערט באַזייטיגט.

אָבער ניט איינמאָל איז שוין ארויסגעזאָגט געוואָרן, אז אזא אָרדנונג, ווי מיר האָבן אין אויג אין דעמדאָזיגן אידעאַל, אנטהאַלט אין זיך אַנאַנדער חסרון. עס איז באַהויפּטעט געוואָרן, אז די פאָדערונגען פון דער מערהייט זיינען כלל ניט די פאָדערונגען פון דעם פּראָגרעס פון דער מענשליכער געזעלשאַפט; אז דער פּראָגרעס פון דער מענשהייט איז אלעמאָל געגאַנגען אויף אזא וועג, אז א געוויסע מינאָריטעט, וואָס האָט זיך צופעליג געפונען אין ספּעציעל־גינסטיגע אומשטענדן, האָט זיך אנטוויקלט מער איידער אלע איבעריגע, האָט אנדעקט און פארקינדיגט דער וועלט נייע וואַרהייטן, וועלכע זיינען אויפגענומען געוואָרן פון איניגע פאַרגעברייטע יחידים. הגם מיר

צווייפלען, צוליב די שפעטער באשריבענע אורזאכן, אז אזוי איז אין די מערסטע פאלן טאקע געוועזן דער גאנג פון פראגרעס אין דער געזעלשאפט, און אז ער מוז תמיד זיין אזעלכער, דאך אבער צוגעבנדיג אפילו, אז דאס איז דער איינציג־מעגליכער גאנג פון פראגרעס אין דער געגעבענער ריכטונג, זאל זיין אפילו אין א וועלכן עס איז זעלטענעם אדער גאר אויסשליסליכן פאל, דארפן מיר געוויס א טראכט טאן, צי קאן ניט די קלאסיפיקאציע פון ארבעט, וואס מיר שלאגן פאר אין אונזער אידעאל, דערשטיקן דעמדאזיגן שפראץ פון פראגרעס?

עס פארשטייט זיך, אז אלע וואס האבן אויף אזא אופן באטראכט די זאך, זיינען ארויסגעגאנגען פון דעם שטאנדפונקט פון דער היינטיגער לאגע און האבען זיך פארגעשטעלט א אידעעלע אפשאצונג פון דער ארבעט אין דער היינטיגער געזעלשאפט, אונטער די היינטיגע דערשטיקנדע אומשטענדן פון די ווערקשטאטן, ביי דער אויסצערנדיגער ארבעט איבער די כחות, ביי דער אוממעגליך־לאנג אנהאלטענדיגער מאשין־ארבעט, וואס איז איצט נויטווענדיג כדי צו האבן כאטש א דאך איבער'ן קאפ און א שטיקל ברויט. עס איז אבער קלאר, אז די קלאסיפיקאציע פון באשעפטיגונגען, וועגן וועלכער מיר ריידען, איז נאר מעגליך אין א געזעלשאפט וואס האט אפריער דורכגעמאכט די איבערטיילונג, וואס איז געזאגט געווארן בנוגע דעם ערשטן באדינג פון גלייכהייט. און אזא געזעל־שאפט איז ניט דיינקבאר אהן געגוג פרייע צייט פאר יעדן איינעם. אויב אייניגע עקאנאמיסטן האבן אפילו געזאגט, אז ווען מען זאל צוטיילן די גאנצע היינטיגע הכנסה פון דעם ניט־ארבעטנדיגן טייל פון דער געזעלשאפט גלייך אויף גלייך צווישן אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט, וואלט עס פארגרעסערט דאס דורכשניטליכע פאר־דינסט פון יעדן מיטגליד בלויז אויף 8 קאפיקעס, איז ווידער אמאל די מעשה, וואס דידאזיגע עקאנאמיסטן האבן גענומען אן אוממעגליכן תנאי, ד. ה. זיי האבן זיך פארגעשטעלט א חלוקה, וואס איז ניט מעגליך אין דער היינטיגער געזעלשאפט אונטער די היינטיגע אומשטענדן און פארמען פון דער פראדוקציאן. איצטער קאן מען אפילו גאר ניט באשטימען וויפיל צייט עס וואלט אויסגע־קומען צו ארבעטן יעדן מיטגליד פון דער געזעלשאפט אויף דער

פראָדוקציע פון ארטיקלען, וואס זיינען נויטיג צו פארשאפן אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט אזויפיל באקוועמליכקייט וויפיל עס האבן מענשן פון די נידעריגע טיילן פון דעם היינטיגן מיטלקלאס. מען קאן אבער דירעקט זאגן, אז אויב איצטער האלט אויס יעדער ארבעטער אין דורכשניט אחוץ זיך אליין, אין דייטשלאנד נאך דריי און אין פראנקרייך כמעט נאך פיר מענשן, פון וועלכע נאר איינער איז א מיטגליד פון דעם ארבעטערס פאמיליע און די איבעריגע צוויי אדער כמעט דריי זיינען פאראזיטן אויף זייערע פאמיליעס, איז האבנדיג אויסצוהאלטן אין א בעסער ארגאניזירטער געזעלשאפט בלויז איינעם אדער אויב א סך, איז צוויי אזעלכע מענשן, ד. ה. צוזאמען מיט זיך אליין פון צוויי ביז דריי מענשן, אנשטאט פיר אדער פינף — וועט ער שוין קאנען ארבעטן אין צווייען ווייניגער, ד. ה. 5½ שטונדן אנשטאט 11 שטונדן א טאג, איינגאנצן 33 שטונדן א וואך, און אין דערזעלביגער צייט אבסאלוט אויף א האר ניט פארקלענערן זיין וואוילשטאנד. געדיינקענדיג ווידער אלע אומפראָדוקטיווע אויסגאבן פון די געזעלשאפטן, וואס נעמען זיך הויפטזעכליך פון זייער שלעכטער איינארדנונג (מיליטער ,מלחמות, טורמעס, געריכטן, משפטים א. א. וו.); דערמאנענדיג ווייטער וואס פאר אומצייליגע סומען ארבעט עס ווערן פארשווענדט אויף דער פראָדוקציע פון זאכן, וואס דינען ניט צו פארגרעסערן די פראָדוקטיווע כחות פון פאלק — וועלן מיר נאטירליך פארשטיין, וויפיל פרייע צייט עס וואלט פארבליבן אין א גערעכט־איינגעאָרדענטער געזעלשאפט, אפילו נאכדעם ווי עס וואלט באפרידיגט געווארן יענע פארנינפטיגע באקוועמליכקייט, וועגן וועלכער עס חלומ'ען ניט איצטער אפילו מיטלמעסיגע פריצים. מיר וועלן דאן פארשטיין וויפיל נעענטער צום אמת איז געווען אווען, וועלכער האט באַהויפטעט, אז א דריי־שטונדיגער ארבעטסטאג פון אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט וואלט געווען גענוג פאר דאס נויטיגע און פאר נאך פיל אנדערע זאכן.

דעריבער דיינקען מיר (צוגעבנדיג אפילו דעם פראגרעסיוון איינפלוס פון דער מינאריטעט), אז איינצעלנע פערזאנען וואלטן געהאט א פולשטענדיגע מעגליכקייט אויסצוארבעטן די אלע פראָגרעסיווע אידייען, וואס יחידים קאנען אויסארבעטן, צו פארשפרייטן

דידאָזיגע אידייען, צו ערפינדן אַלע יענע מעכאַנישע געצייג, וואָס וואָלטן געקאָנט פאַרגרינגערן דער מענשהייט צו באַפרידיגן אירע באַדערפעניש ן, צו ערפינדן און פאַרפולקאָמענען אַלע יענע גענוסן, וועלכע העלפן דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון דעם מענשן. דער צוגעגרייטער באָדן אין אַ געזעלשאַפט, וואָס באַשטייט פון מיט־גלידער, וועלכע האָבן פון קינדהייט אָן די מעגליכקייט צו באַקומען אַזאַ פאַרבאַרייטונג, וואָס איצטער האָבן עס נאָר איינציגע זעלטענע גליקליכע; די פּייאיקייט פון דערדאָזיגער געזעלשאַפט אויפצונעמען דאָס גוטע, אויסמיידנדיג די איצטיגע שטערונגען, די מעגליכקייט...*) דאָס גוטע מיט דאָס געזעלשאַפטליך־נוצליכע און דאָס שלעכטע מיט דאָס געזעלשאַפטליך־שעדליכע; לסוף דער אויפשוואונג אויפן געביט פון שאַפונג, האַנדווערק, וויסנשאַפט און קונסט פון דער גאַנצער היינטיגער אומטעטיגער מאַסע — אָט דאָס איז די ערבות פאַרן פּראָגרעס אין דער צוקינפטיגער געזעלשאַפט, ניט נאָר פאַר ניט אַ קלענערן ווי איצטער, נאָר פאַר צען און הונדערט מאָל אַ גרעסערן.

דעריבער האַלטן מיר אונזער אַלטן תנאי פאַר דעם נויטיגן און נענטסטן תנאי פון גלייכהייט. אָבער אינאיינעם דערמיט און ווי אַ פאָלשטענדיגן שריט אויף צו דערגרייכן דעמדאָזיגן טייל פון דעם אידעאַל פון גלייכהייט, האַלטן מיר, אַז —

„בלויז אַזעלכע זאַכן דאַרפן אַנדערקענט ווערן ווי אַ געזעל־שאַפטליכער טוישווערט, וועלכע וועלן באַטראַכט ווערן ווי נויטיגע פאַר דער געזעלשאַפט ביי דער מערהייט פון דער געגעבענער גרופּע אָדער פון דעם פאַרבאַנד פון גרופּן."

אַלץ וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרן פּירט אונז אויך צו דער איבערצייגונג אין דער פּאַרווירקליכקייט און אין דער פּראַקטישער צוועקמעסיקייט פון אַזאַ איינאָרדנונג פון די ניצליכע באַשעפטי־גונגען, אין וועלכע עס איז ניטאָ...** איינצלנע, וואָס זיינען באַשעפטיגט אויסשליסליך מיט פּריווילעגירטער אַרבעט, למשל מיט גייסטיגער אַרבעט, מיט דער פאַרוואַלטונג פון געוויסע עסקים פון פאַבריקן, פון דער געמיינדע א. אז. וו.

* דאָ איז עפּעס אויסגעלאָזן אין אָריגינאַל.

** דאָ פעלן אויך איניגע ווערטער אין אָריגינאַל.

אז די עקזיסטענץ פון אזא קלאס מענשן איז א דערשיינונג פון אומגלייכהייט, וואס איז פאר זיך אליין גאר ניט געוואונשען— דעריין קאן, פארשטייט זיך, קיין שום ספק ניט זיין. ספיקות און אפפרעגונגען קאנען נאר זיין אין דעם זין, ערשטנס, צי איז די עקזיסטענץ פון אזא קלאס נויטיג פאר דער ווייטערדיגער אנט־וויקלונג פון דער געזעלשאפט גופא; און צווייטנס, צי איז עס וויכ־טיג, ווי פילע מיינען, פון דעם שטאנדפונקט פון דער צעטיילונג פון דער ארבעט. מיר האבן אויבן געזאגט, אז מיר האלטן עס ניט פאר געראכט און ניט פאר ניצליך צו באצאלן מיט געזעלשאפט־ליכער ארבעט פאר זאכן, וואס זיינען ניצליך בלויז פאר א מינא־ריטעט. מיר האבן אויך געזאגט, אז פאר דער פראדוקציע פון אזוינע זאכן וועט זיין גענוג די פרייע צייט, וואס בלייבט נאכדעם ווי מען ענדיגט די ארבעט אויף צו באפרידיגן די נויטיגע באדער־פענישן פון דער געזעלשאפט, און אז די מעגליכע גרויס פון דער פרייער צייט, צוזאמען מיט דער גרעסערער צוגעגרייטקייט פונם באדן און מיט דער גרעסערער צאל מענשן, וואס וועלן האבן די מעגליכקייט צו פארברויכן זייער פרייע צייט אויף אלע מעגליכע באשעפטיגונגען, וועלכע העלפן דעם פראגרעס פון דער געזעלשאפט, ווי אויך די פארגרעסערטע קראפט פון דער געזעלשאפטליכער מיי־נונג — זיינען א גענוגנדע ערבות געגן דעם אפשטעל פון דער קולטור און ציוויליזאציע פון דער געזעלשאפט.

איצטער גייען מיר ווייטער. מיר זאגן, אז צווישן די באשעפ־טיגונגען, וואס וועלן אנדערקענט ווערן פאר נויטיגע פון א געוויסער גרופע מענשן, וועלן קאנען זיין, אזוי צו זאגן, פריווילעגירטע באשעפ־טיגונגען. די ערשטע צייטן וועט יעדע געמיינדע דארפן האבן א שול־לערער, א דאקטאר, א בוכהאלטער; און א צייט שפעטער וועט מען דארפן א פראפעסאר, א געלערנטן טעכניקער, אפשר אויך א פינאנסיסט א. אז. וו. פרעגט זיך, וועט ניט זיין בעסער פאר דער געמיינדע גופא, אז דער שול־לערער זאל זיך פארנעמען בלויז מיט לערנען קינדער אין די 7-8 שטונדן, וואס וועט אויסקומען יעדן איינעם אפצוגעבן פאר די געזעלשאפטליכע באשעפטיגונגען, און ניט באנוצט ווערן אויף קיינע אנדערע ארבעטן; אדער ער זאל אחוץ זיין באשעפטיגונג דערפילן אויך אנדערע פליכ־

טען, יעדן טאג אדער אין א געוויסער ריי, דהינו שווארצע ארבעט ווי למשל האקן האלץ פאר דער שולע (אויב דאס וועט זיין נויטיג), וואשן די דילן, הייצן די אויוונס, אויסקערן דעם שולהויף, א. אז. וו.? מוז א פראפעסאר אין אזא געמיינדע, וואס נויטיגט זיך אין אים, זיך פארנעמען בלויז מיט לייענען לעקציעס אין די אנגעוויזענע 7-8 שטונדן, אדער צוזאמען דערמיט מוז ער זיך אויך פארנעמען אין ווערקשטאט מיט צוגרייטן פיזישע אפאראטן, אינאיינעם מיט די שלאסער און מעכאניקער, און אויך אויסרייניגן דעם אוניווערזיטעט א. אז. וו.? מיר דיינקען אז יא, אז ער וועט דארפן טאן אויך די שווארצע ארבעט. אזוי ווי עס איז גאר ניט געוואונשן, עס זאל זיך אויסבילדן אן אריסטאקראטיע פון ריינער ארבעט צוגלייך מיט אן אריסטאקראטיע פון שווארצער ארבעט, באשטייט ממילא די גאנצע פראגע נאר דעריין, צי איז ניצליך פאר דער געזעלשאפט אזא איינטיילונג פון באשעפטיגונגען, וואו די באזונדערע פערזאנען קאנען זיך ניט ספעציאליזירן אזוי ווי איצטער. דארוויז, וואס פארנעמט זיך מיט ארויספירן שמוץ, קומט אוים ביי מענשן ווי אן אבסורד נאר דערפאר, ווייל זיי קאנען זיך ניט באפרייען פון דעם געדאנק פון צוועקמעסיקייט, ווי ער ווערט פארשטאנען אין דער היינטיגער געזעלשאפט; נאר דערפאר, ווייל זיי פארגעסן, אז כדי עס זאל קאנען זיך אויסבילדן אזא פערזענליכקייט ווי דארוויז, וואס האט אריבערגעיאגט זיין געזעלשאפט אין גייסטיגער אנטוויקלונג אויף א גאנצן יארהונדערט, האט זיך געפאדערט אז אפקלייב אין פארלויף פון א סך יארן פון ספעציעל גינסטיגע, אויסערליכע אומשטענדן; נאר דערפאר, ווייל זיי האלטן (פארשטייט זיך, ניט קענעדיג באוויזן), אז אויב דארווין און וואליים וואלטן ניט ארויסגעזאגט אין יאר 1859 די היפאטעזע פונם נאטירליכן אפקלייב, וואלט די מענשהייט געבליבן ניט וויסנדיג איר נאך לאנגע דורות, און אז עס האבן ניט געקאנט זיין אזוינע געזעלשאפטליכע אומשטענדן, אין וועלכע דידאזיגע היפאטעזע וואלט געקאנט ארויסגעזאגט ווערן ניט נאר אין יאר 1859, נאר אפילו גאר אסך פריער; און ענדליך נאר דערפאר, ווייל זיי האלטן, אז די אנטשטייאונג פון אזוינע אנשויאונגען אין די קעפ פון איינצעלנע פערזאנען, וועלכע שטייען ווייטער איידער די מאסע

פון דער געזעלשאַפט אויף הונדערטע אויב ניט אויף טויזנטער יאָרן. איז דער איינציקסטער אָדער דער ניצליכסטער גאַנג פון פּראָגרעס אין דער מענשהייט. אָבער אַט די אַלע מיינונגען און פאַרשטע־לונגען זיינען אין העכסטן גראַד ניט ריכטיג.

שטיצנדיג זיך אויף אַלץ וואָס איז געזאָגט געוואָרן, האַלטן מיר פאַר אַבסאָלוט נויטיג פאַר די ערשטע צייטן: די אַנדערקענונג, אַז מען דאַרף ניט האָבן קיין קלאַס, וואָס באַנוצט זיך מיט אַ פּריווי־לעגירטער אַרט באַשעפטיגונג. מיט אַנדערע ווערטער:

די אַנדערקענונג, אַז אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט זיינען פאַרפליכטעט צו טאָן די בעסטע מוסקל־אַרבעט; דערביי מוז יעדע פּערזאָן האָבן די פולשטענדיגע פרייהייט אויסצוקלייבן די באַשעפטיגונג, וואָס ער וויל, אויב ער קאָן באַווייזן זיין פייאיקייט פאַר דעם סאָרט אַרבעט, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן.

די פאַרווירקליכונג פון דידאָזיגע צוויי תּנאים פון גלייכהייט און זייער אַריינגיין אין ווירקליכן לעבן ווערט פאַרזיכערט דורך דעם איינפיר פון אַ פערטן תּנאי — די גלייכהייט אין בילדונג, ניט נאָר די מעגליכקייט פון גלייכהייט אין בילדונג, נאָר אַ ווירקליך פּראַק־טישע גלייכהייט.

לחלוטין אַפּלייקענענדיג, אַז די בעסטע פּראָגרעסיווע באַוועגונג אין דער געזעלשאַפט קומט פאַר דורך דער אַנטוויקלונג פון אַ מינאָ־ריטעט, וועלכע קריגט אַן אומפאַרגלייכליך גרעסערע בילדונג איידער די איבעריגע געזעלשאַפט, ווילן מיר לגמרי ניט אויסטיילן אַזאַ מינאָריטעט אויפן חשבון פון געזעלשאַפטליכע מיטלען; דעריבער דאַרפן מיר ניט קיין אוניווערזיטעטן און קיין אַקאַדעמיעס, וואָס וועלן אויסגעהאַלטן אויף געזעלשאַפטליכע מיטלען. אויב יעדער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט אַהן אויסנאַם וועט זיך מיט זיי ניט קאָנען באַנוצן. אויב באַזונדערע פּערזאָנען, וואָס ווילן פאַרברוי־כען זייער פרייע צייט אויף אַ וויטערדיגער אַנטוויקלונג פון זייערע גייסטיגע פייאיקייטן, וועלן גרינדן העכערע לער־אַנשטאַלטן, וויסענ־שאַפטליכע געזעלשאַפטן, קאָנסערוואַטאָריעס א. אַז. וו. — איז זאָלן זיי זיי גרינדן אויף די פּראָדוקטן פון זייער פרייער צייט און זאָלן זיי זיי באַזוכן אין די שטונדן פון זייער פרייער צייט, אין דער צייט ווען אַנדערע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט פאַרברענגען

יענע שטונדן אויף עפעס צו באזארגן אדער אויף פארגעניגן; אבער די געזעלשאפט, וואס וויל ניט ארויפלייגן אירע הענט אויף יענע תנאים פון גלייכהייט, וואס זי האט דערוואָרבן מיט אירע אייגענע אנשטריינגונגען, דארף ניט אפּגעבן אויף דידאזיגע אנשטאלטן קיין איין האר געזעלשאפטליכער ארבעט.

מיר ווילן ניט, אז שוין פון דער קינדהייט אן זאל די ערציאונג שטרעבן צו צעטיילן די מענשן אויף געפירטע און פירער, פון וועלכע די ערשטע זיינען דערהויפּט באקאנט מיט דער שווארצער ארבעט, וואס איז נויטיג פארן אלטעגליכן לעבן, און די צווייטע—דערהויפּט מיט די מעטאָדן פון פירונג און מיט די אזויגערופענע העכערע מאניפעסטאציעס פונם מענשליכן פארשטאנד. דעריבער דארפן מיר אינגאנצן ניט קיין אוניווערזיטעטן, וואס וועלן שאפן דאקטוירים, בעת די מאיאריטעט, וואס ארבעט אויפן זעלביגן געביט, וועט זיין אנגעוויזן צו דערפילן די פליכטן פון א באדינער, אדער א פעלדשער; אדער אדוואקאטן, בעת די מערהייט קאנען נאר זיין שרייבער; פראפעסארן מיט סטרוזשן; קאבינעטנע געלערנטע, טעכניקער מיט שווארצע ארבעטער.

מיר וועלן זאגן ווי פרודאן האט עס פארמולירט: אויב א נאוויגאציאנס־שול איז ניט די שיף אליין מיט אירע גלייכבארעכטיגטע מאטראזן, וואס קריגן א טעארעטישע בילדונג, וועט זי באשאפן אפיצערן איבער די מאטראזן, אבער ניט קיין מאטראזן; אויב א טעכנישע שול איז ניט די פאבריק אליין, ניט די ווערקשטאט־שול אליין, וועט זי באשאפן מייסטערס און פארוואלטער, אבער ניט קיין ארבעטער, א. אז. וו. מיר דארפן ניט דידאזיגע פריווילעגירטע אנשטאלטן, מיר דארפן ניט קיין אוניווערזיטעטן, ניט קיין טעכנישע שולן, ניט קיין נאוויגאציע אקאדעמיעס, וואס זיינען געשאפן פאר די ווייניגע; מיר דארפן א שפיטאל, א פאבריק, א כעמישע פראדוקציאן, א שיף, א פראדוצירנדן ווערקשטאט, א שול פאר די וואס ארבעטן, וועלכע, זייענדיג געשאפן פאר אלעמען,* וועט מיט

---

* די ווערטער „זייענדיג געשאפן פאר אלעמען" זיינען איבערזעצט לויט דעם נויטיגן זין. אין אריגינאל איז די שטעלע גארניט קלאר.—דער איבערזעצער.

און אומגעהייערערער שנעלקייט אריבערשטייגן די הויך פון די היינ־טיגע אוניווערזיטעטן און אקאדעמיעס. באזייטיגנדיג דעם גאנצן איבעריגן באלאסט פון נוצלאזע קענטנישן, ערפינדנדיג פארשנעלער־טע מעטאדן פון בילדונג (וועלכע ווערן אלעמאל געשאפן, נאר ווען עס באווייזט זיך א דרינגנדע נאכפראגע אויף זיי; אמעריקא קאן טיילווייז דינען דערצו פאר א רעאלן באווייז), וועט די שול צוגרייטן געזונטע ארבעטער, וועלכע וועלן זיין אויף גלייך פיאיג אי אויף ווייטערדיגע גייסטיגע, אי אויף ווייטערדיגע פיזישע ארבעט.

וויפיל שטונדן אין יעדן עלטער וועט דער שילער זיך דארפן פארנעמען מיט דער פראדוקציאן (ניט מיט שפילן זיך אין פראָ־דוקציאן, ווי אין די היינטיגע טעכנישע און רעאל שולן) און וויפיל שטונדן מיט טעארעטישע באשעפטיגונגען, און ביז וואסער עלטער וועט דאס לעצטע זיין אבליגאטאריש — דאס וועט יעמאלט בא־שליסן יעדע געמיינדע, יעדער באצירק זעלבסטשטענדיג, און, פאר־שטייט זיך, דערדאזיגער באשלוס וועט ניט זיין קיין צופעליגער, ווי איצטער, נאר געבויט אויף שכל'דיגע יסודות.

מיר מוזן לסוף זאגן עטליכע ווערטער וועגן דער התחיבות פון בילדונג, וועלכע איז אלעמאל געווען א געגנשטאנד פון אזויפיל ויכוחים. מיר מיינען, אז די אלע ויכוחים האבן זיך גענומען דער־פון, וואס די געגנער פון דערדאזיגער התחיבות האבן שטענדיג גע־האט אין אויג די היינטיגע רעגירונג מיט אירע אלע אטריבוטן. עס איז אבער קלאר, אז מיר קאנען ריידן וועגן דער התחיבות פון ביל־דונג ניט אין דער היינטיגער געזעלשאפט מיט איר איצטיגער רעגי־רונג, נאר וועגן דער צוקינפטיגער געזעלשאפט מיט יענע אינסטיטו־ציעס, וועלכע וועלן דורכפירן דידאזיגע ניצליכע פונקציעס (אדער ריכטיגער, וואס האבן געקאנט זיין נוצליך), וואס איצטער פירט דורך די רעגירונג.

דעריבער, פארשטייט זיך, האלטן מיר, אז אין דער צוקינפ־טיגער געזעלשאפט וועט די בילדונג, אין געוויסע גרעניצן, וואס די געזעלשאפט אליין וועט באשטימען, זיין אבליגאטאריש.

שטיצנדיג זיך אויף דאס געזאגטע, האלטן מיר פאר נויטיג פאר דער פארווירקליכונג פון דער דאזיגער פערטער זייט פון דעם אידעאל פון גלייכהייט:—

„די אנדערקענונג פון דער נויטיגקייט צו פארמאכן אלע אוני־ווערזיטעטן, אקאדעמיעס און די איבעריגע העכערע לער־אנשטאלטן, און עפענען אומעטום אויף געזעלשאפטליכע מיטלען ווערקשטאט־שולן, וועלכע וועלן אין א קורצער צייט איבערנעמען די למודים און ענדליך זיך אנטוויקלען ביז צו דער הויך פון די היינטיגע אוניווערזיטעטן און אפילו זיי אריבערשטייגן."

דאס שווערסטע פאר אלע סאציאלע שולן איז שטענדיג געווען איינצופירן איינשטימיקייט בנוגע דעם 5טן פונקט פון פאליטישער גלייכהייט. עטליכע צענדליג יאר האבן די געלערנטע פארשטייער פון סאציאליזם ניט געזען קיין מעגליכקייט צו פארווירקליכן זייערע אידעאלן, סיידן נאר דורך דער פארמיטלונג פון א שטארקער צענט־ראליזירטער רעגירונג, וועלכע זאל איינשטעלן און רעגולירן אלע גע־זעלשאפטליכע באציאונגען און זאל זיך אריינמישן אין אלע קליי־ניקייטן פון דעם פריוואטן לעבן פון די מענשן. ספעציעל זיינען אין דידאזיקע באגריפן געווען צעטיילט די שרייבער פון פראנק־רייך און דייטשלאנד. דערפאר איז נאטירליך, וואס א סך פון די מאסן און אויך גאנץ אויפריכטיקע סאציאליסטן קערן זיך אפ פון די אנדערע גערעכטע פרינציפן פון קאמוניזם.

עס איז אבער קלאר, אז דאס אלץ איז א פאלגע פון א פשוטער מיספארשטענדעניש. ווי נאר דער קאמוניזם האט זיך באפרייט פון דער אייביג דראענדער פארשטעלונג פון אן אלמעכטיגער רע־גירונג, האט ער אנגעהויבן זיך שנעל פארשפרייטן אפילו אין מערב־אייראפא, אין א נעענדערטער און באשריינקטער פארם אונ־טער דעם נאמען קאלעקטיוויזם.

פון דער אנדער זייט האבן פילע פון די בעסטע דיינקער פון היינטיגן יארהונדערט געשטרעבט צו באשטימען אויף א ליטערא־רישן אופן, דורך וועלכע צונויפטרעפנדיגע אומשטענדען עס וואלט געקאנט דערגרייכט ווערן אזא ארדנונג, אין וועלכער דער יחיד זאל זיין געזיכערט מיט דער גרעסטער פרייהייט פון טאט און אנט־וויקלונג ביי די קלענסטע באשריינקונגען. עס איז אבער פאר־שטענדליך, אז כל זמן דידאזיגע דיינקער האבן זיך אפגעגעבן מיט דעם געדאנק אויסצוארבעטן בלויז ריינע פאליטישע באציאונגען, האבן זיי ניט געקאנט קומען צו קיינע פאקטישע רעזולטאטן. ערשט

וועגן די פראגע איז אריבערגעטראגן געווארן אויפן געביט פון די עקאנאמישע באציאונגען, איז זי געלייזט געווארן א סך איינפאכער.

די אידעאלסטע פארם, צו וועלכער עס האבן זיך דערארבעט די פארטיידיגער פון דער שטאט־אידייע, איז די פעדעראליסטיש־רעפובליקאנישע אידייע, מיט אזא איינגנארטיקייט פון געמיינדע לעבן, וואו יעדע געמיינדע באשליסט אומאפהענגיק די מעגליכסט גרעסטע צאל עסקים מיט דער גרעסט־מעגליכער אומאפהענגיקייט פון באצירק און פון שטאט. אזא פארם זעען מיר אין די פאראייניגטע שטאטן פון נארד אמעריקא. ווי א נויטיגע הוספה צו דער דאזיגער פארם רעכנט זיך אין איירא פא דאס, וואס אייניגע געזעצן ווערן איבערגעגעבן צו דער אפשטימונג פון גאנצן פאלק, פון אלע בירגער, ווי מיר האבן עס געזען אין אייניגע קאנטאנען פון דער שווייץ און אין דעם גאנצן שווייצארישן בונד אין פאל פון געזעצן, וואס זיינען נוגע אן ענדערונג אין דער בונדעס־געזעצ־געבונג. ווי א ווייטערדיגע אויסבעסערונג פון אט דער פארם רעכנט זיך ענדליך דער איינפאל אפצוגעבן אלע געזעצן צו א פאלקס־אפשטימונג, און די רעגירונג זאל נאר האבן דאס רעכט זיי איבער־צוגעבן צו אזא אפשטימונג.

איבערציילן דא אלע אומבאקוועמליכקייטן פון אזוינע פארמען, אלע איבערטרעטונגען פון פרייהייט, צו וועלכע זיי פירן, די גאנצע אומפייאיקייט פון דידאזיגע פארמען אויסצודריקן אפילו נאר אין די מערסטע פאלן דעם ווילן פון דער מערהייט—איז דא ניט דער פלאץ: די פארמען זיינען שוין פיל מאל קריטיקירט געווארן, און עס איז נאר גענוג צו זאגן, אז די שלוסן פון דער קריטיק זיינען ניט ארויסגעפירט געווארן פון א לאגישן אנאליז פון די מעגליכקייטן, צו וועלכע די פארמען קאנען פירן, נאר פון דער קריטיק פון די רעאלע, איצט פארקומנדיגע פאקטן. עס איז ווידער גענוג צו זאגן, אז דערדאזיגער גאנצער אנאליז האט געפירט צו די פאלגנדע טענות:

אחוץ די אלע אייגנשאפטן און כאראקטערן פון יעדער רעגירונג, וועלכע נעמען זיך פון דער עקאנאמישער אומגלייכהייט, פירן אלע אנגעוויזענע פארמען דערצו—

„אז די צענטראלע רעגירונג פון א באצירק, א שטאט און א

פארבאנד איז ניט דער אויסדרוק פון דעם ווילן פון דער מאיאָ־ריטעט פון דער באפעלקערונג; אז ווערנדיג אלץ שטארקער, פאר־כאפט זי ענדליך די רעכט פון שטאט, באצירק, געמיינדע; אז איינ־צעלנע פערזאנען וועלכע באזיצן א גרויסע ענערגיע, קאנען, ווייניג־סטענס צייטווייליג, פארכאפן אין זייערע הענט א גרויסע מאכט און פאראליזירן אלע נויטיגע מאסרעגעלן, וואס די מאיאריטעט וויל אננעמען;

„אז באשאפנדיג א גאנץ קאמפליצירטע רעגירונג־מאשין, וואס פאדערט א לאנגיאריגע פראקטיק כדי צו באקאנען זיך מיט איר מעכאניזם, פירט עס צו דער אויסבילדונג פון א קלאס, וואס פאר־נעמט זיך ספעציעל מיט דער שטאטפירונג, און באנוצנדיג זיך מיט זיין דערווארבענער ערפארונג, הויבט ער אן באלעסטיגן די איבעריגע צוליב זיינע אייגענע נוצן;

„אז, ענדליך, קאן ניט דורכגעפירט ווערן קיין וויפיל עס איז געגויער גרעניץ צווישן א געזעץ און א באשלוס, און עס קומט דעריבער אויס איבערצוגעבן א גרויסע מאכט אין די הענט פון דער צענטראלער רעגירונג פון א באצירק אדער א שטאט, צוליב דער אוממעגליכקייט צונויפצוקלייבן יעדן טאג דאס גאנצע פאלק אויף צו שטימען.“

אט די גאנצע קריטיק האט געפירט פרודאנען צו פארווארפן יעדע רעגירונג — צו אנארכיע.

כדי צו לייזן די פראגן, וואס שטעקן אין די פארגעשלאגענע אנשויאונגען, ניט אריינלאזנדיג זיך אין זייערברייטע חקירות, וועלן מיר צוטרעטן צום סאמע ווארצל פון דער רעגירונגס אידייע.

איין שטריך, וואס מען געפינט ביי אלע רעגירונגען, איז וואס די מיטגלידער פון דער געמיינדע, פון באצירק, פון שטאט, פון דער מלוכה, זיינען בארויבט פון א טייל פון זייער רעכט צו אנטשיידן זייערע אייגענע עסקים, און דאס דאזיגע רעכט ווערט איבערגע־געבן צו איינציגע פערזאנען. דערביי ווערט באשטימט בלויז אין אלגעמיינע שטריכן וועלכע זאכן עס קאנען באשליסן דידאזיגע פער־זאנען, וואס שטעלן צוזאמען די ארטיגע רעגירונג. ניט קיין ווייני־גער גרינטליכער שטריך איז אויך דער, וואס דערדאזיגער גרופע פערזאנען ווערט איבערגעגעבן צו באשליסן ניט נאר איין וועלכע

עס איז פריוואטע זאך, נאר אלע עסקים, וואס קומען פאר און וואס קאנען פארקומען בנוגע דער פארוואלטונג פון די קהל׳שע זאכן, און אלץ וואס ווערט באשטימט, איז בלויז, אין וואס פאר אן ערד זיי קאנען באשליסן דידאזיגע זאכן. נאר א שטריך, אויך אזא גרינטליכער, פון אלע רעגירונגען איז דאס, וואס דערזעלביגער גרופע מענשן, אדער נאר א קלענערער גרופע, אויסגעקליבן אדער פון דער ערשטער גרופע, אדער פון דעם כלל פון פאלק אין דער מלוכה, באצירק אדער געמיינדע, ווערט איבערגעגעבן דורכצופירן די באשלוסן ענטוועדער פון דער אלגעמיינער אסיפה, אדער פון דער אויסגעקליבענער רעגירונג. פאר דעם ווערט באשאפן א גאנ־צער לייטער פון עקזעקוטיווע ארגאנען, וואס זיינען מחויב צו פאלגן די באפעלן פון דער עקזעקוטיווער מאכט פון דער געמיינדע, באצירק אדער מלוכה. פון באקוועמליכקייט וועגן פאלגט די גע־מיינדן־עקזעקוטיווע דער באצירקליכער, און די ווידער אין איר ריי פאלגט דער עקזעקוטיווע פון דער מלוכה. דאס איז אין אלגע־מיינע שטריכן דער תמצית פון יעדער רעגירונג. די אונטערשיידן באשטייען נאר דעריין, וואס אין איין ארט איז דער טעטיקייט־קרייז פון דער געמיינדע ברייטער, און אין אנדערע ערטער ווערן די מער אלגעמיינע זאכן איבערגעגעבן צו דער באצירקליכער אדער צענט־ראלער רעגירונג; וואס אין איניגע ערטער זיינען דידאזיגע באמעכ־טיגטע אלע אדער טיילווייז געוויילטע, און אין אנדערע ערטער האבן זיי זיך אליין אוועקגעשטעלט איבערן פאלק, א. אז .וו.

די אומבאקוועמליכקייטן, וואס נעמען זיך פון אט אזא איינ־ארדענונג, זיינען צו־גוט באקאנט, מען זאל דארפן דא זיך אפשטעלן אויף זיי. וויכטיגער איז דא, ניט צי דידאזיגע אומבאקוועמליכ־קייטן זיינען גרויסע אדער קליינע, נאר דער פונקט, וואס זיי ליגן אין דעם סאמע גרונט־געדאנק פון דער אינסטיטוציע, אין איר עצם גופא, און דעריבער קאן מען זיי ניט באזייטיגען דורך קיינע מיטלען, א שטייגער דורך באשריינקונגען, קאנטראלירונגען א. ד. ג., כל זמן דער עצם פון דער אינסטיטוציע בלייבט עקזיסטירן. ווארים מיר ווייסן, אז יעדע גרופע מענשן, אפט באגרעניצט אין אירע פייאיקייטן, וואס עס איז איר איבערגעגעבן געווארן צו באשליסן א געווויסן סכום זאכן, שטרעבט אלעמאל אויסצוברייטערן דעם קרייז

פון דידאזיגע זאכן און איר מאכט בנוגע צו זיי. און וואס קליגער, ענערגישער און טעטיגער דידאזיגע מענשן זיינען, אלץ גרעסער וועט זיין דידאזיגע שטרעבונג פון זייער זייט צו פארכאפן אין זייער מאכט אויך די זאכן, וואס זיינען זיי ניט איבערגעגעבן געווארן.

וואס ענערגישער, וואס טעטיגער און וואס מער געוויסנהאפטיג דידאזיגע מענשן זיינען, אלץ מער געווינט זיך די איבעריגע געזעלשאפט ניט אכטונג צו געבן אויף זייערע מעשים און זיי ניט צו קאנטראלירן. פאלגליך איז אלץ לייכטער פאר א ניט-געוויסנהאפטיגן מענשן, וואס איז צופעליג אריינגעפאלן אין דער רעגירונג, צו דירעקטירן די טעטיקייט פון דערדאזיגער גרופע כדי צו דערגרייכן זיינע פערזענליכע צוועקן.

עס איז באקאנט, אז דאס שווערסטע איז אנצווענדן א וועלכען עס איז אלגעמיינעם פרינציפ צו א באשטימטער זאך. און וואס נייער דערדאזיגער פרינציפ איז, וואס ווייניגער באקאנט ער איז אין זיינע איינצעלנע אנווענדונגען, אלץ לייכטער איז צו מאכן בעת זיין אנווענדונג אזוינע הנחות, וועלכע קאנען איינגאנצן פאראליזירן דעם פרינציפ גופא. און אין דעם סיסטעם פון געווילטע, וועלכע מוזן אנטשיידן פאר א געוויסער גרופע מענשן, וואס קומט אוים ניט ווילנדיג צו פאדערן פון זיי אן אנטשיידונג, וואס שטימט בכלל נאר מיטן אלגעמיינעם פרינציפ, אבער ניט אין אלע פרטים. מיט איין ווארט, דער שווערסטער טייל פון א באשלוס, וואו עס פאדערט זיך מער ווי אלץ די מיטווירקונג פון פארשיידנארטיגע שכלען, ווערט איבערגעגעבן פון א גאנצער גרופע צו איין פערזאן.

יעדע צענטראלע מאכט פון א באצירק, א שטאט אדער א מלוכה מוז באשטיין פון א קליינער צאל פערזאנען, און וואס גרעסער אזא באצירק א. אז. וו. איז, אלץ ווייניגער מעגלאכקייט איז פאראן, אז די געווילטע מענשן זאלן זיין באקאנט צו די מערסטע ווילער, אלץ ווייניגער במילא קאן מען זיין זיכער מיט דער וואל פון צופאר־לעסיגע ערנווירדיגע מענשן.

לסוף, יעדע רעגירונג, וואס איז באשאפן נאך דעם היינטיגן מוסטער, מוז האבן אין איר רשות א מאכט, וואס זאל קאנען דורכפירן אירע באשלוסן. עס איז אבער קלאר, אז אויב די באַ־

שלוםן פון דער רעגירונג וואָלטן יעדעס מאָל אָנדערקענט געוואָרן פאר ניצליכע פון דעם רוב גלייכבארעכטיגטע בירגער, וואָלט אזא מאכט גאָר אינגאנצן קיינמאָל ניט נויטיג געווען. ווען עס וואָלט זיך געטראָפן, אז איינזיגע איינצעלנע אָדער קליינע גרופן וואָלטן זיך אָפגעזאָגט צו דערפילן דעם ווילן פון דער מערהייט, וואָלט מען דיזאָזיגע איינצעלנע אָדער גרופן ענטוועדער געלאָזט צו רו, אָדער זיי וואָלטן זיך געפילט געצוואונגען מקיים צו זיין דעם באשלוס, אָהן קיין פיזישער מאכט. די פיזישע מאכט, וואָס שטייט אין דינסט ביי יעדער רעגירונג, איז נאָר דעריבער נוי־טיג, ווייל קיין רעגירונג קאָן ניט זיין דער אויסדרוק פון דעם ווילן פון דער גרויסער מערהייט. וואָס נעענטער זי איז צו אזא אויסדרוק, אַלץ קלענער איז די פיזישע מאכט, וואָס שטייט אין איר דינסט, (א ביישפּיל: די פאראייניגטע שטאַטן מיט בלויז 40,000 סאָלדאַטן).

אַט די אלע איבערלייגונגען פירן ווידער־אמאָל איינצוזען די שעדליכקייט פון יעדער צענטראַלער מאכט און פאָלגליך צו זוכן פארזיכערונגען. לאָמיר זיך אָבער פאָרשטעלען א לאנד, וואָס איז אָרגאניזירט אָהן אזא צענטראַלער מאכט, אָהן א רעגירונג, און לאָמיר זען אין וועלכע געזעלשאַפטליכע פונקציעס קאָן זיך ארויס־ווייזן א נויטבאדערפטיקייט צו האָבן אזא רעגירונג.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן גרופּעס פון דאָרפישע געמיינדעס, וואָס זיינען פארנומען מיט ערד ארבעט, מיט פּראָדוצירן תבואות, מיט פיצוכט א. ד. ג.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז דידאָזיגע געמיינדעס, לויט דער אלגעמיינער איינשטימונג פון אלע איינוואוינער פון דעם געגנט, ווערן ניט באטראכט ווי אייגנטימער פון דער ערד, וואָס זיי פאר־נעמען, נאָר בלויז ווי מענשן, וואָס באַנוצן זיך מיט איר. לאָמיר אָננעמען, אז אין איין געמיינדע איז פאראן א לײדיגגייער, וואָס פוילט זיך צו ארבעטן און וויל לעבן ניט ארבעטנדיג. היינטיגע צײ־טען אז ער ארבעט ניט, קריגט ער ניט קיין געלט, און אָהן געלט קאָן ער ניט לעבן. דאמאָלסט וועט ער ניט באַקומען קיין געלט־טשעקס פאר ארבעט־צייט, וואָס זאָל באווייזן אז ער האָט יערן

טאָג אָפּגעטאָן זיין־חלק נויטיגער ארבעט, און אָהן אזוינע טשעקס וועט ער אויך ניט קאָנען לעבן.

לאָמיר אננעמען, אז ער הויבט אן רויבן און דערגלייכן. איצטער פירט מען אים אוועק צו דער פּאָליציי. דאמאלסט וועט זיך נעמען פאר אים דער זעלבסטגעריכט פון דער געמיינדע, אליין אדער דורך אירע געוויילטע. מיט איין ווארט, עס איז קלאָר — און עס קאן וועגן דעם קיין חלוקי דעות ניט זיין — אז אין אירע אלע אינער־ליכע עסקים וועט די געמיינדע קאָנען, אזוי גוט ווי איצטער, אליין פארטיג ווערן, ניט באשאפנדיג קיין רעגירונג.

לאָמיר אבער אננעמען, אז איין געמיינדע פארכאפּט ביי דער אנדערער ערד, טרייבט אריין אירע בהמות אויף יענערס לאָנקעס, אדער פאַראַקערט יענערס אקערלאנד א. אז. וו. איצטער ווערט פון אזא מעשה פארפירט א גאנצער פּראָצעס און ווערט געמשפּט איז אלערליי רעגירונגס געריכטהייזער. וואס וועט זיין אָהן דידאָזיגע געריכטהייזער? ערשטנס, קיין געמיינדע פון ערדארבעטער וועט...*

* * *

איצטער וועלן מיר איבערגיין צו דעם שווערסטן, אבער אינ־איינעם דערמיט אויך צו דעם וויכטיגסטן טייל פון אונזער פּראָג־ראַם — צו דער פראגע וועגן די פּראַקטישע מיטלען, וואָס דארפן אָנגענומען ווערן כדי צו פארווירקליכן אונזער אידעאַל.

מיר האָבן שוין געזאגט, אז לויט אונזער איבערציינגונג מוז די פארווירקליכונג פון אונזער אידעאל פאָרקומען דורך א סאָציאַלע רעוואָלוציע. דערביי טרייסטן מיר זיך גארניט מיט דער האָפענונג, אז שוין גלייך מיט דער ערשטער רעוואָלוציע וועט זיך אונזער אידעאל פארווירקליכן אין זיין גאנצער פולקייט: מיר זיינען אפילו איבערציינגט, אז כדי צו פארווירקליכן די גלייכהייט, וועלכע מיר מאָלן זיך אָפּ, וועלן זיך פאדערן א סך יארן, א סך טיילווייזע, און מעגליך אפילו אלגעמיינע, אויפרייסונגען. מיר זיינען אבער אויך איבערציינגט, אז וואס פולער און העכער עס וועלן אוועקגע־שטעלט ווערן די פאָדערונגען פון די מאסן גלייך פון דער ערשטער רעוואָלוציע אָן; וואָס קלערער און רעעלער דידאָזיגע פאָדערונגען וועלן אויסגעדריקט ווערן, וואס מער עס וועלן גלייך פון אָנהויב

* דאָ פעלט, ווי עס זעט אוים, א גרויסער טייל פון אָריגינאל.

אַז פאַרניכטעט ווערן יענע קולטור פאָרמען וואָס שטערן דער פאַר־ווירקליכונג פון דער געזעלשאַפטליכער אָרדענונג; וואָס מער עס וועלן דיזאָרגאַניזירט ווערן יענע כחות און פאַרבינדונגען, אויף וועלכע עס האַלט זיך דאָס היינטיגע געזעלשאַפטליכע און מלוכה לעבן — אַלץ פרידליכער וועלן זיין די שפּעטערדיגע איבערקערע־נישן, אַלץ שנעלער וועלן פאָרקומען איינע נאָך די אַנדערע גרויסע פאַרפאָלקאָמענונגען אין די באַציאונגען פון מענשן. דעריבער מוז זיין אונזער ציל אָנצו־ווענדן אונזערע כחות אויף וואָס שנעלער צו ברייגען דעמדאָזיגן אויפרייס, אויף קלאָר צו מאַכן יענע האָפע־נונגען און שטרעבונגען, וואָס עקזיסטירן ביי דער גרויסער מער־הייט אין אומקלאָרע פאָרמען, כדי מען זאָל קאָנען אין דער ריכ־טיגער צייט אויסנוצן די אומשטענדן, ווען דער אויפרייס וועט קאָנען האָבן אַ מער גינסטיגן אויסגאַנג; כדי, ענדליך, דער אויפ־רייס גופא זאָל פאָרקומען אין נאָמען פון קלאָר אויסגעשפּראָכענע פאָדערונגען, נעמליך אין דעם נאָמען פון די פאָדערונגען, וואָס מיר האָבן פריער געבראַכט.

מיר דאַרפן פאָלגליך אָנווענדן די אַלע מיטלען, דורך וועלכע דידאָזיגע צילן קאָנען לויט אונזער מיינונג דערגרייכט ווערן אויפן בעסטן אופן. דערביי מוז מען אָבער באַמערקן, אַז אויב אין דער אויסאַרבעטונג פון אונזער אידעאַל האָבן מיר אין אַ באַדייטנדער מאָס געקאָנט גיין מיט אַ לאָגישן וועג, וועט דאָ אונזער הויפּט שטיצע זיין דער עקספּערימענטאַלער וועג. רײדנדיג וועגן אידעאַל האָבן מיר געקאָנט אַרויסגיין פונם שטאַנדפּונקט פון די אַלגעמיינע שטרעבונגען און האָפענונגען פון די מאַסן און אַרויספירן יענע געזעלשאַפטליכע אָרדענונג, וועלכע וואָלט געקאָנט אויפן בעסטן אופן צופרידנשטעלן דידאָזיגע שטרעבונגען (פאַרשטייט זיך, ניט גייענדיג להיפּך צו דעם גערדאַנקען־גאַנג פון אונזער פאָלק) און אויך זיין דער אויסדרוק פון די באַגריפן וועגן גערעכטיקייט, וואָס געפינען זיך שטענדיג ביי אַלע מאַסן. דאָ אָבער קאָנען מיר שוין ניט זיך צופרידנשטעלן מיט די אַלגעמיינע האָפענונגען און שטרע־בונגען פון אונזער פאָלק; מיר מוזן נעמען אין אָנבעטראַכט אַ גאַנצע מאַסע פערזענליכע פאָרשטעלונגען, אַרטן פון דיינקען, באַצי־אונגען, האַנדלונגען אַ. אַז. וו., וועלכע מען קאָן ניט פאָראויסזען

אפריער, וועלכע מען קאָן אויסגעפינען נאָר אויפן וועג פון דער־פאָרונג.

ווייטער, אין די אַלגעמיינע שטרעבונגען פון די מאַסן, ביי אַלע פעלקער, איז פאַראַן זייער פיל געמיינשאַפטליכעס, דעריבער ווערן די שטרעבונגען און האָפענונגען, וואָס די מערב־אייראָפּייאישע אַרבעטער דריקן אויס, אָנגענומען אין פיל הינזיכטן סימפּאַטיש אויך פון אונזערע אַרבעטער. אין די פראַגן אָבער פון דער רעוואָ־לוציאָנערער פּראַקטיק דאַרף מען נעמען די מערב־אייראָפּייאישע ביישפּילן מיט דער העכסטער פּאָרזיכטיקייט, וואָרים אָפּוועגן אין יעדן געגעבענעם פאַל אַלע אומשטענדן פון לעבן, וואָס האָבן מעג־ליך געמאַכט דעם אָדער יענעם רעזולטאַט, איז זייער און זייער שווער.

דורך אַט די איבערלייגונגען אָבער ווערט אויך באַשטימט איין אַלגעמיינער שטריך פון דעם גאַנצן צווייטן טייל פון אונזער פּראָ־גראַם. אויב מיר האַלטן איצטער אונזערע אידעאַלן פאַר ענדליך פעסטגעשטעלטע; אויב מיר האַלטן די גרונט־פּרינציפּן פון אונזערע אידעאַלן פאַר אומפאַרענדערליכע; אויב מיר וועלן ערשט יעמאָלט מאַכן אַ וועלכע עס איז הנחה, ווען מיר וועלן איינזען די אַבסאָ־לוטע אוממעגליכקייט צו פּאַרווירקליכן אַ וועלכע עס איז זייט פון אונזער אידעאַל אין פּראַקטיק, און וועלן אויך יעמאָלט האַלטן די־דאָזיגע הנחה פאַר אַ געצוואונגענע און צייטווייליגע — איז פון דער אַנדער זייט — היות ווי די פּראָגראַם פון אונזערע פּראַקטישע פאָרבערייטנדע מיטלען מוז באַשטימט ווערן ניט נאָר לויט זייער צוועקמעסיקייט בנוגע דעם אַלגעמיינעם אידעאַל, נאָר אויך לויט אַלע לעבנס אומשטענדן פון דער סביבה, וואו מיר אַרבעטן, ד. ה. דורך אַ גאַנצער ריי באַאָבאַכטונגען — וועלן מיר ניט האַלטן אַט דעם טייל פון אונזער פּראָגראַם פאַר אומפאַרמיידליך, אדרבא פאַר־קערט, מיר וועלן זיין גרייט אויף יעדער ענדערונג אין אים, אויב דאָס לעבן וועט אונז נאָר באַווייזן, אַז אַ געוויסער אופן פון וויר־קונג פירט נענטער און בעסער צום אָנגעמערקטן ציל.

עס זיינען פונדעסטוועגן פאַראַן אייניגע גרונט־זאַצן, וועלכע מיר רעכענען פאַר מעגליך און נויטווענדיג אויפצוהאַלטן ווי אומ־פאַרענדערליכע אין אונזער גאַנצער פּראַקטישער צוגרייטונגס אַר־

בעט. דאָס איז, אַז מיר מוזן פאַרוואַרפן אין אונזער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע יענע באַציאונגען צווישן מענשן און יענע אַרטן טעטיקייט, וועלכע גייען דירעקט להיפך צו דעם אידעאַל, צוליב וועלכן זיי ווערן אַריינגעפירט.

אויף דעם אופן פאַרוואַרפן מיר לחלוטין דעם איינפיר אין דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע פון אונטערטעניקייט צו פערזאָנען, די פאַרשקלאַפונג פון פילע צו איינעם אָדער מערערע פערזאָנען, די אומגלייכהייט אין די געגנזייטיגע באַציאונגען פון די מיטגלידער פון איין און דערזעלביגער אָרגאַניזאַציע, דעם געגנזייטיגן באַטרוג און די פאַרגוואַלטיגונג כדי צו דערגרייכן די אייגענע צילן. עס איז איבעריג, פאַרשטייט זיך, צו זאָגן, אַז מיר האַלטן אַלע ענליכע מיטלען פאַר פולשטענדיג ערלויבט און אַפילו נויטווענדיג אין אַלע אונזערע באַציאונגען צו די פאַרשטייער פון קאַפּיטאַל און פון דער ממשלה, מיט וועלכע מיר טרעטן אַריין אין קאַמף.

מיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו דיזאָזיגע פראַגן, ווען מיר וועלן אויפקלערן דעם כאַראַקטער פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס מיר שלאָגן פאָר.

קודם כל זיינען מיר טיף איבערצייגט, אַז קיין רעוואָלוציע איז ניט מעגליך, אויב עס פילט זיך ניט קיין נויט אין איר אין דעם פאָלק גופא. קיין הייפל מענשן, ווי ענערגיש און טאַלאַנטפול זיי זאָלן ניט זיין, קאָנען ניט אַרויסרופן קיין פאָלקס-אויפשטאַנד, אויב דאָס פאָלק אַליין, דורך זיינע בעסטע פאָרשטייער, איז ניט געקומען צום באַוואוסטזיין, אַז ער האָט ניט קיין אַנדער אויסוועג פון דער לאַגע, מיט וועלכער ער איז אומצופרידן, אחוץ דעם אויפשטאַנד. פאָלגליך איז די אויפגאַבע פון יעדער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי ניט אַרויסצורופן אַן אויפשטאַנד, נאָר בלויז צוצוגרייטן דעם ערפאָלג פון דעם אויפשטאַנד, וואָס קלייבט זיך אויסצוברעכן: ד. ה. פאַרבינדן צווישן זיך די אומצופרידענע עלעמענטן, העלפן די אָפּגעזונדערטע איינצעלנע אָדער גרופּעס באַקאַנט ווערן מיט די שטרעבונגען און טאַטן פון אַנדערע ענליכע גרופּעס, העלפן באַשטימען די אמתע אורזאַכן פון דער אומצופרידנהייט, העלפן זיי קלערער באַשטימען ווער עס זיינען זייערע ווירקליכע פיינט, אַרונטעררייי-

סענדיג די מאסקע פון די שונאים, וואס דעקן זיך צו מיט א פרומן פנים; ענדליך, מיטצוהעלפן געמיינזאם די נעענטסטע פראקטישע צילן און די מיטלען פון זייער פארווירקליכונג.

בכן שטעלט זיך קודם כל די פראגע, זיינען פאראן אזוינע אומ־צופרידענע עלעמענטן אין דעם רוסישן פאלק? עקזיסטירט יענער געמיט־צושטאנד, וואס איז נויטווענדיג פאר דעם ערפאלג פון יעדער רעוואלוציאנערער פראפאגאנדע און ארגאניזאציע?

מיר קאנען דרייסט ענטפערן, אז יא.

אלע אונזערע פערזענליכע באאבאכטונגען, אלע אויסקונפטן, וואס מיר באקומען, באווייזן גאנץ קלאר, אז צווישן אונזערע פויע־רים און פאבריק־ארבעטער עקזיסטירט א פארשטיקטע אומצופרי־דענהייט; אז דידאזיגע אומצופרידנהייט וואקסט צוזאמען מיט דער סיסטעמאטישער רואינירונג פון די פאלקסמאסן; אז אין דער ערשטער צייט נאך דער באפרייאונג פון די פויערים איז די אומ־צופרידנהייט געווען א סך שוואכער איידער איצטער; אז אין פאלק לעבן נאך אלץ די האפענונגען, אז די פריצים וועלן ווערן אויסגעגליכן מיט די פויערים בנוגע דער ערד, די שטייערן און די נאטורעלע התחיבותן; אז די האפענונג, אז אזא אויסגלייך וועט ארויסקומען פון אויבן, ווערט ביסלאכווייז פארשוואונדן; אז דער גלויבן אין דער גאטזאלבונג פונם קיסר ווערט מערקליך אפגעשוואכט אין איי־ניגע ערטער; אז דידאזיגע גאטזאלבונג, וואס מען האט פריער אזויפיל גערעדט וועגן איר, איז בכלל זייער ניט פעסט, און טרעט אפ איר פלאץ, דערהויפט צווישן דער פויערשער יוגנט, פאר גאנץ אנדערע באציאונגען; אז די זיכערקייט וועגן דעם, אז דער צאר איז אוממעכ־טיג אין דעם קרייז פון די פריצים, ווערט שטענדיג פארשטארקט, און בפירט אויף דעם אופן אומפארמיידליך דערצו, אז דאס פאלק, ווי־באלד עס וועט נאר ארויסגעבראכט ווערן פון געדולד, וועט אהן רחמנות אויסראטן דידאזיגע פריצים, און אהן זייער שטיצע וועט דער צאר, פארשטייט זיך, בלייבן א פוסטער נאמען; אז אט די אומ־צופרידענהייט פון דעם פויער באמערקט זיך ניט נאר אין איין גע־וויסן געגנט, נאר איז מער אדער ווייניגער שטארק אומעטום; אז נאר די לייקענען עס אפ, וועלכע זיינען קיינמאל ניט געשטאנען אין נאענטע באציאונגען צו די פויערים, און פארקערט, אלע די, וואס

שטייען אויף א וועלכן עס איז אופן אין נאָנטע באציאונגען צו די פויערים און פאבריק ארבעטער, באשטעטיגן דאָס; אז לויט די באָבאכטונגען פון דיזעלביגע מענשן איז די גרייטקייט צו ריזי־קירן א סך שטאַרקער איידער אפילו אָפּטימיסטן וואָלטן דאָס גע־דיינקט; און ענדליך, אז דאָס ווערט אויך באשטעטיגט דורך די לאָקאלע אומרוען, וואָס קומען שטענדיג פאָר פון צייט צו צייט.

אָט אזוינע זיינען די באציאונגען אין דער עקאָנאָמישער ספערע. און וואָס איז שייך די פּאָליטישע באציאונגען, איז פון איין זייט זעהן מיר א פולשטענדיגע גלייכגילטיקייט צו אַלע רעפאָרמען פון דער רעגירונג, און פון דער אנדער זייט — א פיינטשאַפט אומעטום צו יעדן פארטרעטער פון דער רעגירונגס אינטערעסן, און דיזאַזיגע פיינטשאַפט ווערט שטענדיג גרעסער אין דעם ערך ווי עס פאר־גרעסערן זיך די רעגירונג־שטייערן. פון דער אנדער זייט, ווידער, די פארפרעמדקייט צווישן די פּריצים און דעם פאָלק, די אנט־וויקלונג פון דעם אומזיניגן לוקסוס ביי די פּריצים, די אומגעהויערע אנטוויקלונג ביי זיי פון אן אומבאשרייבליכער גייציקייט און אויס־געלאַסנקייט, וואָס איז באגלייט מיט א פארמינערונג פון שעפע־רישקייט, טאַלאַנט און ניכטערן דיינקען, די אנטוויקלונג ביי זיי פון גרויזאמקייט, משוגענעם יאָגן זיך נאָך לייכטע פראָפיטן, א. אז. וו. — דאָס אַלעס צייגט, אז דער פּריצים־שטאַנד פון זיין זייט וועט זיך ניט אנטשליסן אין דער געהעריגער צייט אויף די נויטיגע הנחות און וועט ניט קאָנען מיט זיי צופרידנשטעלן דעם פאָלק.

ענדליך, די אנטוויקלונג אין אייראָפּא פון א מיליטעריש־רויבערישן עלעמענט, די וואנזיניגע פארגרעסערונג פון שטענדיגע ארמייען און די אומפארמיידליכקייט פון גרויסע מלחמות אין אייראָפּא, באווייזן די אומפארמיידליכקייט פון אזא אנטוויקלונג פון דער שטאַטליכער מאכט, וועלכע מוז פירן מיט שנעלע טריט א סך רעגירונגען אין אייראָפּא, אָנהויבנדיג פון די אָרימסטע, צו א פולשטענדיגן באנקראָט, און דעם פאָלק — צו נאָך א ווייטערדיגער רואינירונג.

מיט איין וואָרט, אַלץ וואָס מיר זעהען ארום אונז פירט צו דער אומצווייפלהאפטער איבערצייגונג, אז עס איז פולשטענדיג צייטליך צוצוטרעטן צו דער אָרגאַניזאציע פון א רעוואָלוציאָנערער

פּאַרטיי, און אַז די אויפגאַבן פון אַזאַ פּאַרטיי וועלן ווערן גרינגער דורך דער מיטווירקונג, וואָס זי וועט אומעטום באַגעגענען.

די אויפגאַבן פון דערדאָזיקער פּאַרטיי קאָנען פון באַקוועמ־ליכקייט וועגן איינגעטיילט ווערן אויף צוויי צווייגן פון טעטיקייט, וועלכע מוזן פּאַקטיש אָבער אָנגיין איינצייטיג און ניט איבערגע־ריסן; דאָס איז פון איין זייט די פאַרשפּרייטונג פון אירע אָנשוי־אונגען און די פאַרגרעסערונג פון דער צאָל פון אירע געזינונגס גענאָסן, און פון דער אַנדער זייט די פאַראייניגונג פון זיי אַלעמען אין איין אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע. פון באַקוועמליכקייט וועגן וועלן מיר אָט דיביידע טעטיקייטן באַטראַכטן באַזונדער.

קודם כל, וואוהין דאַרף זיך ווענדן אונזער טעטיקייט, וואו דאַרפן מיר הויפּטזעכליך פאַרשפּרייטן אונזערע אָנשויאונגען און זוכן אונזערע געזינונגס גענאָסן — צווישן דער שטודירנדיגער יוגנט און בכלל דעם אדל, אָדער צווישן דעם פּויערנטום און די שטאָטישע אַרבעטער?

אויף אָט דער פראַגע ענטפערן מיר קאַטעגאָריש, און מיר האַלטן דעמדאָזיגן ענטפער פאַר אַ גרונטזאַץ פון אונזער פּראַקטישער פּראָגראַם — אַז מען דאַרף זיי זוכן ניט אַנדערש ווי צווישן די פּויערים און די שטאָטישע אַרבעטער. צווישן זיי דאַרפן מיר פאַר־שפּרייטן אונזערע אָנשויאונגען, צווישן זיי דאַרפן מיר אויסזוכן חברים, וועלכע זאָלן העלפן ווייטער פאַרשפּרייטן דידאָזיגע אָנשוי־אונגען, מיט אָט די חברים דאַרפן מיר זיך שטעלן אין אַ פריינט־שאַפטליכער איינג־פאַרבונדענער אָרגאַניזאַציע. מיט דעם קרייז פון געבילדעטע און דער עיקר מיט דעם קרייז פון דער שטודירנדיגער יוגנט ווילן מיר ניט איבעררייסן אַלע באַציאונגען, נאָר אין דער צייט וואָס מיר זאָגן זיך אָפּ צו נעמען אויף זיך די ראָליע פון שטענדיגע דערציער פון דערדאָזיגער יוגנט אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג, וועלן מיר אַריינטרעטן אין איינגע באַציאונגען נאָר מיט יענע קרייזן אָדער מענשן, וועגן וועלכע מיר וועלן גלייך ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט זיין זיכער אָדער קאָנען כמעט זיכער האָפן, אַז זיי וועלן אָנווענדן זייער ווייטערדיגע טעטיקייט צווישן די פּויערים און די שטאָטישע אַרבעטער. פאַר דער גאַנצער מאַסע געבילדעטער יוגנט זיינען מיר גרייט צו טאָן נאָר איינס: פאַר־

שפּרייטן, און אויב מען קאָן זיך ניט באַגיין אָהן אונזער הילף, אויך אויב עס וועט קלעקן פרייע כחות, צוגרייטן אזעלכע ביכער, וועלכע העלפן דירעקט אויפצוקלערן אונזערע אידעאַלן און אונזערע צילן, וועלכע גיבן אין די הענט פאַקטן אויף צו באַווייזן די גאַנצע נויטווענדיקייט פון אַ סאָציאַלער איבערקערעניש און די נויט צו פאַראייניגן און אָרגאַניזירן די אויפגעוועקטע פאָלקס כחות.

צו אַט די שלוסן זיינען מיר געקומען דורך ערפאַרונג, דורך דעם לעבן גופא, אָבער מיר קאָנען זיי אויך באַשטעטיגן מיט איניגע אַלגעמיינע באַטראַכטונגען. מיר וועלן דערקלערן אי די, אי די אַנדערע.

קודם כל מוז דער אויפשטאַנד פאַרקומען צווישן די פּויערים און די שטאָטישע אַרבעטער גופא. נאָר יעמאָלט קאָן דער אויפשטאַנד זיין אַן ערפאָלג. אָבער פאַר דעם ערפאָלג פון אַ סאָציאַלער איבערקערעניש איז ניט ווייניגער נויטיג, אַז עס זאָל זיין צווישן די רעבעלן אַ שטאַרקע, אינאייניגעם אַרבעטנדיגע גרופּע מענשן, וואָס דינט ווי אַ צונויפבונד צווישן די באַזונדערע אָרטשאַפטן, איז איינשטימיג אין די מיטלען פון דער אַרבעט, קאָן קלאָר באַשטימען ווי אַזוי צו פאָרמולירן די פאָדערונגען פון פאָלק, ווי אַזוי אויסצומיידן אַלערליי פאַנג־גריבער און ווי אַזוי צו פאַרשטאַרקן דעם פאָלקס נצחון. עס איז קלאָר, אַז אַזאַ פּאַרטיי טאָר ניט שטיין אויסערן פאָלק, נאָר אין אים גופא, אַז זי מוז דינען ניט ווי אַן אויספירער פון וועלכע עס איז פרעמדע מיינונגען, וואָס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן פון אַ באַזונדער פּערזאָן, נאָר זי מוז זיין בלויז אַ מער אויסגערעכנטע, אַ מער פולשטענדיגער אויסדרוק פון די פאָדערונגען פון דעם פאָלק גופא. מיט איין וואָרט: עס איז קלאָר, אַז אַזאַ פּאַרטיי קאָן ניט זיין אַ גרופּע מענשן, וואָס איז פרעמד צו די פּויערים און די אַרבעטער, נאָר זי מוז זיין דער מיטלפּונקט פון די מער באַוואוסטזיניגע און אַנטשלאָסענע כחות פון די פּויערים און שטאָטישע אַרבעטער גופא.

יעדע פּאַרטיי, וואָס שטייט אויסערן פאָלק, און דערהויפּט אַ פּריצישע פּאַרטיי, ווי זי זאָל ניט זיין באַגייסטערט פון דעם פאָלקס וואוילזיין, ווי גוט זי זאָל ניט אויסדריקן די פאָדערונגען פון דעם פאָלק — וועט אומפאַרמיידליך פאַר'משפּט ווערן צום אונטערגאַנג

צוזאַמען מיט אַלע איבעריגע, אַזוי באַלד ווי דאָס אויפגעשטאַנענע פאָלק וועט מיט זיינע ערשטע האַנדלונגען אויפדעקן דעם אָפּגרונט, וואָס צווישן דעם פּריצים־שטאַנד און דעם פּויערנטום. און מיר זעהען אין דעם בלויז אַ פולשטענדיג גערעכטע פאַרגעלטונג דערפאַר, וואָס דיזאַזיגע פּאַרטיי האָט ניט פּועל געווען צו שטעלן זיך פון אַנהויב אָן צווישן פאָלק ניט ווי העכערע פירער, נאָר ווי גלייכבאַרעכטיגטע חברים. נאָר די, וועלכע וועלן קאָנען, דורך זייער פריערדיגן לעבן, דורך דעם גאַנצן אַרט פון זייערע פריערדיגע האַנדלונגען, פאַרדינען דעם צוטרוי פון די פּויערים און אַרבעטער, וועלן אויסגעהערט ווערן פון זיי; און דאָס וועלן זיין נאָר די טוער פון די פּויערים גופא און די, וואָס גיבן זיך איינגאַנצן אָפּ מיט דעם פאָלקס אינטערעסן, און באַווייזן עס ניט מיט העלדישע טאַטן אין דער מינוט פון באַגייסטערונג, נאָר מיט זייער גאַנצן פריערדיגן אַלטעגליכן לעבן; די, וועלכע האָבן אָפּגעוואָרפן יעדן שאָטן פון פּריצעשאַפט אין לעבן, און וועלן איצטער פאַרבינדן אייגנע באַציאונגען, פאַרבונדן דורך פּערזענליכע פריינטשאַפט און צוטרויען, מיט די פּויערים און שטאָטישע אַרבעטער. לסוף, אויב מיר זעהען אויפן אויפשוין איין די נויטוועדיקייט פון אַ פאַראייניגונג פון די אויפוואַכנדיגע פאָלקס כחות, קאָנען מיר לחלוטין ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי עס וואָלט מעגליך געווען ניט צו קומען צום שלום, אַז דער איינציג מעגליכער וועג דערצו איז צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ צווישן דיזאַזיגע פּויערים און אַרבעטער גופא, און צו פירן אַזאַ אַרט לעבן, וואָס זאָל דינען די אַרומיגע ווי אַ דירעקטער באַווייז, אַז די געפריידיגטע איבערצייגונגען זיינען ניט קיין פּוסטע ריידעריען, נאָר די אויפגאַבע פון גאַנצן לעבן.

דאָס איז די הויפּט אורזאַך, וואָס באַוועגט אונז איבערצוטראָגן אונזער טעטיקייט אין דער סביבה פון די פּויערים און שטאָטישע אַרבעטער. עס זיינען אָבער פאַראַנען נאָך אייניגע צווייטגראַדיגע באַטראַכטונגען, וועלכע פירן צו דעמזעלביגן רעזולטאַט.

דאָס וויכטיגסטע איז, וואָס אונזער שטודירנדע יוגנט איז לפי ערך ווייניג מסוגל אויפצונעמען די פּראָפּאַגאַנדע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און די אַקטיווע מיטווירקונג אין דערדאַזיגער ריכטונג. דערביי איז קלאָר, אַז ניט דערפאַר איז זי ניט מסוגל

דאָס אויפצונעמען, ווייל עס פעלן פאַקטן, וואָס זאָלן איר איבער־צייגן ווי אומערטרעגליך דאָס איצטיגע געזעלשאַפטליכע לעבן איז: נייז, אַזוינע פאַקטן זיינען שוין צו־גוט באַקאַנט. אויך ניט דערפאַר ווייל זי קאָן זיך ניט איבערצייגן, אַז יעדע ניצליכע ענדערונג אין דערדאָזיגער ריכטונג קאָן ניט זיין אַ ניט־געצוואונגענע — די מאָ־דערנע געשיכטע איז אויך אין דער הינזיכט רייך אין פאַקטן. זי איז פשוט ניט מסוגל אויפצונעמען קיין סאָרט עקסטרעמע אַנ־שויאונגען, זי איז ניט בכח אָפּצורייסן זיך פון די טראַדיציעס פון דער שול־לערע, און לסוף האָט זי פשוט קיין חשק ניט צו קומען אין טעאָריע צו אַזוינע שלוסן, וואָס זייער פאַרווירקליכונג אין לעבן איז בכלל ניט געוואונשן. אויסער דעם איז יעדע געבילדעטע יוגנט אַזוי אָנגעשטעקט מיט דעם גלויבן אין אויטאָריטעטן, אַזוי צעלאָזן פון דער געוויינהייט צו פאָדערן מען זאָל איר איבערצייגן מיט הונדערטער פאַקטן, אַרויסגעדרונגען און פאַרגעשטעלט אויף אַלערליי אַרטן, אַרויסגעגראָבן פון די העכסטע אויטאָריטעטע און פאַרשיידנאַרטיגע קוואַלן, בעת עס עקזיסטירט שוין אַ גאַנצע מאַסע פאַקטן, וואָס באַווייזן דידאָזיגע באַהויפּטונגען (אַ שטייגער ווי יענע געלערנטע, וואָס באַהויפּטן, אַז די פאַרענדערליכקייט פון די מינים איז נאָך ניט באַוויזן געוואָרן). ענדליך איז זי אַזוי געוויינט צו פאָ־דערן, מען זאָל איר וויסנשאַפטליך אַרויסברייננגען דעם גאַנג פון דער צוקונפטיגער אַנטוויקלונג פון דער מענשהייט, בעת אַרויסברייננגען דאָס אויף אַ וויסנשאַפטליכן אופן איז אוממעגליך ניט איצטער און ניט אפילו אין דער ווייטער צוקונפט — אַז ריידנדיג בכלל, כדי אָנצופירן אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער געבילדעטער יוגנט פאָדערט זיך אַזאַ באַלעזנקייט און אַזאַ דיאַלעקטיקע, וואָס שטעלן פאָר אַ שרעקליכן אומפּרוכטבאַרן פאַרלוסט פון צייט און ציען אָפּ די כחות פון אַ סך אומפאַרגלייכליך־וויכטיגערע אַרבעט.

פון דער אַנדער זייט ווידער, יענער טייל פון דער יוגנט, וואָס זוכט אויפריכטיג אַן אויסוועג פון זיינע ספיקות, געפינט אויס די נויטיגע פאַקטן און קומט אַליין צו דיזעלביגע שלוסן וועגן דער נויטווענדיקייט פון רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. דעריבער וואָלט אונזער חוב בנוגע דידאָזיגע פּערזאָנען געדאַרפט באַשטיין בלויז אין געבן זיי די מעגליכקייט אויסצוגעפינען די נויטיגע פאַקטן,

ד. ה. באקענען זיי מיט די הויפט מאָמענטן פון דער מאָדערנער געשיכטע פון דער ארבעטער-באוועגונג אין די מערב-לענדער און ביי אונז, מיט דער באציאונג צו דערדאָזיגער באוועגונג פון די פריצים און דער רעגירונג, און לסוף מיט די רעזולטאַטן, צו וועלכע מיר זיינען אליין געקומען אין אונזער טעטיקייט — אָבער דאָ אויך נאָר אויף אזויפיל, אויף וויפיל אונזער מיטווירקונג קאָן העלפן צו שאַפן און פארשפרייטן אזוינע ביכער. דערצו וועלן מיר, פאר־שטייט זיך, פירן באקאנטשאַפט מיט אזוינע קרייזן, וואו מיר קאָנען זיך אָנטרעפן מיט אזוינע מענשן, וועלכע זיינען ניט צעלאָזן געוואָרן פון דעם פריציש-געלערטן גייסט און וועלן גאָר איינזען די נויטיקייט אריבערצוטראָגן זייער טעטיקייט אין דער ארבעטער־סביבה; מיט אזוינע מענשן וועלן מיר זען ניט אויסצולאָזן די געלעגנהייט זיך נעענטער צונויפצוקומען און צונויפריידן זיך. אָבער נעמען אויף זיך די ראָליע פון דערציער, זיך פארנעמען מיט דערציען און אויסארבעטן מענשן פאר דער פאָלקס זאך, — דער־פון זאָגן מיר זיך פאָזיטיוו אָפּ; ווארים מיר קאָנען אלעמאָל געפי־נען געזינונגס-גענאָסן, א סך מער צופערלעסיגע, אין א סך פרטים ניצליכערע, און יעדנפאלס נויטיגערע, זיך ווענדנדיג דירעקט אין דעם קרייז פון די פויערים און די שטאָטישע ארבעטער. לסוף מוזן מיר איינזען, אז אפילו די בעסטע פאָרשטייער פון דער גע־בילדעטער געזעלשאַפט, ווען זיי האָבן שוין זיך גוט אריינגעקוקט אין דערדאָזיגער צעפוילטער לאגע, ווערן אויך קיינמאָל ניט אזוינע פול־קאָמענע פאָרשטייער פון דער פאָלקס פראָפּאגאנדע, ווי מען קאָן זיך ווינשן. די קראַפט פון זייערע געוויינהייטן צו א געוויסן אַרט לעבן און דיינקען און צו א געוויסן שטייגער פון א וועלטאנשוי־אונג איז ביי זיי אזוי שטאַרק, אז אפילו איינצעלנע פערזענליכקייטן קאָנען קיינמאָל זיך פון זיי ניט אָפּרייסן.

ענדליך איז פאראן נאָך א זייט פון טעטיקייט צווישן די פויערים און שטאָטישע ארבעטער, וועלכע מען טאָר ניט לאָזן אויסער אכט. דער ערשטער און נויטווענדיגער תנאי פון א וועלכן עס איז ערפאָלג צווישן די פויערים און ארבעטער איז אראָפּוואַרפן פון זיך יעדן סמן פון פריצישאַפט, דערנידעריגן די אייגענע מאַטע־ריעלע לאגע כמעט צו דעם גראַד פון יענער סביבה וואו א מענש

האט בדעה אנצופירן זיין טעטיקייט, און זיך באשעפטיגן מיט ארבעט, מיט א פאקטישער ארבעט, וואס יעדער ארבעטער און יעדער פויער רופט אן ארבעט. פון דער אנדער זייט ווייסן מיר, אז פון יעדן רעוואלוציאנערן טוער פאדערט זיך א פעסטע מאראלישע שטריינגקייט, ד. ה. א פאר'עקשנ'טע, שטאנדהאפטיגע ווילנסקראפט. יעדע פארטיי האט פאקטיש אלעמאל געשטרעבט אויסצוארבעטן דידאזיגע אייגנשאפט ביי אירע מיטגלידער, און גרעסטנטיילס האט מען געשטרעבט דאס צו דערגרייכן דער עיקר דורך א געגנזייטיגן מאראלן איינפלוס.

ניט אפלייקענענדיג די וואוילטעטיקייט פון אזא איינפלוס, האלטן מיר אבער, אז דאס אליין איז ניט גענוג, און מיר דיינקען. אז די בעסטע שולע אויף אויסצוארבעטן אזא ווילן איז די פרייוויליג אנגענומענע, ניצליכע אבער ניט לייכטע, שטענדיגע ארבעט, און דאס אפזאגן זיך פון מאטעריעלע גענוסן. א מענש, וואס איז ניט בכח זיך אפצוזאגן פון אזוינע באקוועמליכקייטן, ווען ער זעט איין די ניצליכקייט פון אזא אפזאגן זיך; א מענש, וואס איז ניט פייאיג זיך אפצוגעבן מיט שווערער, לאנגווייליגער ארבעט, וועט קיינמאל ניט זיין פייאיג אנצופירן אן איינגעשפארטע רעוואלוציאנערע טעטיקייט. מינוטנווייז קאן ער זיין א העלד, אבער מיר דארפן ניט קיין העלדן: זיי וועלן זיך אליין באווייזן אין מאמענט פון באגייסטערונג פון צווישן די גאנץ געוויינלאכע מענשען. מיר דארפן האבן מענשן, וועלכע זיינען גרייט, איינמאל אז זיי זיינען געקומען צו א געוויסער איבערצייגונג, צו ליידן פון אירטווענן טאג־איין, טאג־אויס אלערליי מעגליכע נויטן. דער פארקער צווישן די פויערים און די שטאטישע ארבעטער פאדערט טאקע דורכאויס אפצוזאגן זיך פון אלע עולם־הזה'דיגע גענוסן, פאדערט א פארשמעלערונג פון דעם אייגענעם וואוילזיין ביז צו דעם גראד. וואס דער ארבעטער קאן זיך פארגינען, און—טאן ארבעט, אומבאדינגט ארבעט. אין אט דער אנגעוויזענער טעטיקייט זעהען מיר אויף דעם אופן אויך אן אומפארמיידליכע דערציערישע באדייטונג, און אינאיינעם דערמיט דעם בעסטן מיטל צו דערקענען מענשן. ווען עס וואלט זיך געהאנדלט וועגן אננעמען אויף זיך געוויסע פייניגונגען ווי א כפרה, אז אויסקויף פאר זינד, אדער אויסשליסליך ווי

אַ דערציִערישער מיטל, וואָלטן מיר, פֿאַרשטייט זיך, ניט געֶרעדט וועגן דעם; מיר זיינען ניט קיין מאָנאַכן־אָרדן. אין אונזער צייט אָבער פון אַלערליי פֿאַלשקייטן און נאַרעריי פון אַנדערע און פון זיך אַליין, האַלטן מיר פֿאַר ניט איבעריק אָנצוּווייזן, אַז די טעטי־קייט צווישן פּויערים און אַרבעטער, וואָס ווערט אַרויסגערופֿן פון גאַנץ אַנדערע אויסרעכענונגען, האָט צווישן אַנדערעס אויך אָט דעם זין, אויך אָט די באַדייטונג.

פון דער אַנדער זייט זעהען מיר, אַז אונזער זוכן פּערזאָנען צווישן די פּויערים און די שטאָטישע אַרבעטער, וועלכע זאָלן קאָנען דינען ווי צענטערס פֿאַר דער וויַיטערדיגע פּראָפּאַגאַנדע פון די אידייען וועגן דער נויטיקייט פון אַ סאָציאַלער איבערקערעניש אין דער אויבן־אָנגעוויזענער ריכטונג, גיט פּאָזיטיווע בעסערע רעזול־טאַטן איידער אפילו די געוואַגטעסטע אָנפאַנגער האָבן עס געקאָנט דערוואַרטן מיט עטליכע יאָר צוריק. מיר וואָלטן דאָ געקאָנט אָנצייכענען אַ בילד פון די רעזולטאַטן, וואָס זיינען דערגרייכט געוואָרן אין אייניגע עקן פון רוסלאַנד, אָבער כדי ניט צו געבן אַ ניט־דערזאָגטן בילד, אַנשטאָט דעם בילד, וואָס מען וואָלט גע־דאַרפֿט אָנמאָלן, וועלן מיר זיך איינגאַנצן אָפּהאַלטן פון דעם.

יעדערער, וואָס וויל אויפֿריכטיג אויסגעפינען דידאָזיגע רעזול־טאַטן, וועט אַלעמאָל געפינען די מעגליכקייט דאָס אויסצוגעפינען מינדליך פון אונז און אונזערע פריינט.

אָט דאָס איז די דערקלערונג פֿאַרוואָס מיר שטעלן אַרויס ווי אַ גרונט־טעזיס פון אונזער פּראַקטישער פּראָגראַם — צו פֿאַר־שפּרייטן אונזערע אַנשויאונגען און זוכן אונזערע געזינונגס גענאָסן כמעט אויסשליסליך צווישן די פּויערים און די שטאָטישע אַר־בעטער.

איצטער גייען מיר איבער צו די מעגליכע אַרגומענטן קעגן דעמדאָזיגן טעזיס.

מען קאָן אונז באַמערקן: אַזאַ טעטיקייט איז נאָך צו־פֿרי צו פירן. מיר זיינען קליין אין צאָל: ווען אונזערע וועלן זיך אָנקלייבן גענוג, אַז אונזער טעטיקייט צווישן פֿאָלק זאָל קאָנען האָבן מערק־ליכע רעזולטאַטן, יעמאָלט וועלן מיר, פֿאַרשטייט זיך, גיין צו די

פּויערים און אַרבעטער. ביז דעמאָלט לאָמיר זיך אָנקלייבן חברים פון צווישן דער געבילדעטער יוגנט.

טיילווייז האָבן מיר אויף דעם אַרגומענט געענטפערט, אָנווייזענדיג אַז מיר קאָנען גיכער געפינען געזינונגס גענאָסן אין דער פּויערשער און אַרבעטער סביבה איידער צווישן דער געבילדעטער יוגנט. נאָר מיר קאָנען ברענגען אויך מער פּרטים׳דיגע אַרגומענטן אַנטקעגן דערדאָזיגער טענה.

קודם כל נעמט דידאָזיגע טענה אָן ווי אַ באַוויזענע זאַך איין באַהויפּטונג, וועלכע איז אין אמתן ניט באַוויזן און איז אויך ניט ריכטיג. דאָס איז די באַהויפּטונג, אַז די פּרוכטבאַרסטע פּראָפּאַגאַנדאַטאָרס און אָרגאַניזאַטאָרס צווישן פאָלק זיינען און וועלן זיין מענשן פון דער אַזוי אָנגערופענער אינטעליגענציע. מיר האַלטען, אַז אַט די באַהויפּטונג איז אינגאַנצן אַ פאַלשע, זאָל זיין, אַז דער אינטעליגענט האָט מער וויסן, קאָן בעסער אַרגומענטירן, איז פייאיגער אויפצוכאַפּן אין יעדן פאַקט אַ געוויסע זייט, איז נאָך אָבער דערפון כלל ניט געדרונגען, אַז אַזאַ מענש מוז אומבאַדינגט זיין אַ בעסערער אַגיטאַטאָר איידער אַ מענש פון פאָלק. די דערפאַרונג ביז איצטער פירט צום שלום, אַז עס קאָנען זיך אויסאַרבעטן פון דער פאָלקס מאַסע פונקט אַזוינע איבערגעבענע אַגיטאַטאָרס, ווי די וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון דער אינטעליגענציע. וואָס איז שייך דער איבערצייגונגסקראַפט פון די אַרגומענטן פון די פאָלקס־אַגיטאַטאָרס, דאַרף מען געדיינקען, אַז זיי האָבן ניט צו טאָן מיט געלערטע, וועלכע זיינען תמיד גרייט זיך צו באַהאַלטן הינטער יעדער שויז־וואַנט, הינטער יעדן קוסט, כדי איינצושטעלן זיך פאַר אַ וועלכער עס איז טראַדיציאָנעלער אידייע, נאָר מיט מענשן, וואָס האָבן ניט קיין פאָראורטייל קעגן דער אמת׳קייט פון סאָציאַלע אָנשויאונגען. אויב די אַרגומענטאַציע פון אַזוינע אַגיטאַטאָרס וואָלט ניט געקאָנט ביישטיין אַנטקעגן די אַרגומענטאַציע פון אַ וועלכן עס איז פילאָסאָף, דערפאַר איז די איבערצייגונג, אַז די הייִנטיגע אָרדענונג איז אויף אַזויפיל שלעכט און אַזוי ניט־פאַרבעסערליך, אַז מען דאַרף און מען קאָן זי איבערבייטן נאָר דורך אַן אויפשטאַנד — אויב זי איז נאָר איינמאָל אַריינגעדרונגען אין זיי, ווערט זי ביי זיי אַ גלויבן און קיין אַרגומענטאַציע קאָן איר

ניט רירן פֿון אָרט. ווען אַ מענש גרייכט די מדרגה, זוכט ער שוין גיכער די מאָטיוון פֿון דאָס, וואָס מען זאָגט אים, איידער די לאָגישע באַווייזליכקייטן פֿון יענעמס באַהויפּטונג.

ענדליך זיינען מיר זיכער, אַז כדי צו איבערצייגן זיך אין דער אומגערעכטיקייט פֿון היינטיגער אָרדענונג, אין איר אומפּייאיקייט זיך צו ענדערן אָהן אַן אויפשטאַנד מצד די אונטערדריקטע, און אין דער מעגליכקייט זי יאָ צו ענדערן אויף אַזאַ אופן, פֿאָדערט זיך בכלל גאָר ניט אַזאַ ברייטע פֿאָרבאַרייטונג, ווען וועלכער די געביל־דעטע יוגנט טרוימט אַלעמאָל אין אַזוינע פֿאַלן. איינמאָל אָבער איינזעהענדיג, אַז פֿאַר דער פֿאָרבאַרייטונג פֿון אַ סאָציאַלער רעוואָ־לוציע איז גענוג אַ סך אַ קלענערע פֿאָרבאַרייטונג איידער די וואָס מיר קריגן, אויב זי ווערט נאָר צוועקמעסיג אָנגעווענדעט, און אַז עס פֿאָדערט זיך גאָר ניט אַזאַ שרעקליכע מאַסע צייט צוצוגרייטן מענשן, וועלכע האָבן ניט קיין פֿאָראורטיילן, מוזן מיר אויך ווייטער איינזען, אַז לויט דעם קרייז און אופן פֿון זיין ווירקונג וועט דער אַגיטאַטאָר פֿון פֿאָלק זיין אומפֿאַרגלייכליך ניצליכער איידער דער אַגיטאַטאָר פֿון אַ געבילדעטן קרייז. מיט די לעצטע באַהויפּטונג איז שוין אַזוי קלאָר, אַז מיר וועלן וועגן דעם טאַקע זיך מער ניט פֿאַרשפּרייטן.

ווייטער האַלטן מיר פֿאַר אַ גרינטליכן טעות, אַרויסשטעלנדיג דעם ציל צו באַשאַפֿן אַגיטאַטאָרס צווישן דעם פֿאָלק, זיך אַליין צו האַלטן ווייט פֿון פֿאָלק און אַרומדרייען זיך אין דעם קרייז פֿון די אייגענע אינטעליגענטע חברים. מען קאָן ניט אין אַ יעדן מאָמענט, ווען מען וויל נאָר, מיט אַמאָל אַריבערגיין פֿון די אינטע־ליגענטע ספערעס אין דעם קרייז פֿון פֿאָלקסלעבן. די אינטעלי־גענטע ספערעס לייגן אַרויף אין יעדן פּרט אויף די מענשן, וואָס פֿאַרקערן אין זיי, אַ באַזונדער שטעמפּל, פֿון וועלכן מען מוז צוערשט זיך באַפֿרייען, כדי צו האָבן אַן ערפֿאָלג צווישן פֿאָלק. ווערן אַ פֿאָלקס אַגיטאַטאָר אין עטליכע טעג קאָן מען ניט: מען מוז זיך אַליין דערציען צו דערדאָזיגער טעטיקייט. דעריבער רעכענען מיר, אַז דער בעסטער מיטל צו דערגרייכן מיט דעם ציל אונזערן, איז ניט אָפּליינען נאָך צוטרעטן גלייך צו דער אַרבעט צווישן פֿאָלק — ווי קליין עס זאָל ניט זיין דער קרייז מענשן, וואָס זיינען שוין

געקומען צו אַט דעם שלום. מיר זיינען אויך איבערצייגט, אַז פאראייניגן מענשן אין נאָמען פון צוקונפטיגער טעטיקייט איז אוממעגליך, אָדער לכל הפחות זייער ניט באקוועם, און אַז עס איז אַ סך גרינגער צו פאראייניגן מענשן אין נאָמען פון אַזאַ טעטיקייט, וואָס יעדערער קאָן זיך אליין גלייך איבערצייגן אין איר מעגליכקייט און צוועקמעסיקייט, און וואָס ער קאָן צו איר גלייך צוטרעטן. באוויזנדיג דערגרייכטע רעזולטאַטן און ווירקנדיג אויף מענשן ניט מיט ווערטער אליין, נאָר מיט ווערטער און טאָטן, איז אַ סך גרינגער זיי צו איבערצייגן אין דאָס, וואָס מען איז אליין איבערצייגט.

דערצו, אַזוי ווי עס קומט אויס צו האָבן צו טאָן מיט גאַנץ פּשוטע מענשן, און אַזוי ווי מען דאַרף יעדן אָנפאַנג בויען אויף דער מיטווירקונג פון אַזוינע מענשן, מוז מען האָבן אין אויג, אַז יעדע פאראייניגונג לשם אַ טעטיקייט, וואָס מען רעכנט צו טאָן מיט דער צייט, וואָס מען קאָן ניט צוטרעטן צו איר שוין גלייך, וועט פירן דערצו, עס זאָלן זיך אויסבילדן קרייזלאַך פון אַזוינע מענשן, וועלכע וועלן באַלד אוועקשטעלן זייער צונויפקומען זיך און געגנזייטיגן איינפלוס איינער אויפן אַנדערן פאַר זייער הויפט אויפגאַבע און וועלן שנעל אינגאַנצן פארגעסן אַז זייער צוקינפטיגן ציל. דאַגעגן, ווען מען נעמט זיך גלייך אליין פאַר אַרבעט צווישן פאָלק, און מען רופט יענע פון דער געבילדעטער יוגנט, מיט וועלכע מיר פאראייניגן זיך, אַריינצוטרעטן גלייך אין דער אַרבעט, גיבן מיר זיי תיכף די מעגליכקייט אויסצופּרובירן און באַווייזן זייערע כחות אויף דעמדאָזיגן געביט, וועלכער פאָדערט אָפּצוזאָגן זיך פון אַ סך פריערדיגע טראַדיציעס, און צוגלייכער צייט ווערט שוין עפּעס געטאָן לטובת דער צוקינפטיגער רעוואָלוציע. וואָרים יעדער איינער פון דער געבילדעטער יוגנט, אויב ער דיינקט אפילו ניט, אַז ער באַזיצט די נויטיגע פאָרבאַרייטונג אָנצופירן אַן אַגיטאַציע צווישן זיינע געבילדעטע חברים, האָט ער אָבער אַלעמאָל גענוג פאַקטן צו קאָנען מיט זיי זיך טיילן מיט מענשן פון צווישן די פּויערים און אַרבעטער. אויב אפילו זיינע אידעאַלן פון דער צוקונפט זיינען פאַר זיי נאָך ניט אַזויפיל באַוואוסטזיניג קלאָר, זיי זאָלן קאָנען דינען ווי אַ געגנשטאַנד צום פאַרשפּרייטן, קאָן ער אָבער אַלעמאָל העלפן אַנטוויק־

לען ביי די אַרבעטער און פּויערים די קריטיק פון דאָס עקזיס־טירנדיגע, און אויפקלערן די אורזאַכן פון אַלע וואונדן פון דעם היינטיגן לעבן. דער פּאַרקער מיט די פּויערים און אַרבעטער וועט אויך, פאַרשטייט זיך, ניט שטערן צו אַנטוויקלען יענע אידעאַלן, וועלכע וואַקסן דירעקט אַרויס פון דער פּראָפּאַגאַנדע אַנטקעגן די פאַלשקייטן פון אַלע זייטן פון דעם עקזיסטירנדיקן לעבן.

מיט איין וואָרט, מיר דיינקען, אַז צונויפקומען זיך כדי גלייך צוצוטרעטן צו דער אַרבעט צווישן פאָלק, איז א פּיל מער דירעקטער וועג; אַז צונויפקומען זיך אין נאָמען פון א וועלכער עס איז צו־קינפטיגער זאַך, איז זייער אומבאַקוועם; אַז צונויפקומען זיך אין נאָמען פון א שויז אָנגעהויבענער אַרבעט איז פיל מער צוועקמעסיג און ניצליך; אַז יעדער רעזולטאַט, וואָס וועט דערגרייכט אין דער טעטיקייט צווישן פאָלק, איז שוין א רעזולטאַט, וואָס איז דער־גרייכט געוואָרן צוליב דער סאָציאַלער רעוואָלוציע; אַז די אַרבעט צווישן פאָלק איז א טעטיקייט, וואָס גיט יעדן ערליכן מענשן א מעגליכקייט צו פאַרווענדן זיינע כחות; אַז דיזאַזיגע טעטיקייט שטעלט פאָר די בעסטע באַדינגונגען פאַר זיין אייגענער ווייטער־דיגער אַנטוויקלונג און שליסט אויס די מעגליכקייט אָפּצורייסן זיך פון זיין ענדליכן ציל; און לסוף, אַז אַזאַ טעטיקייט, וואָס ווערט גע־פירט געמיינשאַפטליך, איז דער בעסטער מיטל צו פאַראייניגן צווישן זיך די פאַרשיידנאַרטיגע שאַטירונגען אין דעם אַרט דיינ־קען, וועלכע וועלן שטענדיג עקזיסטירן, און זיי צו ברייננגען צו א מער דירעקטן אויסדרוק פון דער שטרעבונג צו גלייכהייט, וואָס ליגט בטבע אינ׳ם פאָלק.

דעריבער האַלטן מיר, אַז די פּראָגראַם וואָס פאָדערט א פול־שטענדיגע איינשטימונג צווישן די טוער אין אַלע פּרטים פונם אידעאַל איידער מען טרעט צו צו טעטיקייט צווישן פאָלק, און וואָס פאָדערט אויסער דעם אַז אָרגאַניזאַציע פון א ברייטער גרופּע טוער — פאַר א פּאָזיטיוון טעות. דעריבער זאָגן מיר צו יעדן ערליכן מענשן, ווי איינזאַם ער זאָל ניט שטיין אין א וועלכן עס איז ווינקל פון רוסלאַנד: שטעלט זיך אַוועק אין אַזאַ לאַגע, וואָס זאָל מעגליך זיין פאַר אייך צונויפצוקומען זיך מיט פּויערים אָדער שטאָטישע אַרבעטער אין באַציאונגען פון גלייכהייט; הויבט אָן

אויסקלייבן די וואָס דיינקען ווי איר און מיהט זיך צוצוגרייטן פון די בעסטע מענשן פון דעמדאָזיגן קרייז איבערגעגעבענע פּאָלקס אגיטאַטאָרס: דערנאָך, אין נאָמען פון דער אַנגעהויבענער אַרבעט, קלייבט זיך אויס חברים פון דער אינטעליגענציע, וואָס זיינען ניט אַנגעשטעקט מיט פּריצישע געפילן.

אָט דאָס איז דער דירעקטער אויסדרוק פון אונזערע מיינונגען וועגן אָט דער פראַגע. מיר קאָנען נאָר צולייגן, אַז די טעגליכע דערפאַרונג באַווייזט, אַז אַ סך אַנדערע, אינגאַנצן אומאָפּהייניגיק איינע פון די אַנדערע, קומען אויך צו דעמזעלביקן שלוס.

דערנאָך קומט אַרויף די פראַגע: אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד קאָן די אַרבעט צווישן פּאָלק זיין וואָס מער ניצליך? אין וועלכער פּאָזיציע דאַרף זיך שטעלן דער פּאָלקס טוער?

אויף אָט די פראַגן קאָנען מיר געבן איין אַלגעמיינעם קאַטע־גאָרישן ענטפער. קודם כּל אין אַזאַ פּאָזיציע, וואו אונזער מענש לעבט אין אַזוינע אומשטענדן, אַז יעדער אַרבעטער אָדער פּויער, וואָס גייט אַריין צו אים, זעט אין זיין אָרט לעבן פּונקט אַזאַ אַר־בעטער אָדער פּויער ווי ער איז אַליין, און אויב ער פילט אַן אונ־טערשייד צווישן זיך און אים, איז דאָס בלויז אין דעם גראַד אַנט־וויקלונג. יעדע פּאָזיציע אָבער וואו אַ מענש איז געצוואונגען, כּדי איינצוהאַלטן זיך אויף אַן אָרט, צו לעבן אין פּריצישע אומ־שטענדן, האַלטן מיר פאַר פּאָזיטיוו אומניצליך. אויף דעם אופן לייקענען מיר פּאָזיטיוו די מעגליכקייט פון אַן ערפאָלג אין דער לאַגע פון אַלערליי רעגירונגס באַאַמטע, „זעמסקי“ טוער און אַנדערע. מיר דיינקען דעריבער, אַז די ניצליכסטע לאַגע איז די לאַגע פון אַ פּויער אָדער פאַבריק־אַרבעטער; מיר מיינען אָבער, אַז עס זיינען פאַראַן אויך אַ סך אַנדערע פּאָזיציעס, וואָס שליסן ניט אויס, אין איין איינצעלנעם פאַל אָדער אַנאַנדערן, די מעגליכקייט פון טעטי־קייט, ווי צום ביישפּיל אַ דאָרפישער פעלדשער, אָפּטמאָל אַ לערער, מעגליך אויך אַ דאָרף־שרייבער, א. אז. וו. דאָ איז ניט דער פּלאַץ פאַנאַנדערצוקלייבן זיך אין די לפי ערכ'דיגע נוצן פון דידאָזיגע פּאָזיציעס: ריכטנדיג זיך לויט דעם אוועקגעשטעלטן ציל, וועט יע־דערער פאַר זיך קאָנען בעסער פאַר אונז אָפּשאַצן די נוצן אָדער נוצ־לאָזיקייט פון יעדער לאַגע.

מיר וועלן איצטער איבערגיין צו באשטימען אזוי נאענט ווי מעגליך אין וואס אייגענטליך דארף באשטיין לויט אונזער מיינונג די טעטיקייט פון דעם, וואס שטעלט זיך אין אזא לאגע. אין אלגע־מיינע שטריכן איז דידאזיגע טעטיקייט קלאר: דאס איז אויפ־קלערן די ארומיגע די גרונט־פעלערן פון דער עקזיסטירנדיגער אר־דענונג; אויפקלערן די פארדעקטע און אפענע עקספלואטאציע, צו וועלכער דער ארבעטער איז אויסגעזעצט מצד אלע העכערע געזעל־שאפטליכע קלאסן און פון דער רעגירונג; אנווייזן די מיטלען ווי אזוי צו באפרייען זיך פון דער דאזיגער לאגע, ד. ה. איבערצייגן, אז אט די ארדענונג וועט זיך ניט ענדערן אהן א שטארקן דרוק מצד די אונטערדריקטע, אז יעדע הנחה פון דעם הערשנדיקן קלאס קאן ארויסגעצוואונגען ווערן נאר דורך מאכט; און ענדליך, אז קעמפן און דערשלאגן זיך א וועלכע עס איז איינצעלנע הנחה וואלט ניט געהאט קיין ברעקל באדייטונג, צוליב דער איינגער פארבינדונג פון דער גאנצער עקאנאמישער און רעגירונגס עקספלואטאציע. מען דארף איבערצייגן, אז אפנעמען מיט געוואלט ביי די פריצים און דער רעגירונג זייערע מיטלען פון עקספלואטאציע איז מעגליך, און אז עס זיינען דא גרונטן צו באהויפטן, אז די פויערים און די אר־בעטער אין פארשיידענע פלעצער הויבן שוין אן איינצושטימען וועגן דערדאזיגער מעגליכקייט; און מען דארף פאראייניגען די מער טעטיגע פערזאנען אין איין אלגעמיינער ארגאניזאציע, ד. ה. שאפען א מעגליכקייט פאר דידאזיגע טוער פון פארשיידענע ערטער זיך פערזענליך צו באקענען, אויסצוגעפינען אויף דעם אופן וועגן דעם גאנג פון דער ארבעט אין די פארשיידענע פלעצער, זיך צו בא־ראטן און צונויפריידן זיך מכח אלגעמיינע מיטלען.

שטימט מען איין, אז דאס דארף זיין דער כאראקטער פון דער טעטיקייט פון יעדערן, וואס ארבעט צווישן די פויערים און שטא־טישע ארבעטער, ווערט דערמיט פארענטפערט די שטרייטבארע פראגע: צי מען דארף זיך ווענדן מיט דער פראפאגאנדע צו איינצעלנע מענשן אדער צו די מאסן; מיט אנדערע ווערטער, וואסער פראפאגאנדע זאל מען פירן, א פערזענליכע אדער א מאסאוועׄ? מיר האבן איצטער נאך ניט גענוג דערפארונג צו קאנען פארענטפערן די פראגע ענדגילטיג, מיר ווילן אבער דא פאר־לייגן אייניגע געדאנקען בנוגע די ביידע וועגן.

מיר דיינקען, אז אויב עס זעט זיך ניט פאראויס קיין אויפשטאנד שוין באלד, אין א גאנץ קורצן משך פון צייט, איז פירן א פראפאגאנדע אפן און אומעטום, געווענדעט צו אלעמען און יעדערן, אוממעגליך און אויך צוועקלאז. גיין איבער די דערפער, פארשפרייטן גייענדיג דעם געדאנק וועגן דער נויטיקייט פון אן אויפשטאנד, שאפן א מאמענטאנעם איינדרוק, — אננעמענדיק אז אונזער מענש געפינט זיך אין אזא לאגע, אז די פויערים הערן זיך צו אים צו — האלטן מיר פאר נוצלאז, און איבערהויפט ניט פאר דאס בעסטע, וואס קאן געטאן ווערן. יעדער קורצווייליגער איינדרוק אין דערדאזיגער ריכטונג וועט ניט האבן קיין קיום: ער וועט גאנץ גיך פארשווינדן, אויב דערזעלביגער געדאנק וועט שפעטער ניט געשטיצט ווערן נאכאנאנד פון די ארטיגע פאלקס אגיטאטארם. לסוף, כדי צו שאפן א וועלכן עס איז שטארקן איינצייטיגן איינדרוק איבער דעם אומגעהויערן שטח פון רוסלאנד, וואלט מען באדארפט האבן א סך מער טוער וויפיל מען וואלט איצטער געקענט צונויפברייגען.

דעריבער וואלטן מיר געהאלטן פאר מער ניצליך אן איינגעזעסענעם איינפלוס — סיי אינאלגעמיין אויף די געדאנקען און שטימונגען אין דעם געגעבענעם דארף אדער אפילו באצירק, סיי אויף איינצעלנע פערזאנען, אבער אין דעם פאל מוז דער איינפלוס זיין אזא פולשטענדיגער און שטארקער, אז ווען דער טוער פארלאזט דעם דארף, זאלן די איבערגעבליבענע איינצעלנע פערזאנען ווייטער פארטזעצן אויפצוקלערן די דארפס מענשן דיזעלביגע אנשויאונגען און זאלן ווייטער אויסקלייבן די בעסטע מענשן אויסצוברייטערן די ארבעט. דערביי האלטן מיר, פארשטייט זיך, פאר נויטיג, אז אזא דארף זאל שפעטער באזוכט ווערן (ווי מעגליך אפטער) פון דעם פראפאגאנדיסט, וואס האט דארט פריער געוואוינט, אדער פון די, וועלכע פירן דורך אים א באקאנטשאפט מיט דעם קרייז אויסגעקליבענע מענשן פון יענעם דארף. דערצו האלטן מיר פאר ניט ווייניגער נויטיג, אז דער קרייז פון דעמדאזיגן דארף זאל זיין באקאנט ניט נאר מיט דעם אגיטאטאר, וואס האט דארט געוואוינט, נאר אויך מיט מענשן פון די קרייזן, וואס האבן זיך ארגאניזירט אין אנדערע דערפער. עס קאן זיין, אז דערצו וועט זיך פאדערן פעריאדישע צונויפפארן, וועלכע מיר האלטן פאר גאנץ מעגליך.

און אויב אפילו עס זאל אויסקומען צו באגרעניצן זיך אויף דידאזיגע צונויפפארן מיט הוילע באריכטן פון די דעלעגאטן, וואס און ווי אזוי עס ווערט געטאן אין די פארשיידענע ערטער, וואלטן זיי אפילו דאן געבראכט נוצן; עס איז אבער העכסט ווארשיינלאך, אז עס וועלן זיך אויפהויבן אויף דידאזיגע צונויפפארן אויך איינינע אלגעמיינע פראגן, וואס זיינען נוגע דער אלגעמיינער ארבעט. אויך דיינקען מיר, אז עס וואלט געווען ניצליך, יעדער דארפישער קרייז זאל פארשטעלן מיט זיך א וועלכע עס איז הילפס ארגאניזאציע פאר זיך, ד. ה. ער זאל זיך צונויפקומען אויף צו באטראכטן די אלגעמיינע ארבעט פון קרייז (אזוינע ארבעטן וועלן זיך אימער געפינען, און אלץ מער, וואס מער אייפערזיכטיג די אגיטאציע וועט אנגעפירט ווערן), ער זאל פארשטעלן א געוויסע איינטיילונג פון פליכטן לויט אן אלגעמיינער איינשטימונג און זאל זיך צונויפריידן מיט אנדערע זיינע באקאנטע דארפישע קרייזן. מיר וואלטן געזאגט, אז מען דארף זיך קיינמאל ניט אפשטעלן אויף דער קלייניקייט פון דעם מעגליכן צוזאמענשטעל פון דעם קרייז און פון די פאקטישע פראגן, וואס שטייען אים פאר אין דער געגעבענער מינוט. אויב א קרייז וואלט געקאנט צונויפגעשטעלט ווערן בלויז פון דריי מיטגלידער, אבער דערפאר אזוינע, וואס זיינען צונויפגעבונדן צווישען זיך אין אן איינגער פערזענליכער פריינטשאפט, וואלטן זיך שוין געפונען אלגעמיינע פראגן, און זאלן זיי זיך נאר האלטן פאראנטווארטליך איינע פאר די אנדערע אין דער אלגעמיינער ארבעט, וואלטן זיי ארויסגעצייגט מער צייכנס פון לעבן. ווען דער צונויפפאר וואלט באשטאנען אינגאנצן פון דעלעגאטן פון פיר־פינף קרייזן און זיין רעזולטאט וואלט נאר געווען, וואס ער וואלט יעדערן פון דידאזיגע פיר־פינף מענשן, צונויפגעפארענע פון פארשידענע ערטער, געגעבן א בילדליכע פארשטעלונג, אז דא און דארט טוט זיך עפעס, וואלט שוין דאס אליין ווערט געווען דער געוויסער פארלוסט פון צייט און מיטלען — בתנאי מען זאל נאר ניט איבערטרייבן זיין באדייטונג.

אט די זיינען אונזערע ארגומענטן פאר א פערזענליכער פראפאגאנדע און ארגאניזאציע. אויב אבער דער קרייז פארזאמעלט זיך בלויז, כדי זיך צו פארנעמען מיט פערזענליכער אנטוויקלונג און אונטערריכט, אויב ער קלייבט זיך צו נייע חברים נאר צוליב

דעם, כדי אין א גרעסערער חברותא געמיטליך אַנצופירן שמועסן מכח וויכטיגע ענינים, איז קלאָר אז אזא ארבעט ווערט פארוואנדלט אין א גאנץ מיאוסן און שעדליכן צייט־פארטרייב. פאקטיש קומט עס טאַקע דערצו, אויב דער געשלאָסענער קרייז האָט אין אויג נאָר צונויפצורעדן זיך צווישן זיך, און אויב זיינע מיטגלידער באזיצן ניט א גענוגנדע אנטוויקלונג פון אלערליי גוטע זייטן, און אויף אזא מערהייט מוז מען דאָך אלעמאָל רעכענען. איז טאַקע אַט דאָ קומט, נאָך אונזער מיינונג, צו הילף דאָס, וואָס מיר האָבן אנגערופן מאסן־פראָפּאַגאנדע. אויב דער ציל פון אזא קרייז איז א טיכטיגע פרשפּרייטונג פון זייערע אידייען ניט נאָר אין דעם קרייז פון די אויסדערוויילטע, נאָר אויך צווישן אלע זייערע שכנים פון דאָרף, יעמאָלט וועט ער זיין אומפארגלייכליך מער פארזיכערט אנטקעגן אונטערגאנג און מאראלער דעגענעראציע, און וועט אין דערזעלביגער צייט טאַקע צוגרייטן די ארבעט פון א פאָלקס־באוועגונג. אין דער אמתן, אויב די מער אינטעליגענטע פערזאָנען (ער־ליכע און אויפריכטיגע — דאָס האלטן מיר קודם כל פאר אַנגענו־מענע אקסיאָמען) וועלן שטענדיג האָבן אין אויג — היינט פאַר־לייענען אין איין פלאַץ אזא און אזא ביכל, און פארפירן אויף דעם סמך א געוויסן געשפּרעך, מאָרגן ריידן אויף א זיצונג וועגן אזא און אזא פונקט א. אז. וו., וועלן זיי מיט אמאָל דערגרייכן דריי צילן: זיי וועלן בעסער אויסגעפינען די נייגונג פון די באזונ־דערע פערזאָנען און זייער פייאיקייט צו באאיינפלוסן מענשן מיט זייערע איבערצייגונגען; זיי וועלן אויפהאלטן א באַשטימטע נייגונג ביי דער מערהייט, און אין דערזעלביגער צייט וועלן זיי זיך אליין פארהיטן פון ארומגיין ליידיג און פארברענגען די צייט מיט פוסטע רייד.

מיר זיינען זיך מודה, אז מיר האָבן עפּעס ניט קיין צוטרוי צו יענע מענשן, וועלכע נעמען אָן געוויסע איבערצייגונגען פאר זיך אליין און פאר אויסנעמליכע פערזאָנען אויף שפּעטער. דאָס הייסט, מיר קומען צום שלום, אז כדי די פערזענליכע פראָפּאַגאנדע און אָרגאניזאציע צווישן די פּויערים און ארבעטער זאָל קאָנען אנגיין מיט וויפיל עס איז ערפאָלג, איז נויטיג, אז די פאָלקס־אגיטאטארם פון דער אינטעליגענציע אדער פון דער פאָלקס סביבה

גופא זאלן זיך ניט באשריינקען בלויז אויף צונויפריידן זיך מיט די פארטרויטע, נאר זאלן זיך סטארן ווירקן אויף דעם אלגעמיינעם געדאנקען־גאנג פון דער גאנצער מאסע מיט אלערליי מיטלען, וואס וועלן אנדערקענט ווערן פאר ניצליך; ד. ה. די וואס האלטן פאר פערזענליכער פראפאגאנדע און ארגאניזאציע זעהען איין די נוצליכקייט פון פראפאגאנדע אין די מאסן צוליב דער פערזענליכער פראפאגאנדע און ארגאניזאציע גופא. אבער די פראפאגאנדע פאר די מאסן האט פאר זיך אליין אויך א גרויסע באדייטונג. אין דער אמתן, אויב מען קאן ניט האלטן א מאמענטאנעם איינדרוק פאר ערנסט ניצליך, וועט דאך אבער קיינער ניט אפלייקענען, אז איינדרוקן און טאטן, וואס ווערן שטענדיג ווידערהאלט אין דער מאסע אין א געוויסער ריכטונג, קאנען גרייכן געוויסע רעזולטאטן, געוויסע געדאנקען־ענדערונגען אין א באשטימטער ריכטונג. און מען מוז דאך צוגעבן, אז אזא געדאנקען־ענדערונג איז ניט נאר ניצליך, נאר אויך זייער געוואונשן מכמה טעמים. קודם כל, אנגעמענדיק אפילו, אז די סאציאלע אנשויאונגען זיינען אזוי געדעכט און פליסן אזוי לייכט ארוים פון גאנץ פשוטע הנחות, אז זיי זיינען קיין פאלק ניט פרעמד, ווייסן מיר אבער, אז פון א טונקעלן באוואוסטזיין — און אז דאס דאזיגע באוואוסטזיין איז טונקל, איז קיין פראגע ניט — ביז צום באוואוסטזיין, וואס איז אזויפיל קלאר, אז א דארף זאל איינשטימען אויף די מיטלען, וואס די בעסטע ענערגישע פערזאנען שלאגן פאר, איז נאך זייער ווייט. און עס איז נאך ווייטער ביז צו נעמען זיך פאר אוממיטלבארער טעטיקייט. איז דעריבער, אויב מיר זאלן אפילו אננעמען, אז אין דארף וואלט זיך געקאנט פארמירן א קרייז פון די בעסטע מענשן, וועלכע ווערן געאכטעט פון קהל, און אז זיי וואלטן געקאנט — ווי דער דארף איז איצטער גאר ניט צוגעגרייט — אים איבערצייגן זיך צו נעמען פאר די העק (ווען דער דארף דערוויסט זיך, אז די אנדערע דערפער כאפן זיך אויך פאר דעמדאזיגן מיטל) — וואלט מען נאך אלץ ניט געקאנט באהויפטן, אז ביי דער ניט־צוגעגרייטקייט פון די מאסן, זאל דער דארף קאנען זיכער אננעמען אויך די ווייטערדיגע מיטלען, וועלכע וואלטן פארלייכטערן און פארפעסטיקן זיין זיג. נאך מער, מען קאן אפילו ניט ערב זיין, אז ווען דער דארף

וועט זיך נעמען פאַר די העק, וועט ער זיך נעמען פאַרניכטן דוקא דאָס, וואָס עס פֿאָדערט זיך צו פאַרניכטן, און אין דער געהעריגער מאָס. דעריבער איז זייער נויטיג, אחוץ דער צוגרייטונג פון איינצעלנע מענשן, אַז עס זאָלן אין דער גאַנצער מאַסע אריינדרינגען ניט נאָר וויפיל עס איז, נאָר וואָס מערער און וואָס קלערער, באַוואוסטזיניגע פאָרשטעלונגען וועגן דער צוזאמענשטעלונג פון די כלל־שייכותן און וועגן די מעגליכע מיטלען ווי אזוי זיי איבערצובויען. זאָגנדיג דאָס, ווילן מיר דורכאוים ניט באהויפּטן, אַז עס איז נויטיג צו וואַרטן מיט דער סאָציאַלער רעוואָלוציע ביז וואַנען עס וועלן אריינדרינגען אין דער גאַנצער מאַסע באַוואוסטזיניגע פאָרשטעלונגען; מיר זאָגן אבער, אַז וואָס מער זיי וועלן אריינדרינגען, אַלץ בעסער וועט זיין, און פאָלגליך — אַז עס וואָלט געווען זייער זאָנדערבאַר און ניט־לאָגיש, ווען מען זאָל זיך ניט באַנוצן מיט יעדער געלעגנהייט צו פאַרשפּרייטן אַזוינע פאָרשטעלונגען צווישן דער מאַסע. און טאַקע אין דער גאַנצער מאַסע איז נויטיג צו אַנטוויקלען דעם גייסט פון קריטיק, דעם גייסט פון אומצופרידנהייט, דאָס איינזעהעניש ווי האָפענונגלאָז די פרידליכע רעפאָרמען זיינען, דעם גייסט פון מוטיקייט און דעם גלויבן אין דער מעגליכקייט פון פאַראייניגטער טעטיקייט. וואָס מער אַנטוויקלט אָט דער גייסט וועט זיין אין יעדן מענשן, אַלץ סאָלידארישער מיט אַלע איבעריגע וועט זיך פילן די איינצעלנע פערזאָן, וואָס טרעט אריין אין דער פאָלקס אָרגאַניזאַציע, אַלץ שטאַרקער וועט זיין איר גלויבן אין דער מעגליכקייט פון אַן איבערקערעניש, אַלץ קלערער וועלן זיך ביי איר אליין אויסבילדן אירע אַנשויאונגען וועגן דער צוקונפטיגער מעגליכער אָרדנונג. לסוף, יעדע פערזאָן איז אַ פּראָדוקט פון די מיינונגען, וואָס רינגלען איר ארום, און וואָס מער געוויסע מיינונגען דרינגען אריין אין דער מאַסע, אַלץ מער טיילן זיך ארוים פון דער מאַסע נייע מענשן, וועלכע גיבן זיך אָפּ צו דער זאַך פון כלל, אַלץ מער ראַדיקאַל זיינען די־אָזיגע מענשן.

אָט דאָס איז דער טעם פאַרוואָס מיר דיינקען, אַז יעדער פאָלקס טוער טאָר ניט אויסלאָזן קיין געלעגנהייט, נאָר אדרבא דאַרף זוכן יעדע געלעגנהייט צו ווירקן אויף יעדן איינעם און אויף אַלעמען אין דער געוויסער ריכטונג. אין קיין געשפרעך, אין קיין האַנדלונג

טאָר ער אָט דעם געדאנק ניט ארויסלאָזן פון אויג, און ער קאָן עס ניט ארויסלאָזן, אויב ער גיט זיך נאָר אָפּ צו זיין זאך מיט באגייסטערונג. זאָל זיין, אז איינער א דערשלאָגענער, א ניט־אנטוויקלטער, איז בכח צו באטראכטן נאָר די נאָהענטסטע פּאסירונגען און איז לגמרי ניט פייאיג אומצופאסן די אורזאכן בכלל — אָבער אפילו דאָ וועט אלעמאָל זיין מעגליך, זיך אוועקשטעלנדיג אויפן שטאנדפּונקט פון אזא מענשן, צו אנאליזירן דעם פאקט פון דער ברייטערער זייט און ארויפפירן דעם מענשן אויף דעם געדאנק וועגן די אלגעמיינע אורזאכן. עס קאָן אויסקומען, פארשטייט זיך, צו פירן דעם געשפּרעך פארשיידן מיט יעדן באזונדערן מענשן: איינעם וועט מען דארפן פאנאנדערוויקלען די סאָציאלע אנשויאונגען און זייערע לאָגישע שלוסן פולער, אנאנדערן — בלויז אין דער פּרימיטיוועסטער פאָרם, דער עיקר אָבער, אז דיזאָזיגע אלע שמועסן זאָלן פירן צו שאפן א נייגונג צו דידאָזיגע אנשויאונגען, א פייאיקייט צו דערפילן דעם שווערן דרוק און איינזען די נויטיקייט פון אוועקשטעלן אנטקעגן אים די איניקייט פון דעם גאנצן פויערטום.

ווי אזוי אָנצופירן די ארבעט מיט יעדן מענשן, וועלכע סטרוגנע אנצורירן, אויף וויפיל אָפּן ארויסזאָגן די אייגענע ענדליכע געדאנקען — דאָס אלץ וועט אָפּהיינגען פון דער צוגעגרייטקייט פון דעם מענשן אָדער דער געזעלשאפט, מיט וועלכער מען האָט צו טאָן, און פון דער פּאָרזיכטיקייט, וואָס איז נויטיג אָפּצוהיטן אין דעם אָדער אנאנדער פאַל; איינס אבער מוז מען געדיינקען, אז מען דאַרף צוגרייטן יעדערן און אלעמען צו קאָנען אויפנעמען דידאָזיגע ענדליכע צוועקן, הייסט עס, אז מען דאַרף ווירקן אין דערדאָזיגער ריכטונג. געוויס געפינען זיך אומעטום מענשן, ביי וועמען דער פּערזענליכער עגאָאיזם איז אנטוויקלט מער ווי אלץ, און אָפּגעבן זיך מיט זיי אפילו ווען־ניט־ווען וואָלט אויך געהייסן אומזיסט פארלירן צייט און כחות; מיר ריידן אָבער ניט וועגן אזעלכע, מיר ריידן וועגן דער גאנצער מאסע, וועלכע האָט ניט געהאט די געלעגנהייט אָדער די צייט צו באציען זיך מיט מער איבערלייגונג צו דאָס, וואָס קומט פאָר ארום איר, אָבער ווען עס איז וועט זי דאך מוזן ווירקן. זיך אָפּזאָגן פון באאיינפלוסן אָט די מאסע, וואָלט פשוט געוועזן א טעות.

בויענדיג אויף אַט די גרונטן האַלטן מיר, אז דער איינפלוס אויף איינצעלנע פּערזאָנען און דער איינפלוס אויף דער מאסע דאַרפן גיין האַנט אין האַנט אין דערזעלביגער צייט. זוכן צו ווירקן בלויז אויף דעם אַלגעמיינעם געדאַנקען גאַנג פון דער מאסע, ניט שאַפנדיג קיין איינגע קרייז פון עטלאַכע מענשן, וועלכן מען זאָל קאָנען אריינפירן אין דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, וואָלט געווען פּונקט אַזא טעות, ווי זוכן צו שאַפן בלויז אַ איינגע קרייז און אויסלאָזן דעם איינפלוס אויף דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד פון דער מאסע. די נוצן פון דער גאַנצער אויפגאַבע פאָדערן דעם איינפלוס אויף ביידן אין דערזעלביגער צייט. עס פאַרשטייט זיך, אז אַלץ, וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרן גייט אויף די שטאָטישע אַרבעטער. דערביי מוזן מיר דערמאָנען, אז אונזערע שטאָטישע אַרבעטער שטעלן פאָר איינינע וויכטיגע חלוקים פון די מערב אייראָפּייאישע אַרבעטער, און מחמת אַט די חלוקים לאָזט זיך דערקלערן, פאַר וואָס די טעטיקייט צווישן די שטאָטישע אַרבעטער, ניט קוקנדיג אויף זייער קלענער צאָל דאָ אין רוסלאַנד, האָט אַן ערנסטע באַדייטונג.

די זאַך איז, וואָס צוזאַמען מיט די אַרבעטער, וועלכע זיינען געוואָרן שטענדיגע שטאָטישע איינוואוינער און האָבן אַ באַשטימטע מלאכה אין האַנט, עקזיסטירט אַ סך אַ גרעסערער קלאַס אַרבעטער, די אַזוי־אָנגערופענע פאַבריק־הענט. דערדאָזיגער קלאַס איז צוזאַמענגעשטעלט אינגאַנצן פון פּויערים, מערסטנטיילס פון יונגעלייט, וואָס זיינען ניט קיין געלערנטע בעלי מלאכות, נאָר טוען פּראָסטע אַרבעט אין אַלערליי פאַבריקן. זיי אַלע האָבן אין דערהיים אַ חלק ערד און שטייען אין נאָענטער פאַרבינדונג מיט די איבעריגע פּויערים אין זייער דאָרף. אין שטאָט לעבן זיי ניט שטענדיג, נאָר קומען אָן פון אַלע עקן רוסלאַנד בלויז אויף אַ צייט; אין אַ יאָר אָדער צוויי, און אָפטמאָל אַלע יאָר, בעת עס איז קיין אַרבעט ניטאָ, קערן זיי זיך אום צוריק אין די דערפער אויף לאַנד־אַרבעט. זיינען אויף דעם אופן אַ באַוועגליכער עלעמענט פון דער פּויערשער סביבה, אַן עלעמענט, וואָס איז פריי פון דעם קאָנסערוואַטיווען איינפלוס פון דער משפּחה, און זיינען מענשן וואָס האָבן שוין אַ ביסל מער זיך צוגעקוקט צו די פאַרשיידענע לעבנס באַציאונגען; דערצו איז דאָס אַן עלעמענט, וואָס שטעלט פאָר, בעת ער האָט זיך צוריק

נעקערט אין דארף, א גוטן און אין די מערסטע פאלן א פרוכט־באַרן באָדן אויפצונעמען און פארשפרייטן סאָציאַלע אידייען. אויך לעבן זיי אלע ניט אפגעזונדערט ווי די געלערנטע ארבעטער, נאָר אין ארטעלן, וואָס עס מאכט באדייטנד לייכטער צו באקענען זיך מיט א גרויסן קרייז מענשן. אויסארבעטן פון זיי איינצעלנע פער־זאָנען, וואָס זיינען פייאיג צו פירן א ווייטערע אגיטאציע, ווערט אויך גרינגער צוליב דעם ברייטן שטח פון וואנען אויסצוקלייבן די בעסטע מענשן, און די הילף פון דער געבילדעטער יוגנט, וואָס נעמט זיך לערנען דידאָזיגע ארבעטער, מאכט פיל לייכטער דעם אויסוואל, ווייל עס גיט די מעגליכקייט אויפצוהאלטן די באקאנט־שאפט מיט זייער א סך ארבעטער. אזוי ווי אַט די ארבעטער רייסן גאר ניט איבער זייערע פארבינדונגען מיטן דארף און בייטן גאָר ניט איבער זייער פריערדיגן פויערשן אָרט לעבן, איז דעריבער אמבא־קוועמסטן אויסצוארבעטן פון זיי מענשן, וועלכע וועלן שפּעטער קאָנען דינען אין דארף ווי זריעה־קערנער פון דאָרפישע פויערשע קרייזלאַך.

דאָ איז ניט דער פּלאַץ צו באשרייבן די פּראקטישע מעטאָדן פון אזא פּראָפּאגאנדע, מיר ווילען אָבער זיך אָפּשטעלן אויף איין אומשטאַנד, צו וועלכן א סך באציען זיך, לויט אונזער מיינונג, צו־לייכט. דאָס איז דער אומשטאַנד, וואָס מיר האלטן פאר ניצליך און נויטיג צו לערנען די ארבעטער אזוינע זאכן, וואָס געהערן צו דעם געביט פון וויסנשאַפטלאכע קענטנישן. קודם כל האָט מען זיך אָפּט געווענדעט צו אונז מיט דער בקשה צו פארנעמען זיך מיט לערנען לעזן, שרייבן און אריפמעטיק. אויב דאָס איז דער איינציגער מיטל צו באקענען זיך מיט דעם ארטעל, און אויב עס זעט זיך ארויס, אז אין דעמדאָזיגן ארטעל וועלן זיך געפינען מענשן, וועלכע וועלן קירצליך זיך פאראינטערעסירן מיט דער סאָציאלער פּראָפּאגאנדע, איז פארשטייט זיך, אז מיר וועלן זיך ניט אָפּזאָגן פון דער ארבעט אליין, אָדער אויב מיר האָבן פאר זיך אנדערע מער פּראָדוקטיווע באשעפטיגונגען, וועלן מיר אויפזוכן אנדערע מענשן, וועלכע ווילן נאָך ניט זיך באשעפטיגן מיט סאָציאַלער פּראָפּאגאנדע, נאָר זיינען גרויט זיך אָפּצוגעבן מיט אַט דער ארבעט, ווייסנדיג צוליב וואָסער צוועק די ארבעט ווערט אָנגעפירט. ווען

מיר זעען, לייענענדיג געוויסע ביכלאך מיט דידאַזיגע ארבעטער און אָנפירנדיג מיט זיי אַן אַלגעמיינעם געשפּרעך וועגן דעם עניין, אַז אייניגע פון זיי ווערן שטארק פאראינטערעסירט אין אַלגעמיינע ענינים, וועלן מיר זוכן דורך פּריוואטע געשפּרעכן ארויספּצופּירן דידאַזיגע מענשן אויפן גערדאנק, אַז אריפמעטיקע און שרייבן פּירן לגמרי ניט צום ציל, נאָר מיר וועלן זיי באקענען מיט די אַלגעמיינע סאָציאַלע אנשויאונגען און וועלן זוכן אריינטרעטן מיט זיי אין פּערזענליכע פריינטלאכע באציאונגען; די אָבער, וועלכע וועלן דעם גאנצן צוועק זעען אין דעם למוד פון אריפמעטיקע, וועלן מיר, פאַר־שטייט זיך, אינקורצן אָוועקוואַרפן, ווייסנדיג גאַנץ גוט, אַז מיר קאָנען אַלעמען קיין אריפמעטיקע ניט אויסלערנען, און אַז עס זיינען דאָ נויטיגערע זאַכן. אויב מיר וועלן אַנטרעפן אַ מענשן אַ פייאיגן, אַן ענערגישן, וואָס מען קאָן דערוואַרטן ער זאָל ווערן אַ ניצליכער אגיטאַטאָר, נאָר ער קאָן אפילו ניט לעזן, וועלן מיר נאַטירליך האַלטן פאר אונזער אומבאַדינגטן חוב אים אויסצולערנען לייענען ביכער, ווייסנדיג גאַנץ גוט, אַז אַ געלערנטן מענשן איז לייכטער אַנצופירן אַן אגיטאציע איידער אַ ניט־געלערנטן, און אַז ער וועט קאָנען אויסגעפינען אין אַ גוטן בוך און אליין נאָכדיינקען וועגן דאָס, וואָס מיר וועלן ניט באַווייזן זיך דורכצוריידן מיט אים.

דידאַזיקע בעסערע מענטשן, וועלכע וועלן ווערן פּאָלקס אגי־טאַטאָרס, האַלטן מיר פאר נויטיק אויך מיטצוטיילן ברייטערע ידיעות אין היסטאָריע, פארשטייט זיך פון דעם טייל, וואָס דינט אונז פאר דעם יסוד פון אונזערע שלוסן בנוגע דער אַזוי־אָנגערו־פענער לערע פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, ד. ה. בנוגע דער קריטיק פון די היינטיגע באַציאונגען צווישן ארבעט און קאַפּיטאַל. מיר ווייסן, אַז דער איבערגאַנג פון אַ רואיגן ארבעטער, וואָס איז אָפּגעשטאַנען דעם גאַנצן לעבן ביים ווארשטאַט, און וואָס האָט ארויסגעוויזן זיין ענערגיע, ערליכקייט און אומאייגננוציקייט בלויז אין פּער־זענליכע באַציאונגען אָדער אין די עסקים פון זיין ארטעל, ביז צו אַן איבערצייגטן, טעטיגן פאָלקס אגיטאַטאָר, קאָן ניט געמאַכט ווערן אין אַ טאָג אָדער אין צוויי. מיר ווייסן אויך, אַז דער איבערגאַנג איז אַלץ פעסטער, די זיכערקייט פון דעם ווייטערדיקן ערפאָלג איז אַלץ גרעסער, וואָס גרעסער עס איז די סומע פאַקטן, וועלכע דער

מענטש באזיצט, און וואס מער ארגומענטן א ברייטערער קרייז פאקטן גיט אים צו באשטעטיקן זיין געדאנק. דעריבער מוזן מיר אזא מענשן מיטטיילן דעם מאטעריאל וואס ער האט נויטיג, מיר מוזן זוכן אויסצוארבעטן אין אים די פייאיקייט צו באנוצן זיך מיט אלערליי פאקטן אויף צו באשטעטיגן זיינע אנשויאונגען. און אזוי ווי אין א משך פון דריי, פיר מאנאט קאן זיך תמיד גע־פינען איבערגענוג צייט פאר אזעלכע געשפרעכן, און אזוי ווי די אויפקלערונג, צום ביישפיל, פון די נויטיגע היסטארישע פאקטן אדער די אויפקלערונג פון די עקאנאמישע באציאונגען מאכט זיך בעסער אין א סיסטעמאטישער פארמע, האלטן מיר עס פאר פאזיטיוו נויטווענדיג מיטצוטיילן זיי די דאזיגע ידיעות — לייענען פאר זיי „קורסן פון היסטאריע און פאליטישער עקאנאמיע", אויב א צענדליג אזוינע סיסטעמאטישע געשפרעכן קאנען הייסן קורסן — אין וועלכע יעדער פאקט באשטעטיגט א געוויסע סומע געדאנקען און יעדער שלום דינט פאר א געגנשטאנד פון אלגעמיינע שמועסן איבער א געוויסער טעמא.

מיר באהויפטן דעריבער:

„צוגרייטן פאלקס אגיטאטארס איז נויטיג; צוגרייטן זיי אין א משך פון איין וואך צייט איז אוממעגליך, אויב מיר ווילן אונזער ארבעט זאל האבן א קיום; אין א באקאנטשאפט, וואס גע־דויערט עטליכע מאנאט, וועט זיך תמיד געפינען צייט זיי צו געבן א ברייטערע באקאנטשאפט מיט פאקטן, וועלכע וועלן זיי שפעטער זייער צוניץ קומען אין זייער אגיטאציע".

פאלגליך דארף מען פירן אזוינע געשפרעכן און מען דארף זיך זארגן, אז אזוינע אגיטאטארס זאלן באקומען וואס א גרעסערע אנטוויקלונג — פארשטייט זיך, תמיד שטריינג אויסמיידנדיג אנצו־לאדן זייער זכרון מיט אלערליי איבעריגע באלאסטן. געוויס קאן מען אין אזוינע זאכן ניט באשטימען קיינע גרעניצן. מען דארף נאר, אז יעדער טוער זאל קלאר איינזען זיין ציל און זאל ניט אפטרעטן פון אים צוליב זייטיגע מאטיוון.

פון אלץ, וואס איז דא געזאגט געווארן, קאן מען שוין זען, אז דעם הויפט פלאץ אין אונזער פראפאגאנדע גיבן מיר אפ פאר דער פערזענליכער, מינדליכער אגיטאציע און ניט פאר דער שריפטליכער,

אי מחמת די ציִלן, וואָס מיר שטעלן זיך, אי מחמת דעם, וואָס דאָס רוסישע פאָלק קאָן ניט לעזן. מיר לייקענען אָבער דערמיט כּלל ניט אָפּ די נויטווענדיקייט אויך פון דער שריפטליכער פּראָפּאַגאַנדע, און מיר האַלטן זי פאַר נויטיג טאַקע צוליב דיזעלביגע צוועקן.

וועגן דעם כאַראַקטער פון דער שריפטליכער פּראָפּאַגאַנדע אין דער אַזוי־גערופענער ציוויליזירטער סביבה האָבן מיר שוין גע־רעדט אויבן; דאָרט איז אויך באַשטימט געוואָרן אונזערע מעגליכע באַציאונגען צו איר. עס איז אָבער א סך נויטיגער עס זאָלן דער־שיינען און זיך פאַרשפּרייטן צווישן די פּויערים און אַרבעטער אַזוינע ביכער, וואָס זאָלן באַפרידיגן די ציִלן, וואָס מיר האָבן אויבן זיך געשטעלט. אַזאַ סאָרט ביכער האַלטן מיר פאַר פּאָזיטיוו נויט־ווענדיג.

עס זיינען נויטווענדיג אַזוינע ביכער, וואָס זאָלן געבן א מעג־ליכקייט די מענשן, וועלכע קאָנען ניט גרינג אויפהויבן און שטעלן געוויסע פראַגן, כאָטש וויפיל עס איז באַרירן דיזאָזיגע פּראַגן. א בוך, וואָס איז ספּעציעל געשריבן פאַר אָט דעם צוועק גיט א מעגליכקייט אויפצוהויבן אַזוינע פראַגן און אַרויסצורופן אַן אַלגע־מיינע דיסקוסיע. ווייטער זיינען נויטיג אויך אַזוינע ביכער, וואָס זאָלן דעם פאָלקס אַגיטאַטאָר, געבן דעם נויטיגן מאַטעריאַל און די פאַקטן אויף צו קאָנען איבערצייגן זיינע חברים. אַזוינע פאַקטן גיבן די ביכער איבער די געשיכטע פון פאָלק, די ביכער, וואָס דער־קלערן די אופנים פון דער אַנזאַמלונג פון קאַפּיטאַל אין פּריוואַטע הענט, פון דעם פאַרכאַפּן פון די לענדערייען און פון דעם ווי אַזוי די רעגירונג האָט פאַרכאַפּט די רעכט פון פאָלק א. אז. וו. ענדליך דאַרף מען אויך האָבן ביכער, וואָס זאָלן וועקן דעם גייסט פון אומאָפּהיינגיקייט, דאָס באַוואוסטזיין פון דער מאַכט פון פאָלק און דער אומעכטיקייט פון די פּריצים; וואָס זאָלן אויפהאַלטן דעם אחדות־געפיל פון דעם „מיר“ (די קאָמונאַלע געמיינדע), דאָס באַ־וואוסטזיין פון דער אינטערעסן־געמיינשאַפטליכקייט פון די שונאים פון אַלע אָבגעזונדערטע טיילן פון דעם רוסישן פאָלק, פון אַלע באַזונדערע קלאַסן פון פאָלק; און וואָס זאָלן דערקלערן די פאַראַנט־וואָרטליכקייט פון דעם קיסר, די פּריצים, די סוחרים, די ראשי הקהל, די גלחים. מיט איין וואָרט, מען דאַרף האָבן בעלעטריס־

טישע דערציילונגען ווי אן אריינפיר צו די געשפרעכן, מען דארף האבן דערציילונגען וועגן שטארקע פראמינענטע פערזאנען פון דעם פויערשן שטאנד, און מען דארף ענדליך היסטארישע און לעבנס דערציילונגען, וואס זאלן דערקלערן די אומבאהאלפנקייט פון היינטיקן לעבן, וואס זאלן וועקן דאס באוואוסטזיין און דעם גייסט פון די אייגענע כחות, וואס זאלן אויפווייזן די נויטוועגדיקייט, די מעגליכקייט און די מיטלען פון א צוגרייטנדער ארגאניזאציע. דעריבער שטעלן מיר עס ווי אונזער א נוטיגע אויפגאבע צוצוגרייטן און פארשפרייטן אזוינע ביכער. מיר זיינען זיכער, אז יעדערער פון די וואס פארנעמען זיך מיט פראפאגאנדע צווישן די פויערים און ארבעטער, וואס האט טאלאנט און שעפערישקייט, וועט אלעמאל געפינען צייט אנצושרייבן אזוינע ביכער, ניט אפרייסנדיג זיך פון דער פערזענליכער פראפאגאנדע, און מיר וועלן אלעמאל זיין גרייט אפצוגעבן א טייל פון אונזערע כחות אויף צו דרוקן און פארשפרייטן אזוינע ביכער.

עס פארשטייט זיך, אז כמעט אלע אזוינע ביכער דארפן זיין ניט קיין ערלויבטע פון דער צענזור. דאך דארפן מיר אויך האבן צענזורירטע קליינע דערציילונגען, וואס בארירן פארשיידענע זייטן פון געזעלשאפטליכן לעבן, ווארים מיט א ניט־צענזורירטן בוך קאן מען זיך ניט באווייזן צום ערשטן מאל אין א גאנץ אומבאקאנטער גרופע פון ארבעטער און פויערים. מיר וועלן דעריבער תמיד זען ארויסצורופן אזוינע דערציילונגען ביי אונזערע ליטעראטן, אדער אויפזוכן אזעלכע פון די שוין פריער ארויסגעגעבענע, וועלכע אויב זיי זיינען ווייניגסטנס אומשעדליכע, וועלן זיי קאנען ארויסרופן א טעמע פאר א געשפרעך. דאס אלץ, פארשטייט זיך דארף פארנעמן דעם קלענסטן צייט־פארלוסט און מיטלען פאר דעם וועלן זיך געפינען פון זייטיגע קוואלן.

מיר דיינקען אויך, אז עס וואלט געווען זייער ניצליך צו האבן ניט קיין גרויסע צייטשריפט, געשריבן אין א שפראך, וואס זאל זיין צוגייענגליך צו די פויערים און ארבעטער, און וואס זאל ווירקן אין דער דערמאנטער ריכטונג, דערמיט וואס עס וועט אריינברייגען אין איר די עלעמענטן פון צייטליכקייט.

עס בלייבט אונז נאך צום סוף צו באטראכטן איין סארט פרא־

פאַגאַנדע, וואָס מיר וועלן אָנרופן די פּאַקטישע. אהער רעכענען מיר אריין אַלע אזוינע ארבעטן, וועלכע העלפן מיט, ווי מיר אָדער אנדערע דיינקען, צו פארשפּרייטן די אנשויאונגען, וואָס מיר האָבן דאָ דערקלערט, און צו שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע פון א רעוואָלוציאָנערער פאָלקס פּאַרטיי. מיר וועלן דעריבער דאָ באַטראַכטן די אַלע אָרגאַניזאַציעס, דורך וועלכע עס ווערן פּראָפּאַגאַנדירט סאָציאַלע אנשויאונגען, ווי צום ביישפּיל פּראָדוקטיווע און קאָנזום אַרטעלן (אַסאָציאַציעס); די אַלע באַוועגונגען, ווי א שטייגער אָרטיגע אומרוען אין די פאַבריקן אָדער אין די דערפער, וואָס האָבן א פּריוואַטן צוועק און זיינען געווענדעט אנטקעגן וועלכע עס איז אָרטיגע מיסברויכונגען; און לסוף די אָרטיגע פּאָלקס באַוועגונגען, וואָס האָבן א ברייטן סאָציאַלן צוועק.

מיר וועלן אָנהויבן פון די אַרטעלן. נאָך אַלעם דעם וואָס איז געזאָגט געוואָרן אויבן, איז שוין ניטאָ וואָס צו ריידן, אַז ווי א מיטל צו פארבעסערן דעם געזעלשאַפטליכן צושטאַנד האַלטן מיר די אַרטלן פאַר לחלוטין ניט פּאַסיג און ניט צוועקמעסיג. ווי אַן ערציערישן מיטל צוצוגרייטן די סאָציאַלע איבעראַנדערשונג, האַלטן מיר זיי ניט נאָר פאַר אומניצליך, נאָר אפילו פאַר לחלוטין שעדליך. יעדע צייטווייליגע פאַרבעסערונג פון דער מאַטעריעלער לאַגע פון א קליינער גרופּע מענשן אין דער היינטיגער מערדערישער געזעלשאַפט רופט אומפאַרמיידליך ארויס אין זיי א פארשטאַרקונג פון זייער קאָנסערוואַטיוון גייסט. זייער גאַנצע ווייטערדיגע טעטיקייט איז אָנגעווענדעט נאָר דארויף צו פארהיטן און איינהאַלטן דידאָזיגע פּריווילעגירטע לאַגע זייערע, און צוליב דעם גופא מוזן זיי, ווי זיי וואָלטן געטריבן געוואָרן פון זייער גורל, פארלירן יעדן אימפּולס און טיילווייז אויך די פּאַקטישע מעגליכקייט אויסצושפּרייטן דידאָזיגע פאַרבעסערונג אויף די איבעריגע ארבעטער. ארייינגעטאָן אינגאַנצן אין די געשעפטן פון זייער אַרטעל, גיבן זיי קודם כל אָפּ זייער צייט צו דידאָזיגע געשעפטן און ווערן אַלץ ווייניגער פּייאיג צו געברויכן זייער צייט אויף דער אַקטיווער סאָציאַלער פּראָפּאַגאַנדע. דערנאָך פארלירן זיי ביסלאַכווייז אירגענד וועלכן פאַרלאַנג זיך אָפּצוגעבן מיט דערדאָזיגער ארבעט; די פּאַבעסערטע לאַגע אנטוויקלט בלויז די שטרעבונג איינצוהאַלטן

דידאָזיגע פארבעסערונג, צו פארהיטן זי פון די צופעליקייטן פון א וועלכער עס איז באוועגונג, פון דעם אריינמישן זיך פון דער פּאָליציי, א. אז. וו.; עס אנטוויקלט אויך א האָפערדיקייט און א גאווה'דיגע באציאונג צו זייערע ווייניגער גליקליכע חברים; דאָס, וואָס איז מערסטנטיילס א רעזולטאט פון גליקליכע צופאלן, ווערט פאררעכנט ווי א פאָלגע פון זייער פּערזענליכער ענערגיע, א. אז. וו. מיט איין וואָרט, מיר זיינען איבערצייגט, אז יעדער וויפיל עס איז ערפּאָלגרייכער ארטעל איז דער בעסטער מיטל אריינצוציען די קליגערע ארבעטער אין א האלב-בורזשואזער לאגע, און אָפט אָפּנע־מען גוטע כחות פון דער רעוואָלוציאָנערער אגיטאַציע. מיר האלטן דעריבער ניט דעם ארטעל פאר א מיטל פון סאָציאלער פּראָפּא־גאנדע.

דאָס זיינען די נאטירליכסטע אלגעמיינע שלוסן, אָבער יעדע־רער פון זיי קאָן ווערן פארשטארקט און באוויזן דורך צענדליגע ראיות, וואָס זיינען גענומען פון דער ערפארונג פון לעבן. די גאנצע מערב־אייראָפּייאישע און טיילווייז אויך די רוסישע פּראַק־טיק שטעלט צו דערפאר א רייכן מאטעריאל. עס פארשטייט זיך, אז מיר שרייבן צו פונקט אזוי ווייניג דעצידירישע באדייטונג צו די קאָנזום־אסאָציאציעס. יענע דייטשע אגיטאטאָרס, וועלכע ווערן ענטציקט פון די רעזולטאטן פון די ביליגע פרייזן אין א וועלכער עס איז געזעלשאפטליכער קיך, און גיבן צו א דעצידירישע באדיי־טונג צו דער אלגעמיינער פירונג פון קיך־געשעפטן, וואלטן זיך גע־קאָנט איבערציינן טאקע דאָ אין רוסלאנד, וואו יעדער ארטעל פון אומפארהייראטע פאבריק־ארבעטער שטעלט מיט זיך פאר אזא קאָנ־זום־פאראיין, ווי פשוט און לייכט־באגרייפליך דערדאָזיגער פרינציפּ איז גאָר אָהן שום פּראָפּאגאנדע און ווי לייכט ער לאָזט זיך פאר־ווירקליכן אין דער פּראקטיק, ווען ער באגעגנט נאָר ניט וועלכע עס איז אויסערליכע אָדער היסטאָרישע שטערונגען. זיי וואָלטן זיך אויך איבערצייגט ווי לאנגזאם זייער אויסגעקליבענער וועג איז, אויב זיי האלטן די אינסטיטוציע פון קאָנזום־פאראיינען פאר א שטאפּל צו דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט.

דאָס אייגענע האלטן מיר אויך וועגן די קאסעס פאר געגנזיי־טיגער הילף, געגנזייטיגער שטיצע א. ד. ג. אויף זיי אלעמען קאָנען

אַנגעווענדט ווערן די פריערדיגע ארגומענטן, און זיי קאָנען באשטע־טיגט ווערן פון נאָך א גרעסערע צאָל פאקטן, וואָס באווייזן אי זייער שוואכקייט, אי זייער שעדליכע ווירקונג. מיר האלטן די פערזענליכע הילף, צונויפקלייבנדיג צווישן זיך, אין יעדן נויטפאל, ווען עס קומט אוים צו העלפן א חבר, אפילו פאר מער מאָראליש, איידער א קאסע, וואָס ווערט מיט דער צייט עפּעס א מין איינצאָל פאר אָרימע. דעריבער וועלן מיר קיינמאָל ניט פּראָפּאגאנדירן אזוי־נע קאסעס און זיינען גרייט אָפּצו־ווענדן פון זיי אונזערע פריינט.

דערפאר אָבער האלטן מיר פאר ניצליך אלערליי קאסעס פאר סאָציאלער פּראָפּאגאנדע, ד. ה. אויף איינצושאַפן ביכער, וועלכע העלפן צו דערוועקן די קריטיק פון דעם איצטיגן צושטאַנד און דעם באוואוסטזיין פון דער אייגענער קראפט; אויף צו שטיצן די אגיטאַטאָרס, וואָס ווארפן די אַרבעט און קלייבן זיך איבער אין אנדערע ערטער פאר די צוועקן פון פּראָפּאגאנדע; אויף אויפצו־האלטן קווארטירן א. ד. ג., הגם מיר וויסן גאנץ גוט די שוואכקייט פון אזעלכע קאסעס (אחוץ פון אויסנעמליכע, וויכטיגע ארבעטער), און דעריבער וועלן מיר ניט איבערטרייבן זייער וויכטיקייט. עס פארשטייט זיך, אז אזוינע קאסעס וועלן אמבעסטן איינגעפירט ווערן אין דעם ערד אויף וויפיל עס וועלן זיך אנטוויקלען די פאָדע־רונגען פון דער פּראָפּאגאנדע און דער אָרגאניזאציע.

צווישן אַט אזוינע דערציערישע מיטלען רעכענען מיר אויך אלס פּאָזיטיוו ניצליך דאָס צוזאמענלעבן פון די ארבעטער אויף קאָמוניסטישע יסודות, ד. ה. אויף געמיינשאפטליכן אייגענטום פון דעם גאנצן פארדינסט. אָבער מיר וויסן גאנץ גוט די גרויסע שוועריקייטן, וואָס זיינען פארבונדן מיט יעדער איינריכטונג פון דעם סאָרט, צוליב דער אוממעגליכקייט אויסצוארבעטן אין דער היינטיגער געזעלשאפט א קאָמוניסטישן גייסט, און טיילווייז אויך צוליב לאָקאלע אומשטענדן (דאָס אָפּשיקן די פארדינסטן אין דאָרף א. ד. ג.). מיר דיינקען דעריבער, אז רעקאָמענדירן דעמדאָזיגן מיטל דאָרף מען יאָ, ווי אן אויסגעצייכנטן דערציערישן מיטל פאר אגיטאַטאָרס; אָבער אויספירן אים אין דער ווירקליכקייט וועט ערשט זיין מעגליך אין א באגרעניצטער מאָס, מיט געקליבענע מענשן, און מערסטנטיילס בלויז ווען מיט די ארבעטער זאָל וואוי־

נען צוזאַמען ווער עס איז פון דער אינטעליגענטער יוגנט, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין דעמדאָזיגן קאָמוניסטישן גייסט. יעדנפאַלס, אויב עס איז מעגליך, לויט דעם כאַראַקטער פון די חברים, איינצואָרדענען אַזאַ צוזאַמענלעבן, דאַרף מען דאָס, לויט אונזער מיינונג, ניט פאַרנאַכלעסיגן.

וואָס איז שייך די אַלערליי אַרטיגע אומרועןֹ, וואָס קומען פאָר צוליב אַ באַשטימטן צוועק, ווי צום ביישפּיל אַ דעמאָנסטראַציע אַנטקעגן דעם מייסטער אָדער פאַרוואַלטער פון אַ פאַבריק, אַ דעמאָנסטראַציע אַנטקעגן אַ וועלכער עס איז אונטערדריקערישער פאַראָרדנונג, אַז אומרו אין דאַרף מיטן צוועק פּטור צו ווערן פון דעם סטאַרשינאַ, דעם שרייבער אָדער דעם פאַרמיטלער (פּאָסרעדניק), אַ. ד. ג. — קוקן מיר אויף זיי ווי אויף אַ דערציערישן מיטל פון דער מאַסע און ווי אויף אַ מיטל פאַר די פאָלקס אַגיטאַטאָרס זיך נעהענטער צו באַקענען מיט די מענשן, אויסגעפינען די חשוב׳ערע פּערזענליכקייטן, און ענדליך, כדי דידאָזיגע פּערזענליכקייטן זאָלן קריגן דאָרטן אַן איינפלוס, און טיילווייז זיך אַליין דערציען אין דעם גייסט פון אַ מער אָדער ווייניגער ריזיקאַלישן פּראָטעסט. אָט די באַדייטונג פון די באַזונדערע באַוועגונגען קאָן מען, פאַרשטייט זיך, ניט אָפּלייקענען; און אַזוי ווי זיי קומען אַלעמאָל פאָר אומאָפּהייניגיק פון דעם ווילן פון איינצעלנע מענשן, בלייבט פאַר דעם אַגיטאַטאָר נאָר צו באַנוצן זיך מיט זיי, כדי נעהענטער צו דערקענען די מענשן. דערצו קאָן מען ניט אָפּלייקענען, אַז אַזעלכע אומרוהען, אויב זיי זיינען ניט גרויזאַם אונטערדריקט געוואָרן, פאַרשטאַרקן אַלעמאָל דעם גייסט פון אומצופרידנהייט און אויפרעגונג צווישן די מאַסן. אָבער, צוגעבנדיק דידאָזיגע ניצליכקייט, דאַרפן מיר, פאַרשטייט זיך, באַשליסן די פראַגע, צי זאָלן מיר אין די אינטערעסן פון דער אָרגאַניזאַציע זוכן אויפצומונטערן און שטיצן אַזוינע אומרוהען? מיר מיינען, אַז קיין אַלגעמיינעם ענטפער אויף דער פראַגע קאָן מען ניט געבן. מען דאַרף נאָר אין יעדן געגעבענעם פאַל האָבן אין אויג אויף וויפיל אַזאַ אויפרודער קאָן מיטווירקן אָדער פאַרקערט פאַרקלענערן דעם ערפאָלג פון דער אָרגאַניזאַציע און דער פּראָפּאַגאַנדע. אויב מען קאָן פאָראויסזען, אַז אַזאַ אויפרוהר, געבענדיג די מעגליכקייט צו דערקענען נעהענטער די

מענשן, וועט ניט פירן דערצו, אַז די אַגיטאַטאָרס זאָלן מוזן פאַר־לאָזן די פּלעצער, וואו זיי האָבן זיך שוין איינגעלעבט און דער־וואָרבן אַ געוויסן צוטרויען; און דערצו, אויב דאָס וועט געבן דער מאַסע די מעגליכקייט צו דערפילן די קראַפט פון אַ פאַראייניגטן פּראָטעסט, דאַן, פאַרשטייט זיך, דאַרף מען שטיצן און אַרויסרופן אַזאַ אויפרוהר. אויב אָבער מען קאָן פאָראויסזען, אַז אפילו דער־גרייכנדיק דעם געוויסן ציל, וועט אָבער דער אויפרוהר מיטברייגען, אַז די אַגיטאַטאָרס זאָלן מוזן פאַרלאָזן די פּלעצער, וואו עס וואָלט כדאי געווען זיי זאָלן בלייבן, דאַן איז בעסער, מען זאָל אויס־מיידן אַזאַ אויפרוהר. די טעטיגע פּערזענליכקייטן דאַרף מען טייער האַלטן און ניט ריזיקירן מיט זיי צוליב פּוסטע זאַכן אָדער צוליב רעזולטאַטן, מיט וועלכע קיינער וועט ניט זיין צו באַנוצן זיך.

דערביי מוז מען געדיינקען, אַז אַלע רעגירונגען פון מערב־איירָאָפּאַ, און אונזערע אויך, וועלן גלייך אָננעמען דעמזעלביגן פּראָגראַם, תמיד זוכן אפילו אַרויסצורופן אַזוינע אָרטיגע אויפרורן, כדי צו פאַרכאַפּן די בעסטע מענשן, אַרויסרייסן זיי פון די ערטער, אָדער דערשיסן זיי און אָנוואַרפן אַ מורא אויף דער באַפעלקערונג. דעריבער זיינען אַלע אַזוינע באַוועגונגען אַ צווייזייטיגער שווערד. פון איין זייט ווערן אויפגעקלערט די באַציאונגען פון דער רעגירונג צום פאָלק; פון דער אַנדער זייט פאַלן זיי צו־שווער אויף די כחות פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי און אויף די בעסטע מענשן פון דעם געוויסן ראַיאָן. לסוף איז פאַראַן נאָך אַן אויסרעכענונג, וואָס איז אָנגב שייך נאָר בנוגע צו מענשן פון דער אַזוי־גערופענער ציווי־ליזירטער סביבה. נעמליך דאָס, וואָס אין אַ סך אויפרורן וועלן זיי אויף קיין פאַל ניט ליידן דיזעלביגע פאָלגן, וואָס אַזאַ אויפרור וועט ברייגען אויף די פּויערים און שטאָטישע אַרבעטער. ווי שווער מאָראַליש עס זאָל ניט זיין די שטראָף, וואָס עס פאַלט אויף אַזוינע פעלע אויף דעם מענשן פון דער אינטעליגענציע, איז זי דאָך מאַטעריעל (און בכן אין די אויגן פון פאָלק) אומפאַרגלייכליך גרינגער איידער די שטראָף, וואָס עס פאַלט אויס אויף די איבע־ריגע. עס איז אָבער קלאָר, אַז אָט דער אומשטאַנד_שאַדט פאַר דער צוקונפט דער אַגיטאַציע פון דעם אינטעליגענט אין דעם געוויסן געגנט אפילו פון אַן אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט. דערצו, אין יעדער

נייער אויפגאַבע ווערט יעדער מיטל, וואָס פירט ניט דירעקט צום ציל, גאַנץ ליידנט א ציל פאַר זיך: דעריבער רעכענען מיר, אַז עס איז נויטיג אין יעדער ענליכער אויפגאַבע צושטעלן אַ פּונקט ביים פאַסן אַ באַשלוס, ווי צו פאַרהאַלטן זיך צו אַ געוויסער אויפרעגונג בנוגע אַן איינצעלנער פראַגע. ניט ווייניגער וויכטיג איז אויך דאָס, וואָס יעדע אַגיטאַציע פון דעם סאָרט ציט אָפּ די אויפמערקזאַמ־קייט און פאַרנעמט די צייט פון אַ מער וויכטיגער אַגיטאַציע.

עס קאָן אָבער זיין אויך אַזאַ אויסרעכענונג. יעדע אַגיטאַציע, וואָס ווערט ניט אונטערשטיצט דורך מעשים, הערט באַלד אויף אַרויסצורופן מוט ביי טעטיגע מענשן. אַקטיווע מענשן קאָנען שוין ניט אַזוי רואיג פאַרטראָגן די אומגערעכטיקייטן וואָס ווערן באַגאַנ־גען אַרום זיי, און זיי רייסן זיך אומפאַרמיידליך אַרויסצוטרעטן אין קאַמף אַנטקעגן דיזאָזיגע אומגערעכטיקייטן, אין וועלכע פאַר־מען זיי זאָלן זיך ניט אַרויסווייזן. זוכן אָפּצוהאַלטן זיך פון אַ פּראָטעסט, ווען ער באַט זיך עקשנות'דיג אַליין אָן, מיינט אַנט־וויקלען גלייכגילטיקייט צו אַלץ וואָס קומט פאָר אַרום אונז, און אַפילו אַ סאָרט יעזואיטיזם. מיר דיינקען אָבער, אַז אַזאַ אַרגו־מענט וואָלט געווען ניט ריכטיג. קודם כל וואָלט געווען זייער גע־וואונשן, אַז די אַגיטאַטאָרם זאָלן קוקן אויף דער פּראָפּאַגאַנדע און אָרגאַניזאַציע טאַקע ווי אויף אַן אויפגאַבע אַליין, און זאָלן ניט האַלטן פאַר אַ מער ערנסטע אויפגאַבע דעם קאַמף מיט אַ סטאַר־שינא אין דאָרף אָדער מיט אַ מייסטער אין פאַבריק. און יעדער מענש, וואָס קוקט אויף יעדן פאַרגעקומענעם פאַקט טאַקע פון דעם שטאַנדפּונקט פון פּראָפּאַגאַנדע און אָרגאַניזאַציע, וועט אַלעמאָל קאָנען זיך באַנוצן מיט אים, כדי אויפצוקלערן אים צו די אַרומיגע ווי איין פּרט פון אַ גאַנצער סיסטעם, און אַריבערטראָגן דעם ליידנ־שאַפטליכן צאָרן, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעבערענט דורך דעם איינצעל פאַל, אויף דעם אַלגעמיינעם שונא. ווידער דאַרף מען געדיינקען, אַז יעדער טעטיגער און עמפּינדליכער מענש איז גענוג גענייגט אויסצודריקן אַ פּראָטעסט אַנטקעגן יעדן איינצעלנעם אומ־רעכט, אַפילו אַן אַ זייטיגער אויפרייצונג, און עס קומט גיכער אויס איינצוהאַלטן אין אַזוינע מענשן דעם אויסברוך פון אַ ליידנשאַפט־ליכן פּראָטעסט אַנטקעגן אַ פּריוואַטן פאַל, אַנווייזנדיג זיי די מעג־

ליכקייט צו באַנוצן זיך דערמיט פאַר א פאַלקס אָרגאַניזאַציע, איידער פאַנאַנדערצובלאָזן דעם פייער פון דערדאָזיגער ליידנשאַפט אנטקעגן דעם ספּעציעלן פאַל. וואָס איז שייך דעם פּונקט, אַז אויב דער פּראָטעסט איז שוין פאַרגעקומען — ווי קלאָר עס זאָל ניט זיין, אַז ער וועט צו גאָרנישט ניט פירן, און וואָס עס זאָל ניט האָבן געזאָגט געוואָרן אנטקעגן אים פריער בעת מען האָט אים באַטראַכט — דאַרף דער אַגיטאַטאָר זיין דער ערשטער צו נעמען אויף זיך די ריזיקע: וועגן דעם אלף־בית אמת איז ניטאָ וואָס צו ריידן.

אַלץ וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרן, קאָן אויך אינגאַנצן אָנגע־ווענדט ווערן אויף דער פראַגע וועגן סטרייקס. אַזויפיל איז שוין וועגן זיי געשריבן און גערעדט געוואָרן, אַז מען קאָן זיך באַנוגענען מיט בלויז אַלגעמיינע שלוסן.

קודם כל איז קלאָר, אַז די לאַגע פון די ארבעטער קאָן ניט ממשות'דיג פאַרבעסערט ווערן דורך קיינע סטרייקס, ווי דורך קיין שום פּאָליאַטיוון מיטל. די קליינינקע פאַרבעסערונג, וואָס ווערט אַלעמאָל דערגרייכט דורך א סטרייק — סיי אין פּרט פון ווייניגער ארבעט־שטונדן, סיי פון א גרעסערן ארבעט־לוין — איז אַלעמאָל נאָר א צייטווייליגע און ווערט באַלד אָפּגעשאַפט. ווייטער קאָן מען ברענגען דעם פאַקט, אַז דער סטרייק איז אין מערב־אייראָפּאַ אַלע־מאָל געווען דער איינציגער מיטל אויפצוהויבן וויפיל ניט איז דעם ארבעט־לוין, ווען עס איז געוואָרן אבסאָלוט אוממעגליך צו עקזיסטירן אויף אים, צוליב דעם פאַרגרעסערטן יקרות אויף לע־בענס מיטל. דעריבער איז אין מערב־אייראָפּאַ דער סטרייק גע־וואָרן א וואָכעדיגער געווער פון קאַמף צווישן די ארבעטער און קאַפּיטאַל אויפן אינדוסטריעלן, ווי אויפן אגריקולטורעלן געביט. די אָרגאַניזירונג פון דעם סטרייק איז א לאַנגע צייט אפילו געווען דער איינציגער צוועק, וואָס א סך ארבעטער־פאַראיינען און א סך אגיטאַטאָרס האָבן זיך געשטעלט און שטעלן זיך נאָך איצטער. ביי אונז איז דער סטרייק א סך א זעלטענערע דערשיינונג, צוליב זייער פיל אורזאַכן, וועגן וועלכע דאָ איז ניט דער פּלאַץ צו ריידן. אויב אַזוי, דאַרף מען דען פּראָפּאַגאַנדירן ביי אונז דעם סטרייק פּונקט אַזוי ווי מען האָט אים די לעצטע 20־30 יאָר פּראָפּאַגאַנ־

דירט אין מערב־איירָאפּאַ? צי וואָלטן מיר ניט געקאָנט גרייכן דורך אים דיזעלביגע רעזולטאַטן, וואָס די מערב־איירָאפּייאישע ארבעטער האָבן דורך אים דערגרייכט, און וועלכע האָבן בלי ספק געהאָלפן אין געוויסע באַציאונגען דער סאָציאַלער פּראָפּאַגאַנדע? פאַרגלייכן אין דעם פּרט אונזער לאַגע מיט דער מערב־איירָאפּייאישער לאַגע וואָלט געווען זייער ניט ריכטיג. אין מערב־איירָאפּאַ זיינען סטרייקס אַ מעשה ניט פון די לעצטע יאָרן און אַפילו ניט פון לעצטן יאָרהונדערט. אין ענגלאַנד, דאָס לאַנד וואו דורכ'ן סטרייק איז טאַקע דערגרייכט געוואָרן דער גרעסטער ארבעט־לוין און די קלענסטע ארבעט־שטונדן, האָבן זיך די סטרייקס אָנגעהויבן און זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פון דעם 13טן יאָרהונדערט אָן. די ארבעטער־פאַראיינען, די יוניאָנס, זיינען אַ דאַנק די סטרייקס שוין אין לעצטן יאָרהונדערט (דעם 18טן) געווען אַזוי פאַרשפּרייט און אַזוי שטאַרק, אַז עס וואָלט געדויערט צענדליגע יאָרן, ווען מען וואָלט זיי איצטער געדאַרפט אַנטוויקלען פון דאָס ניי. דערפאַר טאַקע האָט ענגלאַנד געקאָנט זיין דאָס ערשטע לאַנד, וואָס האָט געגעבן די ארבעטער אַ העכערן לוין און קירצערע ארבעט־שטונדן, און דידאָזיגע פאַרבעסערונג מערקט זיך, זינט דעם לעצטן יאָרהונדערט, אומעטום, הגם אין אַ קלענערן ערד איידער אין ענגלאַנד. דער כח אָנצופירן סטרייקס קאָן ניט עראָבערט ווערן אויף שנעל— אויף דעם מוז מען האָבן לאַנגע יאָרן פון סטרייקס, וואָס ווערן ניט געשטערט פון דער רעגירונג, לאַנגע יאָרן פון ערציאונג.

איצטער דרינגען אריין ביי די ארבעטער נייע אידעאַלן, נייע צילן, נייע שטרעבונגען. עס ווערט שוין איצט די אויפגאַבע פון דער ארבעטער־פראַגע ניט די פּערזענליכע פאַרבעסערונג פון לעבן, נאָר די פראַגע וועגן איבערגעבן די מיטלען פון דער ארבעט פאַרן געברויך פון די ארבעטער גופא. אין דערזעלביגער פאָרם קומט ארויף די פראַגע אויך ביי אונז. פאָלגליך איז די פראַגע וועגן אַן אָרגאַניזאַציע פאַר סטרייקס שוין געוואָרן גאָר אַנאַנדער פראַגע: צי דאַרפן מיר איצט, ווען די אויפגאַבע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן ברייט, זיך מאַטערן צו באַשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס אין מערב־איירָאפּאַ איז באַשאַפן געוואָרן בעת די אויפגאַבע איז געווען צו פאַרבעסערן דאָס לעבן, ניט וועגן אַ גרינטליכן איבערבוי? דער

ענטפער איז אומפארמיידליך און קלאָר: ניין! צי דען קאָן עס האָבן א נוצן צו קעמפן אנטקעגן דער צרה אין איר איינצעל פאָרם, ווען מען האָט שוין אנדערקענט די אלגעמיינע אורזאַך פון דער צרה? צי האָבן מיר דען א רעכט צו פארבאהאלטן דידאָזיגע אלגעמיינע אורזאַך? ווייבאלד אז די אלגעמיינע אורזאַך פון דער צרה איז שוין באוואוסט; ווייבאלד עס האָט זיך שוין באוויזן א האָפענונג און א גלויבן אין דער מעגליכקייט אויסצו־וואָרצלען די צרה — צי קאָנען מיר און די ארבעטער ארייינטראָגן אין דער פּראָפּאגאנדע פון אן אָרגאניזאציע פאר סטרייקס יענעם גלויבן, וואָס עס האָבן ארייינגע־טראָגן אין דערדאָזיגער פּראָפּאגאנדע יענע, וועלכע האָבן געזען אין דעם סטרייק דאָס איינציג מעגליכע געווער אין קאמף מיטן קאַ־פּיטאל? עס איז פאָלגליך קלאָר, אז אין רוסלאנד, וואו די ארבע־טער־באוועגונג פאנגט זיך ערשט איצטער אָן, קאָן ניט ווערן באַ־שאפן יענע שטאַרקע אָרגאניזאציע פאר סטרייקס, וועלכע עקזיס־טירט אין א סך ערטער פון מערב־אייראָפּא. עס איז קלאָר, אז אויב די ארבעטער־באוועגונג וועט ניט פארלירן איר גלויבן אין דער פארווירקליכונג פון דעם ענדליכן ציל, וועט זי זיך ניט נעמען פאר׳ן סטרייק מיט דערזעלביגער ענערגיע, וואָס עס איז אָפּגעגעבן געוואָרן פאַב אים ביז דער גאָר לעצטער צייט אין מערב־אייראָפּא.

אָבער אויב דער סטרייק קאן שוין ניט זיין פאר אונז קיין ציל פאר זיך אליין, צי קאָן ער אפשר ניט זיין א ניצליכער מיטל צו דעם אָנגעמערקטן ציל? אזוי ווי ער גיט א רעאלן, אלעמען פאר־שטענדליכן אימפּולס צו אָרגאניזירן זיך, צי קאָן ניט דער סטרייק ברייגנען די נוצן, וואָס ער וועט ארייינציען אין דער אָרגאניזאציע אזעלכע, וואָס וואָלטן אָהן דעמדאָזיגן אימפּולס ניט ארייינגעטראָטן אין איר? צי קאָן ער ניט דינען ווי א גוטער צופאל פאר דער סאָ־ציאלער פּראָפּאגאנדע? אָבער דאָ קומען מיר ממילא ווידער ארויף אויף דערזעלביגער פראגע: אויף וויפיל איז ניצליך, כדי צו דער־גרייכן דעם באַשטימטן ציל, אוועקצושטעלן צוערשט א וועלכן עס איז צווייטגראדיגן, אינדירעקטן ציל; אָדער מיט אנדערע ווערטער, אויף וויפיל איז ניצליך צוציען צו דער אָרגאניזאציע, וועלכע האָט אין אויסזיכט א סאָציאלע איבערקערעניש, אזוינע מענשן, וואָס זיינען נאָך ניט איינשטימיג מיט דער נויטווענדיקייט פון אזא

ענדערונגג? וועגן דעם ענטפער אויף דער פראגע אין אַט דער פאָרם קאָן קיין ספק ניט זיין: געוויס איז עס ניט ניצליך, וואָרים די מענשן וועלן בלויז שטערן דער אָרגאַניזאַציע און אירע צילן; הייסט עס, אַז אויף זיי מוז מען ווירקן אויף אַנאַנדער אופן. בכלל האַלטן מיר ניט נאָר, אַז עס איז ניט אויפריכטיג, נאָר אַז עס איז לגמרי ניט פּראַקטיש אַריינצוציען מענשן פאַר איין צוועק און פאַרשטעלן זיי אַנאַנדער צוועק. וואָס איז שייך דעם פּונקט, אַז דער סטרייק קאָן דינען פאַר אַ גוטן מיטל פאַר דער סאָציאַלער פּראָפּאַגאַנדע, דאַרף מען אויף דעם באַמערקן, אַז פאַר דער קריטיק פון געזעלשאַפטליכן לעבן איז תמיד דאָ אַ געלעגנהייט, און דער סטרייק איז ניט די בעסטע געלעגנהייט. און אויף צו דערוועקן דעם באַוואוסטזיין פון דער אייגענער קראַפט איז דער סטרייק אַ גוטער מיטל נאָר דעמאָלט, ווען ער ענדיגט זיך מיט אַ זיג. ריידנ־דיג וועגן דער פאָרם פון קאַמף, וואָס האָט דערגרייכט די העכסטע אַנטוויקלונג אין מערב אייראָפּאַ, ווילן מיר דאָ טאַקע זיך באַציען אויף דעם ביישפּיל פון דאָרטן. אַלע וואָס האָבן דאָרטן צו טאָן מיט סטרייקס באַהויפּטן דאָסזעלביגע. אָבער דער סטרייק איז ער־פאָלגרייך נאָר דעמאָלט, ווען די אַרבעטער האָבן אַפריער אָנגעגרייט אַ שטאַרקע קאַסע (ווען מען זאָל שוין ניט ריידן וועגן דעם אַריינ־מישן זיך פון דער רעגירונג, און אָננעמענדיג אַפילו, אַז זי עקזיס־טירט גאָרניט), ווען זיי באַקומען באַלדיגע שטיצע פון אַנדערע קאַסעס, און דערגלייכן. מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, פאַרוואָס מיר דיינקען, אַז אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע פאַר סטרייקס קאָן מען איצט ניט שאַפן. וואָס איז שייך דעם באַוואוסטזיין (דער סאָלי־דאַריטעט) פון אייניקייט און געמיינשאַפטליכקייט, וואָס וואַקסט אַרויס פון דער ערבות איינע פאַר די אַנדערע אין דער צייט פון סטרייקס, דיינקען מיר, אַז דערזעלביגער באַוואוסטזיין אין דער־זעלביקער מאָס ווערט דערגרייכט דורך די שטענדיגע באַציאונגען פון די פאַראיינען, וואָס זיינען נויטיג ביי יעטווידער אָרגאַניזאַ־ציע - באַציאונגען, וואָס זיינען אויף אַזויפיל לעבעדיגער און איינגער, וואָס מער איינאַרטיג עס איז דער צונויפשטעל פון די מיטגלידער פון פאַראיין. אַ ברייטע אָרגאַניזאַציע, ווידער, פאַר דעם צוועק פון סטרייקס העלפט גאָרניט דערדאָזיגער סאָלידאַריטעט,

נאָר שאַרעט איר גיכער, וואָרים זי טראָגט אַריין אַ גרויסע פאַרשיידנאַרטיקייט פון דער אַגיטאַטאָרישער צוגעגרייטקייט אין דעם צונויפשטעל פון די פאַראיינען, וואָס זיינען נויטיג פאַר דעמדאָזיגן צוועק. אָט דערפאַר דיינקען מיר, אַז אַ ברייטע אָרגאַניזאַציע פאַר סטרייקס וואָלט דאָ ביי אונז ניט געווען קיין צוועקמעסיגער מיטל אויף צו דערגרייכן אונזערע צילן.

עס בלייבט נאָך דער ערציערישער עלעמענט פון אַ סטרייק, וועגן וועלכן עס איז גאָר קיין ספק ניטאָ אין אַ סך פרטים. יעדער סטרייק לערנט אויס צו פירן אַ זאַך געמיינשאַפטליך און פאַנאַנדערצוטיילן די פליכטן; עס רוקט אַרויס אין פראָנט די מער טאַלענטירטע און איבערגעגעבענע מענשן, און עס מאַכט אַז די זייטיגע מענשן זאָלן דערקענען דידאָזיגע מענשן און פאַרשטאַרקן זייער איינפלוס. דעריבער רעכענען מיר, אַז אויב עס וואָלט געווען כחות, וואָלט מען ניט גדאַרפט דורכלאָזן קיין איין סטרייק, אוואו די פאָלקס־טוער זאָלן ניט נעמען אין אים אויף ווי ווייט מעגליך אַ טעטיגן אנטייל. אָבער צוליב דעם נעמען בכיוון און אַרויסרופן סטרייקס מיט די אַלע שרעקליכע פאָלגן פאַר די אַרבעטער אין דעם פאַל, ווען דער סטרייק גיט זיך ניט איין (גויט, הונגער, אוועקפאַטערן די לעצטע אָפגעשפאָרטע גראָשנס) — דאָס האַלטן מיר, קאָן מען אַבסאָלוט ניט טאָן.

לסוף קומען מיר צו דעם לעצטן סאָרט פאַלן פון פאַקטישער פראָפאַגאַנדע. דאָס זיינען די אָרטיגע באַוועגונגען מיט אַ באַשטימטן אַלגעמיין סאָציאַליסטישן ציל. אָנגענומען, עס איז דאָ אַ גרונט צו דיינקען, אַז אין אַ וועלכער עס איז גובערניע וואָלט געקאָנט אַנטשטיין אַן אויפשטאַנד מיט דעם קלאָרן ציל אָפצונעמען אַלע לענדערייען, פאַבריקן, הייזער און קאַפּיטאַלן אין געמיינשאַפטליכן באַזיץ און זיך איינאָרדענען אויף אַן אייגענעם אופן. אין דערזעלביגער צייט זעט זיך אָבער אַרויס, אַז דידאָזיגע באַוועגונג וועט ניט ווערן געשטיצט און זי וועט אונטערדריקט ווערן דורך דער מיליטער. דאַרף מען זיך סטאַרען אַרויסרופן דידאָזיגע באַוועגונג, דאַרף מען אונטערשטיצן מאָראַליש און פיזיש די וואָס קלייבן זיך אָנהויבן די באַוועגונג, אָדער פאַרקערט, מען דאַרף אָנווענדן אַלע כחות (אַריבערשיקן למשל אין יענער גובערניע אַלע

פאַראַנענע קרעפטן) כדי אָפּצוהאַלטן זיי דערפון ? עס איז קלאָר, אַז דאָ קאָנען פאַרקומען אַ סך אויסרעכענונגען. ס'איז מעגליך, אַז אַזאַ באַוועגונג, וואָס פאַנגט זיך אָן מיט אַזוינע צילן, קאָן אויך פירן צו דעם רעזולטאַט, וואָס זי וועט אויפהויבן די דערבייאיגע געגנטן; קיין איינער קאָן ניט ערב זיין פאַר דעם אויסגאַנג פון אַזאַ באַוועגונג, דערהויפּט ווען עס זיינען אומעטום פאַראַנען אייניגע אומצופרידענע עלעמענטן, אפילו ווען עס זיינען, דאַכט זיך, באַ־קאַנט אַלע באַשטימענדע אומשטענדן. די געשיכטע איז פול מיט אַזעלכע אומדערוואַרטעטע פאַלן, וועלכע קיינער פון די בעסטע און פאַרשטענדיגסטע צייט־גענאָסן האָט אינגאַנצן ניט פאָראויס־געזען. דעריבער וואָלטן מיר קיינמאָל ניט גענומען אויף זיך צו באַשליסן די פראַגע וועגן דעם מעגליכן אויסגאַנג פון דער זאַך, סיידן נאָכדעם ווי מיר וואָלטן זיך באַקענט מיט די אָרטיגע באַדינ־גונגען פון דעם געגעבענעם פאַל און זיך מיישב געווען וועגן דעם מיט דעם גאַנצן צוזאַמענפאַר פון די פאָלקס־טוער. מיר ווייזן נאָר אָן אויף אַט דער פראַגע איצטער דערפאַר, ווייל דורכדעם קאָן באַשטימט ווערן דער פּלאַן פון דער טעטיקייט פון דער גאַנצער פּאַרטיי. אויב עס וואָלט באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַזאַ אָרטיגע באַ־וועגונג איז ווינשענסווערט, וואָלט מען געקאָנט, נאָכדעם ווי מען האָט אויסגעקליבן דעם פּלאַץ, אַריבערשיקן אַהין אַלע פאַראַנענע כחות, אַנשטאָט זיי פאַנאַנדערצו־וואַרפן איבער גאַנץ רוסלאַנד. מיר ווילן דעריבער אַרויסזאָגן בלויז אייניגע מיינונגען, וואָס זאָלן מאָטיווירן פאַרוואָס מען וואָלט געדאַרפט אָוועקשטעלן דידאָזיגע פראַגע, אַזוי באַלד ווי די באַקאַנטשאַפט פון די אָרטיגע באַדינגונגען פון די פאַרשיידענע טיילן פון רוסלאַנד וועט דערמעגליכן צו ריידן וועגן דעם.

וואָס עס מיינט אַן אונטערדריקטע אָרטיגע, און דערצו נאָך אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג, איז שוין צו־גוט באַקאַנט; וואָסערע ווילדקייטן עס ווערן אָפּגעשפּילט פון די אייביגע בלוטזייגער פון פאָלק אויף די קערפּערס פון אַלע בראַווע, מוטיגע און קלוגע אין דעם פאַגראַמירטן געגנט — דאָס אַלץ איז מיט שענדליכע קיין־צייכנס אויסגעברענט אויף די חיה'שע פּנים'ער פון דידאָזיגע בלוט־זייגער. ווי אונטערדריקענד שווער אַזאַ פאַרוויסטונג לייגט זיך

אויף די הערצער פון דער האלב־גלייכגילטיגער מערהייט, איז אויך באקאנט. עס איז אָבער אויך באוואוסט וואָס פאר א ביטערן האס אויפן גאנצן לעבן דער חורבן רופט ארויס ביי די איבערגעבליבענע, ביי וועמען עס איז נאָר פאַראַן א פונק פון א מענשליכער נשמה, וועלכע איז ניט אויפגעפרעסן געוואָרן פון די טירישע לעבנס־נויטן. און עס איז אויך באקאנט ווי עס עפנט די אויגן יעדן ניט־בלינדן אָט די דראמע, וואו די מאסקעס זיינען ארונטערגעריסן און אייניגע דערדריקן די אנדערע מיט דער גאנצער ווילדקייט פון שוועכלינגע און געמיינע יונגען, וואָס גיסן אויס זייער בייזן האס אויף די שטאַרקע און בראַווע, וועלכע זיינען געכאַפּט געוואָרן איז נעץ. זאָלן כאָטש איינמאָל דער פּריצים־שטאַנד און דער צאַר זיך ארויסווייזן אין זייער גאנצער טירישער נאקעטקייט, און די טייכן בלוט, וואָס ווערן פארגאָסן אין איין געגנט, וועלן ניט אוועקפליסן ניט איבערלאָזנדיג נאָך זיך קיין שפּור. אָהן טייכן בלוט וועט די סאָציאַלע איבערקערעניש ניט פּאַרווירקליכט ווערן; די נאָכפאָלגענדע וועלן פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די ערשטע — זאָלן נאָר די ערשטע האָבן אָפּגעשוואכט די פארפלייצונג פון די קומענדיגע. און ווילט איר, קאָן מען זאָגן, אז אָט די ערשטע טייכן — מעגליך טייכלאַך — גיסן זיך שוין איצטער און ווי א ניט־איבערגעריסענער שנור אָט זאַפּן זיי זיך איין, אָט גיסן זיי זיך אין די לעצטע צענדליגער יאָרן; און עס וואָלט אפשר געווען גאָר אַ אונזין פון אונזער זייט צו טראַכטן אפילו וועגן אָפּהאַלטן זיי, און עס קאָן זיין, אז קיין בעסערער אויסוועג איז פאר אונז ניטאָ, ווי אליין זיך דערטרינקען אין דער ערשטער טייך, וואָס רייסט דורך די דאַמבע...

אונזערע באציאונגען צו אלע פארטייען ווייזן זיך ארויס גענוג קלאָר פון אלץ, וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרן. מיר וועלן זיי פונדעסטוועגן איבערזאָגן אין עטליכע ווערטער.

קודם כל — אונזערע באציאונגען צו דעם אינטערנאציאָנאַל. מיר האַלטן, אז פירן א וויכוח צי מען זאָל צושטיין צום אינטערנאַציאָנאַל, צי ניט — ניט אין פרינציפּ נאָר פאַקטיש — איז איצטער אוממעגליך. כל זמן מיר האָבן ניט א וועלכע עס איז שטאַרקע אָרגאַניזאַציע צווישן די פּויערים און די ארבעטער, וואָלטן אונזערע

אַלע באַציאונגען ניט געווען קיין זאַכליכע, נאָר בלויז פּערזענליכע, אָבער ווען אַזעלכע באַציאונגען איז קוים ווערט צו דיסקוטירן. פאַלגליך איז דער פונקט וועגן צושטיין צום אינטערנאַציאָנאַל אָדער ניט, אַ מעשה פון דער צוקונפט. מיר קאָנען בלויז זאָגן, אַז צוליב דעם אומגעהויער גרויסן אונטערשייד אין דעם אַרט דיינקען פון אונזער פאָלק, אין די פאָרמען פון זיינע פאַרשטעלונגען, אין זיינע שטרעבונגען, אין פאַרגלייך מיט דיזעלבינע אייגנשאַפטן פון די מערב־אייראָפּייאישע אַרבעטער; צוליב דעם אונטערשייד אין דער שפּראַך, און ענדליך צוליב אונזער עקאָנאָמישער אָפּגעזונדערט־קייט — דיינקען מיר ניט, אַז אונזערע באַציאונגען אין דער מער אָדער ווייניגער נאָענטער צוקונפט וועלן קאָנען זיין וויפיל ניט איז לעבעדיגע און איינגע, סיידן נאָר ווי צווישן איינצעלנע פּערזענ־ליכקייטן. עס איז קיין ספק ניט, אַז יעדע סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון מערב־אייראָפּאַ וועט אין דער גאַנץ נאָענטער צוקונפט האָבן אַן אָפּקלאַנג אויך ביי אונזער פאָלק; יעדער היפשער ער־פאָלג פון די מערב'דיגע אינטערנאַציאָנאַליסטן וועט אָנגענומען ווען ביי אונז מיט אַ מיטגעפיל און אינטערעס, און וועט אונז אויך צוגעבן מוט. עס איז זייער וואַרשיינליך, אַז די באַשלוסן פונם אינטערנאַציאָנאַל וועלן אויך ביי אונז דיסקוטירט ווערן, ניט נאָר פון דער קולטורעלער יוגנט, נאָר אויך פון די אַרבעטער־פאַראיינען. אָבער דאָס שטעלט נאָך אַלץ ניט צוזאַמען יענע געמיינשאַפט־ליכקייט, וועלכע דאַרף עקזיסטירן צווישן די טיילן פון איין פּאַר־טיי; און אַזאַ געמיינשאַפטליכקייט קאָן זיך קירצליך קוים איינ־שטעלן.

דעריבער וועלן מיר זיך באַנוגענען בלויז מיט דער דערקלערונג, אַז אין די פּרינציפּן, ווי מען קאָן עס זען פון אַלץ וואָס איז פריער געזאָגט געוואָרן, גייען מיר זיך פולשטענדיג צונויף מיט דעם פעדע־ראַליסטישן צווייג פון דעם אינטערנאַציאָנאַל און פאַרוואַרפן די שטאַט־פּרינציפּן פון דעם אנדער צווייג.

וואָס איז שייך אונזערע רוסישע פּאַרטייען אין אויסלאַנד, איז אַזוי ווי מיר גייען זיך צונויף אין די פּרינציפּן מיט די רוסישע פאָרשטייער פון דער פעדעראַליסטישער אָפּטיילונג פון אינטער־נאַציאָנאַל, אַנטזאָגן מיר זיך איינגאַנצן אויף אַ וועלכן עס איז אופן

זיך אריינצומישן אין די צוויסטיקייטן פון אונזערע פּארטייען, היות זיי האָבן לסוף אנגענומען א פּערזענליכן כאַראַקטער, און אזוי ווי מיר, לעבענדיג דאָ, קאָנען ניט האָבן קיין ריכטיגן באַגריף וועגן דעם כאַראַקטער פון דידאָזיגע מחלוקות. בנוגע זייערע צייטווייליגע דרוק־אויסגאבן מוזן מיר זאָגן, אז קיין איינע פון זיי קאָנען מיר ניט אנדערקענען פאר דעם אָרגאַן פון אונזער פּאַרטיי.

טיף אכטנדיג איינעגע פּאַרשטייער פון אונזער רוסישער עמי־גראציע און זייער טעטיקייט אין דעם אינטערנאַציאָנאַל, האָבן מיר פונדעסטוועגן ניט בדעה אריינצוטרעטן מיט קיינעם פון זיי אין א איינגן אָרגאַניזירטן פאַרבאַנד, ווייל מיר זעהען ניט קיין מעג־ליכקייט צו מאכן פון אים א ווירקליכן פאַרבאַנד. מיר האָבן בדעה זיך צו אנטוויקלען דאָ אליין איינגנאַרטיג, אָהן וועלכער עס איז לייטונג פון די אויסלענדישע פּארטייען, ווייל מיר מיינען, אז אחוץ אין אלגעמיינע שטריכן קאָן די עמיגראַציע קיינמאָל ניט געבן א ריכטיגן אויסדרוק צו די פּאָדערונגען פון איר פאָלק, וואָרים דערצו איז נויטיג אליין צו זיין צווישן די רוסישע פּויערים און שטאָטישע ארבעטער. און לסוף, א נויטווענדיגער באַדינג פאר א פולשטענ־דיגער פּאַראייניגונג פון פּערזאָנען איז די מעגליכקייט צו געפינען זיך אין שטענדיגע איינגע באַציאונגען, וואָס אין דעם געגעבענעם פאַל איז אוממעגליך.

ע נ ד